STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07770

EYNAKTERS

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

פרץ הירשביין

איינאַקטערס

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Perec Hirszbejn — „Ejnakters“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

דעם זכרון פון
מיינע עלטערן

אינהאַלט

זייט

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען (1915) 9

אויפן שוועל (1915) 45

בעבעלע (1915) 73

אַ זאַווערוכע (1915) 107

איינזאַמע וועלטן (1905) 139

ווען עס פאַלט דער טוי (1914) 163

אליהו הנביא (1914) 191

אין דער פינסטער (1906) 223

פונקען (1913) 247

קברים-בלומען 1906) 261

פראָסט-בלומען (1918) 281

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

פערזאָנען:

מרדכי גדליה, וואוינט אויפן דאָרף

פריידעלע }
פינעלע } זיינע קינדער

יידן

אַן אַלטע פרוי

אַ דאָרפיש שטיבל. קליינע פענסטערלעך. די ווענט שוין לאַנג נישט געקאַלכט, עס קוקט אַרויס די אָרעמקייט פון יעדן ווינקעלע. סוף זומער. אַרום האַלבן טאָג.

פ ר יי ד ע ל ע

קנעט אַ ברויט אין אַ גרויסער דייזשע, וואָס שטייט אויף אַ קלעצל אין מיטן שטוב. ס'איז איר שווער: רוט זיך יעדע ווײַלע אָפּ מיט די הענט אין ברויט. מען הערט ווי אַ פור פאָרט צו צום שטוב.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

קומט אַרײַן, טראָגט אַ ברעמיע האָלץ

פ ר יי ד ע ל ע

פון וואַנען קומסטו, טאַטע?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

איך פאָר פון וואַלד.

פ ר יי ד ע ל ע

פירסט האָלץ אין שטאָט אַרײַן?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

יאָ, מײַן קינד. דאָ האָב איך פאַר דיר טרוקענע האָלץ געבראַכט. כ'וועל עס דיר אַרײַנלייגן אין אויוון.

פ ר יי ד ע ל ע

איך וועל עס אַליין, טאַטע. בעסער פאָר שוין, וועסט פריער קומען אַהיים.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

כ'וועל הײַנט סײַ־ווי קומען פריער אַהיים. נאָך פאַר שבת האָט מען בײַ מיר באַשטעלט די פור האָלץ.

פ ר יי ד ע ל ע

אַז דו קומסט שפּעט אַהיים איז מיר אומעטיק.

מרדכי גדליה

וואָס מיינסטו, מיר איז אויך אומעטיק, מיין קינד.

פרײדעלע

גיי, טאַטע, אַריין און זע, וואָס פיניעלע מאַכט.

מרדכי גדליה

האָט ער עפּעס גענומען אין מויל אַריין?

פרײדעלע

איך האָב אים געגעבן אין מיילכעלע אַ פרישע סיסקעלע. ווייסט, טאַטע, נאָך איין שטיקעלע צוקער געבליבן. זאָלסט נישט פאַרגעסן צו ברענגען צוקער פון שטאָט.

מרדכי גדליה

איך קוק ווי דו ביסט פאַרהאָרעוועט, מיין קינד. האָרעוועסט איבער די כּחות.

פרײדעלע

ס׳איז מיר נישט שווער. וואָלט נאָר פיניעלע ווערן געזונט.

מרדכי גדליה

גייט אַריין אין אַנדערן חדר

פרײדעלע

קנעטנדיק

נו, וואָס מאַכט ער? ווייסט, כ׳האָב שוין געוויינט. מיר דאַכט זיך, אַז ווען די מאַמע וואָלט לעבן וואָלט אפשר פיניעלע נישט קראַנק געווען.

מרדכי גדליה

קומט אַרויס

אפשר וועט דער, וואָס אין הימל, געבן, ער וועט ווערן געזונט.

פרײדעלע

ער שלאָפט?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

דאָס פּנימל ברענט.

פ ר יי ד ע ל ע

ווען די מאַמע וואָלט איצטער געלעבט.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

די מאַמע האָט אַלצדינק מיט זיך מיטגענומען. נישטאָ קיין מזל. נישטאָ קיין מוט.

פ ר יי ד ע ל ע

וועסטו עמיצן אין שטאָט פרעגן וואָס צו טאָן?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

אפשר שניידן זיך אים ציינדלעך?

פ ר יי ד ע ל ע

איך האָב מיטן פינגער געזוכט אין מיילכעלע, זעען זיך נאָכ־נישט קיין ציינדלעך.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

גענוג דיר שוין זיין צו קנעטן. וועסט טאַקע באַלד איינהייצן אין אויוון. די מעל געוועזן טרוקן. וועט מסתמא באַלד אויפגיין.

פ ר יי ד ע ל ע

אפשר וואָלסטו היינט, טאַטע, גאָרנישט פאָרן אין שטאָט אַריין... נאָר טאַקע בעסער פאָר: מער ווי איין שטיקעלע צוקער נישטאָ אין שטוב.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

ווי איך זע, האָסטו מורא צו בלייבן אין שטוב אַליין. ס'איז דאָך בייטאָג, מיטן וועג גייען און פאָרן מענטשן.

פ ר יי ד ע ל ע

אונזער שטוב שטייט אַזוי ווייט פון דאָרף.

מרדכי גדליה

באַריש קינד, וואָס איז דער חילוק? אומעטום גאָטס וועלט. וואָס קאָן מען טאָן? אפשר אַזוי בגזר געוואָרן, די מאַמע זאָל דיך אַזוי יונג לאָזן. מיט איר איז אַלץ אַוועקגעגאַנגען פון שטוב.

פריידעלע

ווען, טאַטע, ט׳מען שוין מעגן אויסקאַלכן די שטוב?

מרדכי גדליה

טאַקע זייער חושך אין שטוב. מען וואָלט שוין געמעגט, נאָר דו וועסט עס האָבן כח צו טאָן?

פריידעלע

פאַרוואָס נישט? וואָלט מען נאָר מעגן.

מרדכי גדליה

זו, מיין קינד, איך וועל אַוועקפירן די האָלץ. כ׳וועל היינט קומען פריער. מען וועט טאַקע באַדאַרפן אויסקאַלכן. אפשר וועט מען עמיצן אַריינבעמען אין שטוב, זאָלסט נישט באַדאַרפן זיין אַליין.

פריידעלע

וועמען ווילסטו דען אַריינבעמען אין שטוב? מיר צו העלפן?

מרדכי גדליה

נו, אודאי, דיר זאָל ווערן אַביסל גרינגער. די מאַמע האָט אַזוי געצִיטערט איבער דיר און איצטער שלאָגסטו זיך אַרויס פון די כחות.

פריידעלע

מען באַדאַרף נישט. מיר איז גוט אַזוי אויך.

מרדכי גדליה

איך קאָן נישט צוזען ווי דו האָרעוועסט אַזוי.

פ ר יי ד ע ל ע

פּאָלג מיך, טאַטע, מען באַדאַרף קיינעם נישט האָבן. איך בין שוין גענוג גרויס. איך וועל פּיניעלען אויך אויסהאָדעווען.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

פּיניעלע, זעסטו, באַדאַרף אויך האָבן אַ מאַמע.

פ ר יי ד ע ל ע

איך וויל נישט, אַז אַ שטיפמאַמע זאָל דאָ זיין אין שטוב.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

מיינסט, אַז יעדע שטיף-מאַמע איז שלעכט?

פ ר יי ד ע ל ע

וויינט זיך פלוצלינג פאַנאַנדער

מיר איז גאָרנישט שווער. איך וועל אין שטוב טאָן אַלצדינק. ווי די מאַמע פלעגט עס טאָן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

דו, נאַריש קינד, וואָס וויינסטו? כ׳האָב נאָר געטראַכט, אין שטוב וועט ווערן אַביסל ליכטיקער. אפשר וועט זיך ס׳מזל אומקערן.

פ ר יי ד ע ל ע

זאָל נאָר פּיניעלע ווערן געזונט, ועסטו זען, אַז איך וועל נאָך דיר אויך קאָנען העלפן. איך וועל אים נעמען אויפן האַנט און פאָרן מיט דיר אין וואַלד אַריין, אָט, אדרבה, קוק אַ קוק וועסטו זען, אַז איך וועל אויפשטיין פאַרטאָג זי אויס מעלקן און אַרויסטרייבן אויפן גראָז.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

דו זעסט אויס אַזוי שלעכט.

פ ר יי ד ע ל ע

ווען די מאַמע וואָלט לעבן, וואָלט איך בעסער אויסגעזען. ס׳איז באשר פון זאָרג.

מרדכי גדליה

איך וויל דו זאָלסט אויפהערן צו זאָרגן. נאַ, זאָל נאָר ס'קינד ווערן געזונט... וועסט טאַקע באַלד איינהייצן אין אויוון. איך פאָר שוין.

ער קוקט זי אָן אַ ווײַלע, שווייגנדיק, גייט אַרויס

פריידעלע

קוקט נאָך דעם טאַטן דורכן פענסטער. אין צווייטן חדר הערט זיך ווי ס'קינד וואָלט אויפגעוואַכט. גייט אַהין. באַלד הערט זיך פון צווייטן הדר איר געזאַנג: איילי-לולי, פּיניעלע, דער טאַטע איז געפאָרן האַנדלען „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". קומט אַרויס. דעקט אַריבער דעם ברויט און פאַרנעמט זיך איינהייצן אין אויוון. די שווערע געדאַנקען רייסן זי יעדע ווײַלע איבער פון דער אַרבעט. אַז זי האָט איינגעהייצט, זעצט זי זיך אַנידער נעבן דער דייזשע, אויף דר'ערד, און הייבט אָן שטיל און ציטעריק צו וויינען. אין דער אָפענער טיר באַווייזט זיך אַן אַלטע פרוי מיט אַ פּאַק אויפן פּלייצע געבויגן

די אַלטע

אַ מזוזה אויפן טיר. אַ יידישע שטוב.

קושט די מזוזה

פריידעלע

דאָ וואוינען יידן. קומט אַריין.

די אַלטע

אַ יידישע ליכטיקע טאָכטער. וואָס זיצסטו אויף דר'ערד? נע, כ'קאָן גאָר דעם פּאַק נישט אַראָפּנעמען פון פּלייצע. כע, כע.

פריידעלע

אָט וועל איך אייך העלפן.

די אַלטע

מיין ליכטיקע טאָכטער, אָט אַזוי, הא. ברעכט די פּלייצע. שווער דער פּעקל. גוטע מענטשן מיר שווער געמאַכט דעם פּעקל.

פריידעלע

מען מוז אָפּשניידן דעם שטריק. שווער אַריבערצונעמען איבערן קאָפּ.

די אַלטע

כע, כע, אָט אזוי האָבן זיי מיר צוגעבונדן דעם פּעקל צום פּלייצע: אָנגעשטאָפּט מיט אַלדאָס גוטס און איצטער טראָג זיך מיט אים. אָט אזוי, שנייד איבער די שטריק: זשאַלעווע נישט.

פֿריידעלע

שנײַדט איבער די שטריק. דער פּאַק פֿאַלט אויף דר'ערד

אַזאַ שווערער פּאַק.

די אַלטע

לאָזט זיך אראָפּ אויפֿן פּעקל

געלויבט איז גאָט, אין אַ יידישער שטוב. וואו איז די מאַמע?

פֿריידעלע

די מאַמע געשטאָרבן. פּסח איז זי געשטאָרבן.

די אַלטע

אַ צדיקות געווען. נע, און דיך אזוי יונג געלאָזן. וואו איז דער טאַטע?

פֿריידעלע

ער האָט אוועקגעפירט האָלץ אין שטאָט אַריין.

די אַלטע

און וואָס טוסטו?

פֿריידעלע

איך האָב דעם ברויט פאַרקנעטן און איינגעהייצט אין אויוון.

די אַלטע

נו, האָסטו געזען צי דאָס ברויט גייט אויף? אָט וועל איך שוין אליין א קוק געבן. אזוי יונג דיך די מאַמע איבערגעלאָזן. גאָר יונג. דעקט אָפּ די דייזשע מהום... עס רירט זיך אַפילו נישט.

פֿריידעלע

כ'האָב נישט לאַנג פאַרקנעטן.

די אַלטע

האָסט דאָך שוין אָבער איינגעהייצט... כ׳זע דו האָסט געוויינט. אודאי אין ברויט אַריינגעוויינט. וואָס?

פריידעלע

איך האָב טאַקע געוויינט. אפשר איין טרער אינגאַנצן איז אַריינגעפאַלן אין דייזשע, וועט טאַקע שוין נישט אויפגיין?

די אַלטע

מע וועט זען. גיב אהער א קישן מיט א האַקמעסער. אָט אזוי, דעק אריבער מיט דעם קישן ס׳זאָל זיין וואַרעם און איצטער לייג אונטער דעם האַקמעסער. ווי וויינט עס אַ מיידל אין ברויט אריין?

פריידעלע

אפשר ווילט איר עסן, באָבעשי?

די אַלטע

כ׳זע, דיינע ליפן זענען פאַרטריקנט. נאָך אַליין אודאי אין מויל נישט געהאַט.

פריידעלע

מיין ברודערל איז קראַנק. זייער קראַנק.

די אַלטע

טע, טע, און דו באַדאַרפסט עס זיין די מאַמע. וואו איז ער?

פריידעלע

ער ליגט אין וויגעלע. אינם אַנדערן חדר. די אייגעלעך אָפן און ס׳פּנימל זיינס ברענט ווי א פייער.

גייען ביידע אין צווייטן חדר

די אַלטע

ס׳הערט זיך איר רעדן אין צווייטן חדר

אַי אַ קינד, אַי אַ קינד, ווי די ליכטיקע זון. דו, דו, עפן

בריים די אייגעלעך. אָט אַזוי, לאַכענקע אַביסעלע, לאַכענקע צו דער מאַמען, אָט אַזוי...

קומען ביידע ארויס

פ ר יי ד ע ל ע

וואָס מיינט איר, ער וועט ווערן געזונט?

ד י אַ ל ט ע

געזונט, געזונט. ער איז נישט קראַנק. ציינדלעך שניידן זיך אים. כ'האָב אין זעקל אַ וואָלף-ציינרעלע, וועט מען עס אים אָנטאָן אויפן העלזעלע. און דו, גרויסע מויד, מיינסט ביסט שוין די מאַמע און דעריבער וויינסטו. קוקט צום ברויט אָהאָ, ער רירט זיך... לאָמיר נאָר זען וואָס הערט זיך אין אויוון. נע, גאָר קנאַפּ האָלץ אַריינגעלייגט. גיי שוין און ברענג אַריין נאָך אַ צוויי שייטלעך האָלץ.

פ ר יי ד ע ל ע

גייט ארויס

ד י אַ ל ט ע

בינדט אויף איר זאק און זוכט דארט

אומעטום צרות. אין שטאָט שטאַרבן קליינע קינדער; אין דאָרף שטאַרבן מאַמעס. אומעטום צרות. אָט, אַ נאַריש קינד נעמט און וויינט אין ברויט אַריין.

פ ר יי ד ע ל ע

קומט אריין מיט א ברעמיע האלץ

וועט זיין גענוג נאָך פיר שייטלעך האָלץ?

ד י אַ ל ט ע

וואַרף עס אַריין אין אויוון. וועט זיין צו הייס, קאָן מען דעם אויוון לאָזן אויסקילן. נישטאָ וואָס צו קאַרגן האָלץ. שוין אַריינגעוואָרפן? טאָ קום אַהער. אָט איז אַ וואָלף-ציינדל אויפן שטריקל. גיי, טו עס אים אָן אויפן העלזעלע. נאַ.

פ ר י י ד ע ל ע

ס'איז טאַקע פון אַ וואָלף דאָס ציינדעלע?

ד י אַ ל ט ע

פון אַ וואָלפעכע, דאָס פאָדערשטע ציינדעלע. גיי, טו עס אים אָן.

פ ר י י ד ע ל ע

אָט גיי איך שוין.

ד י אַ ל ט ע

זוכט אין פעקל

עס גייען אַרום מאַזלען, עס גייען אַרום פּאָקן: וואו ביסטו דאָרט? קום אַהער, כ'וועל דיר אָנטאָן אַ רויט בענדל אויפן האַלז.

פ ר י י ד ע ל ע

קומט ארויס

שוין, כ'האָב עס אים אָנגעטאָן.

ד י אַ ל ט ע

איצטער קום אַהער, זעץ זיך אַנידער ביי מיר אויפן שויס. כ'וועל דיר דאָס רויטע בענדעלע אָנטאָן. נע, האָסט נאָך גאָר, גאָר אַ דין העלזעלע. ביסט דאָך שוין אַ כלה-מויד. קושט איר האַלז אָך, זיס; אָך, זיס... נעמט אַ מאַמע און לאָזט עס איבער אַזאַ קינד אַליין. נו, שוין, אָט אַזוי זאָלסטו עס טראָגן אויפן האַלז, פּאָקן, מאָזלען גייען אַרום אין די דערפער

פ ר י י ד ע ל ע

אַ שאָד, וואָס דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן.

ד י אַ ל ט ע

שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן?

פ ר י י ד ע ל ע

גאָר נישט לאַנג. אויב איר וועט בלייבן ביי אונז נעכטיקן, וועט ער נאָך אָנקומען ביז נאַכט.

די אַלטע

באַקומט פֿון פּעקל אַ קליין לייוונט זעקעלע

געווען אויף אַ מזל-טובֿ; גוטע מענטשן מיר עס געגעבן. שטעל אונטער די הענט, וועל איך דיר אַריינשיטן... נו, ווייסט וואָס דאָס איז?

פֿריידעלע

די שוואַרצע זענען ראָזשינקעלעך און ס׳אַנדערע וואָס איז?

די אַלטע

נאַריש קינד, מאַנדלען איז דאָך עס. אמתע מאַנדלען. שטעל אונטער די הענט וועל איך דיר נאָך אַריינשיטן.

פֿריידעלע

גענוג. גענוג. איר גיט דאָך מיר אַוועק גאָר אינגאַנצן.

די אַלטע

ראָזשינקעלעך לאָז מיר אַ צוויי, נאָר די מאַנדלען נעם דיר. זעסט די פֿאָדערשטע ציין אַרויסגעפֿאַלן שווער זיי איינצוקייען.

פֿריידעלע

ס׳האָט אַ טעם ווי יאָדערן פֿון ניס.

די אַלטע

אָבער ניס, מיין קינד, שמעקט נישט.

פֿריידעלע

כ׳וועל לאָזן פֿאַרן טאַטן אַביסל.

די אַלטע

כע, כע, ביסט אַ געטריי קינד. ביסט דאָך שוין אַ כּלה-מויד. אומעטום צרות... נעמט אַ מאַמע און לאָזט איבער אַזאַ ליכטיקע טאָכטער. קוקט צום ברויט אָ, ער רירט זיך. פֿיין, פֿיין.

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל עס נאָך באַדאַרפן פיניעלען אויסהאָדעוועןֹ.

ד י אַ ל ט ע

די מאַמע אין גן-עדן ט'אים נישט לאָזן פאַלן.

עס דונערט אין דרויסן

פ ר י י ד ע ל ע

אוי, ווי ס'דונערט!

ד י אַ ל ט ע

ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שכחו וגבורתו מלא עולם...
נעם, מיין קינד, גיכער שטעל אַוועק אַ גלאָז וואַסער אויפן פענסטער.

פ ר י י ד ע ל ע

טוט עס

ס'וועט אפשר אַ רעגן אַרויסגיין און דער טאַטע וועט ווערן אויסגענעצט.

ד י אַ ל ט ע

רק דו דאגהסט.

פ ר י י ד ע ל ע

גוט, וואָס איר זענט אַהער אַריינגעקומען. איר האָט געקאָנט ווערן אויסגענעצט.

ד י אַ ל ט ע

טע, טע, איז וואָס? שיינט די זון, טריקנט מען זיך אויס. נו, געשמאַק די מאַנדעלעך?

פ ר י י ד ע ל ע

כ'וועל זיי באַהאַלטן אויפן פאָליצע.

ד י אַ ל ט ע

און שיך האָסטו?

פ ר י י ד ע ל ע

אויף פסח געמאַכט. זענען נאָך גאָר ניי. איך גיי אַרום באָר־וועס, ווייל איך שאַנעווע זיי.

ד י אַ ל ט ע

וואָס הערט זיך אין אויוון?

פ ר י י ד ע ל ע

די העלצער, וואָס כ'האָב צוגעוואָרפן, האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו סמאַליען.

ד י אַ ל ט ע

טאָ קום אַהער. דאָ האָב איך אין זאַק פאַר דיר אַ קליידל מיט קרייזעלעך און אַ יאַקעלע מיט שפּיצן. זעסט? אַביסל צעקנייטשט אָבער נאָך גאָר ניי.

פ ר י י ד ע ל ע

שיינט אויף, קוקנדיק אויף די קליידער

וואו ט'איר עס גענומען?

ד י אַ ל ט ע

מעסט צו

אַביסל צו ברייט. וועסט נאָך באַדאַרפן צוּוואַקסן.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי, זייער ברייט.

ד י אַ ל ט ע

ביז דיין חתונה, אַז גאָט וועט געבן, וועסטו אויסוואַקסן פונקט. לאָמיר נאָר זען דאָס יאַקעלע. ברייטלעך אַביסל. ביסט אַ דאַרע מויד. אויסגעהאָרעוועט און דו דאגהסט, וועסט באַדאַרפן אויסוואַקסן.

פ ר י י ד ע ל ע

וויינט

כ'וועל אפשר נישט אויסהאַלטן אויב דער טאַטע וועט אַריינ־

נעמען אין שטוב אַ שטיפמאַמע.

די אַלטע

נו, נו, וויין נישט. ס'איז נאָכנישט באַוואוסט. בייזערט זיך גוט-מוטיק נו, געגוג דיר. כ'האָב פיינט, אַז מען וויינט. ניטע, אָט זעסטו, ס'איז אַ סטענגע. נעם דיר עס. איידער דו וועסט ליכט בענטשן, זאָלסטו עס איינפלעכטן אין קאָפּ.

פריידעלע

ס'איז זייד?

די אַלטע

נו, אודאי זייד. ווער פלעכט דען אין קאָפּ עפּעס אַנדערש?

פריידעלע

איך וועל גיין זען, וואָס פיניעלע מאַכט... שרייט פון צווייטן חדר פיניעלע איז איינגעשלאָפן.

די אַלטע

זאָל ער שלאָפן. וועט אם ירצה השם אויפשטיין געזונטערהייט. האָסט געשטאָכענע אויערן? דאָ האָב איך אוירינגלעך פאַר דיר, נו, באַווייז דיינע אויערן.

פריידעלע

בויגט זיך אראפ צו דער אלטער

איך ווייס אַליין נישט. אַמאָל האָב איך געהאַט פּאָדים אין די אויערן.

די אַלטע

טאפּט

יאָ, געווען אַמאָל געשטאָכן, אָבער שוין צוריק פאַרוואַקסן. מהום... מען וועט באַדאַרפן שטעכן איבעראַנייס.

פריידעלע

ס'וועט טאָן וויי?

ד י אַ ל ט ע

אודאי וועט וויי טאָן. אָבער, אַז מען וויל גיין אױרינגלעך...

פ ר י י ד ע ל ע

איך וועל אייך געבן נאָדל פאָדים.

ד י אַ ל ט ע

עס וועט וויי טאָן. ס׳קאָן שטאַרק וויי טאָן.

פ ר י י ד ע ל ע

מיר וועט נישט אַרן.

ד י אַ ל ט ע

האָסטו אַ דינע נאָדל?

פ ר י י ד ע ל ע

יאָ, גאָר אַ דינע נאָדל. עס וועט זייער וויי טאָן?

ד י אַ ל ט ע

אַז מען איז לוסטיק, טוט נישט וויי.

פ ר י י ד ע ל ע

טאָ, וועל איך זיין לוסטיק. אַ ווייסן אָדער אַ שוואַרצן פאָדים?

ד י אַ ל ט ע

נו, געוויס אַ ווייסן פאָדים. מאַך נישט קיין קניפּעלע. נישט נויטיק. כ׳מוז אָבער מיינע שפּאַקולן אויסזוכן. אָן די שפּאַקולן מיינע... שאַ... אָט זעגען זיי. טוט אן א פּאר שווערע שפּאקולן כע, כע... וויפל אויערן האָב איך עס געשטאָכן! קום צום פענסטער.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי, כ׳האָב מורא.

ד י אַ ל ט ע

טאָ באַדאַרף מען נישט.

פ ר י י ד ע ל ע

איך זאָג אייך צו, אַז כ׳וועל נישט שרייען. נאָט אייך דעם רעכטן אויער.

ד י אַ ל ט ע

נעמט זיך פאר דער ארבעט

פ ר י י ד ע ל ע

פארבייסט די ליפּן און קארטשעט זיך אזש צונויף, ווען די אלטע שטעכט

ד י אַ ל ט ע

טוט וויי, האַ? אַז מען וויל אוירינגלעך גיין.

פ ר י י ד ע ל ע

האַ, איך הער ווי דער פאָדים גייט. אופ־האַ!

ד י אַ ל ט ע

נו, שוין. מער וועט שוין נישט ווי טאָן אַזוי. דער אַנדערער וועט שוין זיין גרינגער. גיב דעם לינקן אויער. זי שטעכט איר דעם לינקן אויער אָט האָסטו דיר. שוין איבערגעקומען. אין דריי חדשים אַרום זאָלסטו די פעדים איבערשניידן און ארויסציען. און אָט האָסטו דיר די אוירינגלעך. מען זאָגט ס׳איז גאָלד. באַהאַלט, דו זאָלסט זיי נישט פאַרלירן.

פ ר י י ד ע ל ע

אוי וועט עס זיין שיין! כ׳וועל זיי באַהאַלטן אויפן פּאָליצע נעבן די מאַנדלען.

ד י אַ ל ט ע

וואו וועסטו דאָס קלייד אַהינטאָן?

פ ר י י ד ע ל ע

דאָס קלייד? כ׳וועל וואַרטן ביז דער טאַטע וועט קומען. אָן אים קאָן איך עס נישט נעמען. ער וועט אייך באַצאָלן דערפאַר.

די אַלטע

שוין באַצאָלט. אָט האָב איך מיך אויסגערוט. איז שוין באַצאָלט. ווער דען וועט עס אָנטאָן אויב נישט דו? נאַריש קינד, ביסט דאָך שוין אַ כלה־מויד. באַדאַרפסט עס האָבן.

פריידעלע

איך שעם מיך אַזוי.

די אַלטע

וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו שעמען?

פריידעלע

איך בין דאָך נאָך גאָר אַ קינד.

די אַלטע

אודאי ביסטו אַ קינד. אַ גאָלדן קינד. ס'איז שיין אַזוי. ביסט אַ יידישע טאָכטער. דער, וואָס אין הימל, האָט אַן אויג.

דרויסן לאָזט זיך הערן אַ רעגן

פריידעלע

דער טאַטע וועט אַזוי אויסגענעצט ווערן! ווי איז מיר.

די אַלטע

נישט נאָר דיין טאַטע אַליין איז איצטער אין וועג, מסתמא באַדאַרף מען, אַז ס'זאָל גיין אַ רעגן.

פריידעלע

פון די פעלדער האָט מען דאָך שוין די תבואה אַראָפּגענומען.

די אַלטע

נו, איז וואָס? דער זאַמדיקער וועג וועט זיך אַביסל זעצן. וועט מען די פערד נישט באַדאַרפן אַזוי פאַרשניידן.

פריידעלע

דער וועג פון אונז אין שטאָט אַריין איז זייער אַ זאַמדיקער.

ד י אַ ל ט ע

און ס׳פערדל מסתמא אַ מאָגערס?

פ ר י י ד ע ל ע

אַ קליין פערדל. אַז מען לייגט אַרויף מיט אַ קלעצל מער, שטעלט עס זיך שוין אילע ווײלע.

ד י אַ ל ט ע

אָט זעסטו, אַז דער, וואָס אין הימל, ווייסט וואָס ער טוט.

פ ר י י ד ע ל ע

מעסט ווידער צו דאס קלייד מיטן יאקל

ווער איז אין דעם געגאַנגען?

ד י אַ ל ט ע

זעסט דאָך, ס׳איז ניי. אַביסל צעקנייטשט פון זעקל. אָבער שפּאָגל-ניי. קיין שפּרענקעלע אויף דעם נישטאָ.

ס׳הערט זיך, דרויסן איז אימיצער צוגעפאָרן

פ ר י י ד ע ל ע

מענטשן פרעמדע! און איך גיי באָרוועס.

זי כאַפּט די קליידער, וואָס די אַלטע האָט איר געגעבן, און אײלט אין צווייטן חדר אריין

ד י אַ ל ט ע

לאַכט פאר זיך אַליין גוטמוטיק

ס׳הערצעלע זאָגט, ווען מען באַדאַרף שיך אָנטאָן.

עס קומען אַריין צוויי פרעמדע יידן. אַ טאַטע מיט אַ זון זעט אויס זאָלן זיין. ביידע אויסגענעצט פון רעגן

ד ע ר י י ד

אַ גאָט העלף, באָבעשי. אַ רעגן אַ ביסל!

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן

קלאַפּט אָפּ דעם רעגן פון היטל

וואַרעם דאָ אין שטוב.

ד י אַ ל ט ע

אַ גאָס-רעגן, וואָס?

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן

אַ דונער געפּאַלן נעבן אונזער וואָגן. ס׳פערד זיך אַוועקגע-שטעלט דיבאָם.

ד ע ר י י ד

וואו זענען דאָס די מאַנסבילן?

ד י אַ ל ט ע

קום אַרויס, מיין קינד, געסט זענען געקומען!

פ ר י י ד ע ל ע

קומט אַרויס. שיך אויף די באָרוועסע פיס

אַ ל ט ע

געלאָפן אָנטאָן שיך, כע-כע...

ד ע ר י י ד

וואו איז דער טאַטע?

פ ר י י ד ע ל ע

ער איז געפאָרן אין שטאָט אַריין.

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן

אפשר דער ייד, וואָס האָט געפירט האָלץ, אַזוי מיט אַ דאַר, קליין פערדעלע?

פ ר י י ד ע ל ע

יאָ, ס׳איז מיין טאַטע.

ד ע ר י י ד

און דאָס איז אַ באָבע מסתמא?

ד י אַ ל ט ע

לאַכט

דער יונגערמאַן

וואָס לאַכט איר, באָבעשי?

די אַלטע

אודאי, אַ באָבע, ווייסט ווי דען?

דער יונגערמאַן

איך האָב אייך ערגעץ געזען. כ׳קאָן שווערן, אַז דאָס פּנים איז מיר באַקאַנט.

די אַלטע

אַ יידיש פּנים, וואָס? אין דיין באָבען געראָטן.

דער ייד

אַ קלוגע יידענע. אַ קרובה מסתמא?

די אַלטע

נו, אודאי אַ קרובה.

פריידעלע

זיי זענען דאָ דורכגעגאַנגען מיטן וועג, אַריינגעקומען זיך אָפּרוען.

די אַלטע

איר זעט, נאָך גאָר אַ קינד — און וואָס פאַר אַ ברויט זי האָט פאַרקנעטן.

זי דעקט אָפּ די דייזשע

דער ייד

נעמט אַראָפּ די קישן, ווערים ס׳וועט אַרויס פון דייזשע.

דער יונגערמאַן

דאָס איז שוין געווען איינמאָל אויסגעקנעטן! נישט אומזיסט אַזוי אויפגעגאַנגען.

פריידעלע

כ׳האָב גאָר נישטגעקנעטן אַזויפיל.

ראָזשינקעס מיט מאנדלען

דער ייד

נאַ, נאַ, דאָס איז שוין איינמאָל אַ ברויט.

קוקט זיך ארום

פריידעלע

דער טאַטע וועט ברענגען קאַלך וועל איך אויסקאַלכן אין שטוב. ביז איצטער נישט געטאָרט. די מאַמע איז געשטאָרבן פּסח.

דער ייד

אַזוי, די מאַמע געשטאָרבן. מסתמא נאָך גאָר יונג געווען, הערסט, מיין זון? אַזוי יונג און איז פאַריתומט געוואָרן. און ווי עס פירט אַליין אַ שטוב!

פריידעלע

אפשר וועלן די יידן עפּעס עסן? כ׳קאָן אַריינלייגן קאַרטאָפל אין אויוון, וועלן זיי זיך אָפּבראָטן.

די אַלטע

נו, אודאי וועלן די יידן עסן.

פריידעלע

איך וועל לויפן אַריינברענגען קאַרטאָפל פון שטאַל.

לויפט ארויס

דער ייד

אַ מיידל — אַ פייער, אַ יתומה געבליבן, אַ רחמנות. ליגט איר נאָך די מילך אויף די ליפּן.

די אַלטע

וואַקסט אַ גרויסע באַלעבאָסטע.

דער יונגערמאַן

אָבער זע נאָר ס׳אַראַ ברויט זי האָט פאַרקנעטן, כאַ-כאַ-כאַ...

פריידעלע

קומט אריין, טראגט אין שירץ קארטאפל,ווארפט זיי אין אויוון אריין

דער יונגערמאַן

נענוג, גענוג... אֶ, אָ, אַן אמתער גהינום איז אין אויוון.

דער ייד

עס לייטערט זיך אויס אין דרויסן. איר וועט זיך, באָבעשי, קאָנען אַרויפכאַפּן אויף מיין וואָגן; איך וועל אייך אונטערפירן ביז אַ נאָנטן דאָרף, וואו יידן זענען פאַראַן.

פֿריידעלע

איר וועט, באָבעשי, ביי אונז קאָנען איבערנעכטיקן. עס שטייט אַ ליידיקע בעט, וועט איר קאָנען שלאָפן אין איר.

דער יונגערמאַן

און אַז מיר וועלן דאָ וועלן בלייבן ביז מאָרגן, וואו וועסט אַן אָרט מאַכן?

פריידעלע

לאכט פארשעמט

ס'איז פאַראַן ביי אונז אַ בוידעם מיט היי.

דער יונגערמאַן

וועט איר מיטפאָרן, באָבעשי?

די אַלטע

וועל איך טאַקע גיין צופוס. איך באַדאַרף גיין אַהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען, מיין זון.

דער ייד

אַ שאָד צו ברעכן אַלטע פיס. מיר איז שוין שווער צו גיין צופוס.

מרדכי גדליהו

קומט אריין, נאך פארהאָרעוועט

פריידעלע

אָט איז דער טאַטע. ווי קומסטו אַזוי גיך אַהיים?

דער ייד

דאָס איז דער באַלעבאָס? שלום עליכם.

מרדכי גדליהו

כ׳האָב געלאָזן מיין טאָכטער גאָר אַליין אין איצטער, קיין עין הרע, אַ פולע שטוב יידן. דער רעגן געבראַכט אַהער?

פריידעלע

וואָס ביסטו אַזוי פרי געקומען? ביסט דאָך נאָך אין שטאָט נישט געווען.

דער יונגערמאַן

מיר האָבן אייך באַגעגנט מיט אַ פור האָלץ.

מרדכי גדליהו

כ׳האָב צופיל אָנגעלייגט, האָט זיך צעבראָכן אַן אַקס.

פריידעלע

אוי וויי!

די אַלטע

קיין סכנה נישט. יידן וועלן העלפן.

מרדכי גדליהו

כ׳האָב געזען, אַז היינט וועל איך שוין סיי ווי נישט אָנ־שפאַרן אין שטאָט, האָב איך ס׳פערדל אויסגעשפאַנט און גע־קומען רייטנדיק אַהיים. כ׳וויים, געלאָזן זי אַליין און דאָס קליינס איז מיר אויך עפעס נישט מיט אַלעמען. נו, געבליבט איז גאָט, געטראָפן אַ פולע שטוב יידן. פון וואַנען פאָרט מען עפעס?

דער ייד

מיר זענען נישט פון נאָנט.

מרדכי גדליהו

דאָס זעט מען. כ׳וואוין שוין באַלד אַ יאָר צוואַנציק אין דעם

געגנט און עפּעס נישט באַקאַנט.

דער ייד

עס קומט נישט אויס מיט דעם וועג צו פאָרן.

מרדכי גדליהו

און די באָבע קוקט מיר שוין יאָ אויס אַביסל באַקאַנט.

די אַלטע

אַ יידיש פּנים, וואָס?

מרדכי גדליהו

וואָלסטו עפּעס געמאַכט, מיין טאָכטער, אַן עסן פאַר די יידן.

פריידעלע

כ'האָב אַריינגעוואָרפן קאַרטאָפל אין אויוון אַריין.

דער ייד

ווי איך הער, איז די מאַמע אירע אַוועקגעשטאָרבן?

מרדכי גדליהו

פאַרפינסטערט געוואָרן די שטוב.

דער ייד

מען דאַרף דעם בטחון נישט אָנווערן.

די אַלטע

צו פריידעלען

אָט זע די קאַרטאָפל זאָלן נישט פאַרברענט ווערן.

פריידעלע

עסקט זיך ביים אויוון

דער יונגערמאַן

איר האָט געהערט דעם גרויסן דונער?

מרדכי גדליהו

ס'האָט אַ בוים אויסגעבראָכן, געפאַלן אויפן רעכטן מיטן וועג.

פ ר י י ד ע ל ע

שארט ארויס די קארטאפל, ברענגט צום טיש. דער עולם רייבט די הענט. נעמט זיך צום עסן, בלאזן און עסן מיט די שאלעכץ

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

קומט איר, באָבע, נענטער צום טיש. נעמט אַ קאַרטאָפל.

ד י אַ ל ט ע

נע, ס׳וועט שוין אַזוי רעכט זיין.

זי עסקט זיך ביים פייער

פ ר י י ד ע ל ע

לאָזט מיך, איך וועל דאָס פייער צעשאַרן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

ווי זענען עפּעס די מסחרים אין אייערע קאַנטן?

ד ע ר י י ד

די מסחרים שלעכט אויף דער וועלט. נאָר ביי מיר, נישט צו פאַרזינדיקן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

אין דעם געגנט אויך דאָס אייגענע. נישטאָ וואו אַ פיר האָלץ אָפּצוּוואַרפן.

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן

ראָס איז אייער גאַנצער מסחר?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

ס׳הויבן זיך נישט די הענט פאַר עפּעס בעסערס.

ד ע ר י י ד

מען באַדאַרף נאָר דעם בטחון נישט אָנווערן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

און וואָס איז אייער מסחר?

ד ע ר י י ד

מען האַנדלט מיט תבואה.

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן

מיר פירן גרויסע געשעפטן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

יאַ, אַז מען קאָן עס נאָר דערגרייכן.

ד ע ר י י ד

אָבער שווערע צייטן אָנגעקומען. מסחר פאַלט.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

וואוהין פאָרט מען עס איצטער? אויך מסחר?

ד ע ר י י ד

יאָ... שוין פון זיינעטוועגן: מיין זונס וועגן.

פ ר י י ד ע ל ע

טאַטע, כ'האָב נאָך האָלץ צוגעוואָרפן, איצטער האָב איך מורא ווצט זיין צו הייס אין אויוון.

ד י אַ ל ט ע

אָט טשעפּע זיי נישט. זאָלן זיי דאָרטן זיך רעדן. מיר וועלן שוין זיך ווי ס'איז אַן עצה געבן. זע נאָר דאָס ברויט זאָל פון דייזשע נישט אַרויסלויפן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

ס'קליינע עופהלע איז מיר עפּעס איינגעפאַלן. האָדעוועט זיך אָן אַ מאַמען.

פ ר י י ד ע ל ע

ווייסט, טאַטע, פיניעלע איז שוין בעסער. עס שניידן זיך אים ציינדעלעך.

ד ע ר י י ד

קום, מיין זון, וועלן מיר זען וואָס אויף דרויסן הערט זיך.

ראַזשינקעס מיט מאַנדלען

דאַכט זיך מיר, ס'לייטערט זיך אויס.

גייען אַרויס

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

האָט איר, באָבע, געזען ס'קליינע יתומל!

ד י אַ ל ט ע

אַ ליכטיק קינד, ט'זיין געזונ...

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

גייט אין צווייטן חדר

פ ר ײ ד ע ל ע

בלייב ביי אונז, באָבע. איך וועל דעם טאַטן זאָגן.

ד י אַ ל ט ע

כ'וועל נאָר ענג מאַכן אין שטוב. נאָכוואָס דאַרף מען אַן אַלט מענטש אין שטוב? אַן אַלט מענטש באַדאַרף נישט פאַרנעמען צופיל אָרט.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

קומט אַרויס

שלאָפט און די היץ האָט אָפּגעטראָטן.

ד י אַ ל ט ע

וועט זיין געזונט. קיין סכנה. צייגדעלעך שניידן זיך אים.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

ווען די מאַמע וואָלט עס לעבן. די יידן קומען ווידער אריין. נו וואָס, עס לייטערט זיך אויס? מיין וואָגן האָלץ וועט שוין מסתמא איבערנעכטיקן אויפן וועג. כ'וועל נאָך באַדאַרפן גיין אין דאָרף אַריין ערגעץ אַנטלייען אַן אַקס.

ד ע ר י י ד

אפשר וועלן מיר זיך נאָך אומקערן צוריק. מ'וועט קאָנען נע-מען מיין וואָגן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה

וואוהין איז מען עס געפאָרן, טאַקע אַהער? דאָ עפּעס אַן עסק געמאַכט?

ד ע ר י י ד

שמייכלט

נאָך נישט באַוואוסט. אפשר וועט מען דא מאַכן מסחר. ווי רופט מען אייך?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

נישט באַקאַנטלעך באַנ׳אייך, מרדכי גדליהו איז מיין נאמע,ן נאָך אַ זיידן.

ד ע ר י י ד

און איך בין בנימין מינטשיצער.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

אַזש פון מינטשיץ!

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן

נעכטן נאָך האַלבע נאַכט אַרויסגעפאָרן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

מיט מיין פערדל וואָלט איך נאָך היינט דאָ נישט אָנגעשפאַרט.

ב נ י מ י ן

ווי אַלט איז אייער טאָכטער?

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

שוין זעכצן יאָר, קיין עין הרע. אַ בריה, ווי די מאַמע אירע, זאָל זיין אין גן־עדן.

פ ר י י ד ע ל ע

וואָס באַדאַרפסטו מיך אַזוי לויבן, טאַטע?

ב נ י מ י ן

דאָס איז אַ בן יחיד. יצחק איז זיין נאָמען. נאָך אַן צלטער־זיידן.

יצחק און פריידעלע קוקן זיך דורך,ביידע פארשעמטלעך

די אַלטע

(לאַכט גוטמוטיק)

האַ, געלאָזן אין אויוון צווי קאַרטאָפל, גאָר פאַרברענט געוואָרן.

מרדכי גדליהו

אַזוי גאָר, אויך אַ בן יחיד. העלפט מסתמא דעם טאַטן. ווען איך וואָלט האָבן אַ גרעסער יינגל אין שטוב. וואָלט ער מיר אויך געווען אַ ביסל באַהילפיק.

בנימין

איך פאָר עס איצטער אָנקוקן אַ כלה פאַר אים. נאָך גאַנצע צען מייל פון דאַנען.

מרדכי גדליהו

ווייטלעך.

בנימין

איך זאָג אויך, אַז ס׳איז צו ווייט, ס׳איז שוין אַ לאַנגע מעשה אין דעם. כ׳האָב מיך געטראָפן אַרום שבועות אויף אַ יריד מיט אַ מענטשן. אַביסל באַקאַנטלעך. מען האָט זיך צונויפּ־גערעדט... און דאָ אַנומלט האָט ער ווידער באַפוילן דורך זיי־נעם אַ קרוב. טראַכט איך מיר, די צייט איז שטיל. ס׳פערד עסט דעם האָבער, אָט לאָמיר זיך אַריבערכאַפּן. אָבער איך טראַכט אַליין — ס׳איז אַביסל ווייטלעך... (ווענדט זיך צו פריידלען.) ווי רופט מען דיך?

פריידעלע

פריידע לאה.

מרדכי גדליהו

איר מאַמעס אַ מאַמע געווען.

בנימין

פאַרשטייט איר מיך, דער געגנט דאָ געפעלט מיר זייער. גע־

דיכטלעך דערפער אַרום. און די פעלדער קוקן מיר אויס אַביסל חשובער ווי אין מיין געגנט.

מרדכי גדליהו

די היגע תבואות האָבן אַ שם.

יצחק

ווען איך וואָלט דאָ אין דעם געגנט געזעסן, אָ, אָ!

מרדכי גדליהו

איך ווייס עס אַליין. נו, איז מען געבליבן ווי אויפן וואַסער. הייבן זיך נישט די הענט.

בנימין

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, דער רעגן האָט מיך אַהער אַריינגעבראַכט. כ׳זיץ און טראַכט. אפשר איז עס אַ גאָט-זאַך. איר זייט אַ ייד, וואָס געפעלט מיר. מילא, אָרעם איז קיין חרפה נישט. און דער עיקר דער געגנט.

מרדכי גדליהו

איך זאָג אויך, אַז דער געגנט איז אַ פיינער.

בנימין

וואָס זאָגסטו, מיין זון, אפשר טאַקע אַ שאָד צו טרייבן ס׳פערד נאָך גאַנצע צען מייל?... איר הערט, באָבע, וואָס מיר ריידן דאָ? וואָס זאָגט איר?

די אַלטע

וואָס זאָל איך זאָגן? געבענטשט זאָל זיין אַ יידישע שטוב. כע, כע, עשירות, אָרעמקייט, אַלץ פון גאָט. נו, זאָל זיין געבענטשט אַ יידישע שטוב.

בנימין

כאַ, כאַ, אַ קלוגע אַלטע, ווי איך בין אַ ייד. אַלץ פון גאָט, וואָס זאָלן מיר זיך דאָ נאַרן?

מרדכי גדליהו

די גאַנצע זאַך גאָר קשהדיק. עפּעס גאָר אַ וואונדער. לאַכט עפּעס טאַקע... נישט צו גלויבן. וואָס זאָל איך זאָגן?

בנימין

איך וויל מיין זון לאָזן אין דעם געגנט. ער וועט דאָ אָנהייבן פירן מסחר — אַז מען האָט אַ גוט פערד איז עס קיין מינ־טשיק נישט אַזוי שטאַרק ווייט. נו, וואָס זאָגסטו, מיין זון, האָסט חשק צו פאָרן ווייטער?

מרדכי גדליהו

צו פריידלען, וואָס שטייט נעבן אויזון מיט אַ צעפלאַמט פּנים

דו הערסט, מיין קינד, וואָס מען רעדט דאָ?... כ׳ווייס. כ׳וואָלט פאַר איר קאָנען האָבן אַ שטיקל נדן...

פריידעלע

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרשעמט

בנימין

וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך צו רעדן. וואָס באַדאַרף דען מיין קינד נדן? לאָמיר דאָ איבערנעכטיקן. קום נאָר אַהער, טאַכטער, אָט זעסטו, ס׳איז מיינער אַ זון. אַ בן יחיד. ס׳פעלט אים גאָרנישט. די מאַמע מיט פוטער געקאָרמעט.

מרדכי גדליהו

איר מאַמע, זאָל זיין אין גן־עדן, האָט אויך איבער איר געציטערט.

בנימין

וואָס איז דאָ צו באַלאַמוטשען, אויב ס׳איז אַ גאָט־זאַך. געפאָרן אָנקוקן אַ כּלה, נו, האָט גאָט געמאַכט איך זאָל גאַנצע צען מייל פאַרשפאָרן ס׳פערד צו טרייבן. גיט אַ האַנט, ר׳ מרדכי גדליהו... מיין יידענע וועט אויך זיין צופרידן — געוויינט, וואָס כ׳פיר איר בן־יחיד אַוועק אין אַזאַ ווייטקייט.

מרדכי גדליהו

מילא, מען איז דאָך יידן. מען זעט דאָך, ס׳איז אַ גאָט־זאַך...

בנימין

יא, כ׳מיין אפשר זאָל איך שיקן נאָך דער יידענע מיינער...
טאָ גיט אַ האַנט, ר׳ מרדכי גדליהו.

מען איז מקבל קנין

יצחק

איך וועל די שטוב אַראָפּוואַרפן. כ׳וועל בויען אַ גרעסערע
נעבן וועג.

מרדכי גדליהו

ס׳האָלץ איז גוט. מען וועט אפשר באַדאַרפן אויפצובויען נאָך
אַ האַלבע שטוב.

די אַלטע

קוקט אין פענסטער

די זון האָט זיך שוין באַוויזן. אַזוי גיך זיך אויסגעלייטערט,
נו, כ׳וועל שוין גיין.

פריידעלע

בלייבט דאָ, באָבעשי, ביז מאָרגן.

מרדכי גדליהו

טאַקע וואוהין? בלייבט שוין דאָ נעכטיקן.

בנימין

מען וועט אייך צופירן שפּעטער אַביסל.

יצחק

כ׳וועל אייך אָפּפירן וואו איר באַדאַרפט.

די אַלטע

קלייבט צונויף איר פּעקל

אַן עבירה צו זיצן אַזוי לאַנג אויף איין אָרט.

יצחק

וואָס איילט איר זיך? בלייבט דאָ.

פ ר י י ד ע ל ע

בלייבט דאָ, באָבע, איך װעל װײַזן, װאָס איר האָט מיר אי־בערגעלאָזן.

ד י אַ ל ט ע

נישט איצטער, שפּעטער, אַז מען װעט באַדאַרפֿן.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

איר זענט דאָך הונגעריק.

ד י אַ ל ט ע

אַבי די זון האָט זיך שױן באַװיזן. ביז נאַכט נאָך אָנשפּאַרן װאו אויף אַ נאַכטלעגער.

מ ר ד כ י ג ד ל י ה ו

נו, גייט געזונטערהייט.

ער העלפֿט איר אָנטאָן דאָס פּעקל

ד י אַ ל ט ע

געלױבט איז גאָט. אַביסל גרינגער געװאָרן דאָס פּעקל.

ב נ י מ י ן

אַן אַלט מענטש, געקאָנט אונטערפֿירן.

פ ר י י ד ע ל ע

אָט װעל איך אײַך אַרײַנלײגן געבראָטענע קאַרטאָפֿל אין פּעקל.

טוט עס

ד י אַ ל ט ע

קישט פֿריידעלען

נו, נו, זײַ געזונט. גיב אַכטונג אויפֿן קינד. געלױבט איז גאָט, ס'פּעקל גרינגער געװאָרן. אַ גוטן טאָג. קושט די מזוזה און כאַפּט נאָך אַ קוק אין אויװן זע, מײַן קינד, אין אויװן װעט װערן צו קאַלט.

גייט אַרויס, אַלע באַגלייטן זי מיט די בליקן, װינטשנדיק איר אַ „גייט־געזונט“

רץ הירשביין

מרדכי גדליהי

זע טאַקע, מיין קינד, אַז דער אויוון זאָל נישט אויסקילן.

בנימין

וועלן מיר טאַקע באַלד זען ווי פריידעלע וועט עס אַ ברויט באַקן?

פריידעלע

פאַרקאַשערט די אַרבעל און הויבט אָן אַרויסצושאַרן מיט דער קאָטשערע די רויטע קוילן פון אויוון. אַלע דריי מאַנסבילן שטייען פון ווייטן און קוקן מיט רויס ליבע צו איר אַרבעט.

▽▽▽
▽▽
▽

אויפן שוועל

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

ר ב ק ה — זיין שנור

ר אָ ז י — איר טאָכטער

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

א ה ר ן

ה ע ל ע ר

אַן אַלטמאָדיש, רייך געמעבלירט צימער. געגוג פענסטער.
רעכטס צוויי טירן. אין הינטערגרונט די אריינגאַנג-טיר. סוף זומער.
אַרום האַלבן טאָג.

ר אָ ז י

קומט אָן. בלייבט אין טיר. רעדט צו עמיצן דרויסן

קום אַריין, וועסטו זיצן ביי מיר אין צימער.

ה ע ל ע ר

באַווייזט זיך אויפן שוועל

דיין מוטער לײדט דערפון.

ר אָ ז י

זי וועט דיך נישט באַליידיקן ביי זיך אין שטוב.

ה ע ל ע ר

נישט דערפאַר. אים וויל איך נישט פאַרשאַפן קיין עגמת-נפש.
גוט. כ'וועל זיצן אַ ווײַלע ביי דיר אין צימער.

ער גייט אַריין אין צימער

ר אָ ז י

מאַמע, מאַמע!

ר ב ק ה

קומט אַרויס פון דעם אַלטנס צימער, פאַרזאָרגט, נידערגעשלאָגן

שריי נישט אַזוי, מיין קינד, ער איז נאָר וואָס איינגעשלאָפן.

ר אָ ז י

וואָס מאַכט ער?

ר ב ק ה

איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

ר אָ ז י

וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, גלייך ווי איך וואָלט געווען שולדיק?

ר ב ק ה

האָסט קיין רחמנות נישט אויפן זיידן, טאָ האָב רחמנות אויף מיר.

ר אָ ז י

איך וועל דאָ דערשטיקט ווערן אין שטוב.

ר ב ק ה

ער האָט נאָר וואָס געפרעגט אויף דיר. ער לאָזט דיך פון די ליפּן נישט אַראָפּ.

ר אָ ז י

איך קאָן אים נישט מאַכן צוריק יונג.

ר ב ק ה

ווען דו וואָלסט געדענקט דעם טאַטן דיינעם, וואָלסטו ערשט ויסן ווער עס גייט אַוועק פון דער וועלט.

ווישט די טרערן

ר אָ ז י

אַ מענטש לעבט נישט אייביק.

ר ב ק ה

ס׳איז טאַקע אַלץ אמת, אָבער נישט אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין.

ר אָ ז י

כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז כ׳בין אים אַלץ מוחל. זאָל ער אָפּשרייבן זיין פאַרמעגן פאַר וועמען ער וויל. אַ מענטש, וואָס קלויבט זיך שטאַרבן, באַדאַרף נישט שטיין אין וועג דעם, וואָס באַדאַרף נאָך לעבן. איך וויל לעבן.

ר ב ק ה

נו גוט. ווער לאָזט דיר נישט לעבן?

ר אָ ז י

דו מיטן זיידן. כ׳ווייס נישט, וואָס איר ווילט פון מיר.

ר ב ק ה

מאַכסט זיך אומגליקלעך.

ר אָ ז י

זאָל עס קיינעם נישט אַרן. כ׳וועל דאָ דערשטיקט ווערן אין שטוב.

ר ב ק ה

אָבער אַריינגיין צו אים קאָנסטו דאָך. ער וויל דיך זען.

ר אָ ז י

וואָס באַדאַרף ער מיך?

ר ב ק ה

ווייסט, וואָס באַדאַרף ער דיך... ער איז דאָך דיין זיידע. ער וויל דיך זען.

ר אָ ז י

איך וועל צו אים מער נישט אַריינגיין. וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?

ר ב ק ה

איך וויל נאָר, דו זאָלסט וויסן, אַז דער זיידע ליגט אויפן טויטן בעט און דו פירסט זיך אויף...

ר אָ ז י

מאַמע, כ׳בעט דיך, לאָז צורו, כ׳וועל צו אים נישט אַריינגיין.

ר ב ק ה

ביזט ס׳איינציקע, וואָס איז איבערגעבליבן פון זיין זון.

ר אָ ז י

איך ווייס וואָס ער וויל מיר זאָגן און דעריבער וויל איך צו אים נישט אַריינגיין. איך קאָן זיין בליק נישט איבערטראָגן. זיינע בליקן גייען מיר נאָך.

ר ב ק ה

ער לאָזט דיך פון מויל נישט אַרויס.

ר אָ ז י

זאָל ער מיר נישט שטײן אין װעג.

ר ב ק ה

ער װיל זײן אײניקל זאָל חתונה האָבן מיט אַ שײנעם ײדן און ער איז געדעכט.

ר אָ ז י

ער האָט מיר נישט צו זאָגן קײן דעה.

ר ב ק ה

איך װיל עס אױך. הערסט, איך װיל עס.

ר אָ ז י

אָט אדרבה, זאָג מיר װאָס איז אַ שײנער ײד? איך װײס עס נישט. מיר איז שײן דער, װעמען איך האָב אױסגעקליבן.

ר ב ק ה

טאָ פאַרװאָס װילסטו צו אים נישט אַרײנגײן? כ׳װײס, אַז נישט מיט דײן אײגענעם שכל טוסטו עס. װאָרים מײן קינד האָט גאָרנישט געקאָנט זײן אַזױ שלעכט.

ר אָ ז י

גײט צום טיר פון איר צימער

העלער, קום אַרױס אױף אַ מינוט.

ר ב ק ה

ער איז דאָ אין שטוב, איך װיל אים נישט קענען!

ה ע ל ע ר

קומט אַרױס

אַנטשולדיקט מיר. אױב איר װילט עס נישט, װעל איך אַרױסגײן.

ר ב ק ה

װאָס װילט איר האָבן פון מיר? איר ברענגט אַן אומגליק אױף מײן שטוב.

העלער

פאַרקערט. נאָך מיט אַ ווײַלע פריער האָב איך ראָזין געבעטן, אַז זי זאָל צונ׳אים אַרײַנגיין. איך וויל אַליין זיך זען מיט אים, זאָל ער מיר זאָגן, וואָס ער האָט צו מיר.

רבקה

מײַן קינד איז צו מיר קיינמאָל נישט געווען אַזוי פרעמד.

העלער

איך אַליין האָב איר געהייסן זי זאָל זיצן נעבן זיידנס בעט זי האָט עס מיר צוגעזאָגט.

ראָזי

איך וועל נישט גיין.

העלער

איך וועל אַליין גיין צו אים.

רבקה

ניין, ניין, מען דאַרף נישט. צוליב אײַך איז ער קראַנק. איר ביידע פאַרקירצט אים זײַנע יאָרן.

העלער

איר זענט אַ מוטער פון אײַער קינד און איר טאָרט נישט רעדן אַזוי.

רבקה

איך מעג פאַרלאַנגען, אַז מײַן קינד זאָל זײַן גליקלעך, איר הערט?

העלער

איך וויל איר זאָלט מיך פאַרשטיין.

רבקה

איך וויל אײַך נישט פאַרשטיין.

הע֞לער

וואָס האָט איר צו מיר?

רבקה

איך וויל איר זאָלט לאָזן צורו מיין קינד.

הע֞לער

איך וועל עס טאָן, אָבער פריער וויל איך רעדן מיטן אלטן.

ראָזי

דו וועסט נישט ארייננגיין צו אים.

הע֞לער

איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס.

ראָזי

איך האָב פאַר אים מורא, און דו באַדאַרפסט צו אים נישט גיין.

הע֞לער

איך וויל מיט אים רעדן; איך וועל אים באַווייזן, אז ער באַדאַרף זיין קינד נישט שטיין אין וועג.

רבקה

נישט ער איז אין דעם שולדיק; איך אליין זאָג, אז איר זאָלט מיך און מיין קינד צורו לאָזן.

הע֞לער

איך ווייס, אז איר האָט צו מיר גאָרנישט; ווען דער אלטער זאָל נאָר נישט שרעקן מיטן אָפּשרייבן זיין פאַרמעגן פאַר שטאָט —

רבקה

איך וויל נישט גיין צוליב אייך איבער די הייזער. איך קען אייך נישט און מיין קינד איז נאָך צו יונג. זי וועט אָן דער מאַמען נישט טאָן אַזאַ זאַך.

דוד קאַפּלאַן

קומט אַריין

אַ גאָט העלף.

רבקה

אַ גוט יאָר. מיין שוואַר האָט היינט צוויי מאָל געפֿרעגט אויף אייך.

ראָזי

רעדט מיט העלערן ביים טיר. זיי גייען ביידע אריין צו איר אין צימער. זי קומט באַלד אַרויס צוריק

דוד קאַפּלאַן

מען האָט היינט פֿון זיינעטוועגן געזאָגט אין שול תהילים. וואָס מאַכט ער?

רבקה

זייער שוואַך.

דוד קאַפּלאַן

מען האָט מיך געשיקט פֿון שטאָט זיך דורכרעדן מיט אים וועגן אַ פּאָר נויטיקע זאַכן. ער האָט צוגעזאָגט נאָך פֿאַראַיאָרן, אַז ער וועט שטאָט העלפֿן. איצטער שמועסט מען, ער האָט אַלץ אָפּגעשריבן פֿאַרן אייניקל.

רבקה

הערסט מיין קינד?

דוד קאַפּלאַן

דאָס איז עס אייער טאָכטער? אויף דיין מזל פֿאַלט אויס אַזאַ עשירות; נו, וועסטו וויסן וואָס צו טאָן מיטן זיידנס פֿאַרמעגן?

ראָזי

איך ווייס גאָרנישט.

דוד קאַפּלאַן

ווינציק אידן אזעלכע איבערגעבליבן. ווערסטו וויסן וואו צו געבן און וואו צו שפּאָרן?

ראָזי

דערווייל איז עס נאָך זיין פאַרמעגן.

דוד קאַפּלאַן

אַזוי רעדן הײַנטיקע קינדער. יאָ, קאָן מען אַריינגיין צו אים?

רבקה

מיר דאַכט, אַז ער איז איינגעשלאָפן.

דוד קאַפּלאַן

שיין געפירט זיין וועלט. זיין אָרט וועט בלייבן ליידיק. מען האָט אַלץ געהאָפט, אַז ער אַליין וועט נאָך דעם בית-יתומים בויען. כ'האָב מיט אים גערעדט וועגן דעם.

רבקה

הערסטו מיין קינד?

דוד קאַפּלאַן

האָט נאָר נישט קיין פּחד. ס'וועט נאָך בלייבן גענוג פאַר אייער קינד. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס איז געווען זיין ווילן.

רבקה

איר האָט אַ גרויסן טעות, אויב איר מיינט, אַז ער פאַרמאָגט אַזויפיל.

דוד קאַפּלאַן

פאַרוואָס זאָל מען נישט וויסן? ווער ווייסט עס נישט זיינע הייזער אין שטאָט?

גייט צום חולהס טיר

רבקה

ער איז זייער שוואַך; גלײַכער מען זאָל אים לאָזן צורו.

דוד קאַפּלאַן

איר זאָגט דאָך, אַז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. אפשר האָט ער עפּעס נויטיקעס צו זאָגן.

גייט אַריין אין צימער און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך

ראָזי

וואָס באַדאַרף ער דאָ?

רבקה

האָסט דאָך געהערט וואָס ער האָט גערעדט. אונז וועט נאָך אויסקומען אַוועקצוגיין איבער די הייזער.

ראָזי

גייט צום קראַנקנס טיר און הערט זיך איין

רבקה

זעסטו ווי דו ציטערסט.

ראָזי

גיי, מאַמע, אַריין און הער וואָס ער רעדט מיט אים.

דוד קאַפּלאַן

קומט אַרויס

איך וועל גיין רופן נאָך אַ פּאָר מענטשן. ער וויל שרייבן אַ צוואה.

רבקה

וואָס ? !

דוד קאַפּלאַן

איר הערט דאָך, ער וויל שרייבן אַ צוואה.

רבקה

ער האָט דאָך שוין איין מאָל געשריבן.

דוד קאַפּלאַן

אפשר וויל ער דאָרט עפּעס איבערמאַכן. כּל זמן אַ מענטש לעבט קאָן ער טאָן מיט זיין פאַרמעגן וואָס ער וויל.

רבקה

איך בין אַן אומגליקלעכע אַלמנה מיט אַ יתומה. מיר וועלן נאָך באַדאַרפן אָנקומען צו לייטן. ראָזי, קינד מיינס, גיי אַריין צום זיידן, בעט אים ער זאָל אונז נישט פאַרגעסן.

דוד קאַפּלאַן

איר ווייסט וואָס עס הייסט דער ווילן פון אַ גוסס? ווער זענט איר אַזעלכע, וואָס איר ט'זיך איינשטעלן אַנטקעגן דעם ווילן פון פּנחס פיינבערג?! צו ראָזין ווייסט, אַז דו ביסט מקצר זיינע יאָרן?!

ראָזי

איר האָט נישט קיין דעה צו זאָגן אויף מיר.

דוד קאַפּלאַן

שעמען האָט איר זיך באַדאַפט אַזוי צו רעדן. אַזוי זיך צו פאַרגעסן.

רבקה

ס'האַרץ איז איר נעבעך פאַרביטערט.

דוד קאַפּלאַן

איך בין נאָר אַ שליח פון שטאָט, און מער גאָרנישט.

גייט אַרויס

רבקה

מיין קינד, האָב רחמנות אויף מיר. באַלד וועט אַלצדינג זיין פאַרפאַלן. גיי אַריין צו אים. זאָג אים, אַז ער איז מחויב צו האָבן דיך אין זינען. קושט זי וועסט אַריינגיין צו אים, יאָ?

זאָג אים צו, אַז דו וועסט אים פּאָלגן און דערנאָך וועט מען זען אפשר...

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

עפנט די טיר און באַווייזט זיך אויפן שוועל. ער איז שוואַך, קוים וואָס ער־האַלט זיך אויף די פיס. די פרויען פאַרוואונדערט און צעטומלט

ר ב ק ה

גאָט איז מיט אייך. איר וועט דאָך נאָך פאַלן.

נעמט אים אונטערן אָרעם

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

כ׳האָב נאָך כח... אָט אַזוי האַלט מיך צו. כ׳וועל מיך אַביסל דורכגיין איבערן שטוב.

ר ב ק ה

אפשר איז טאַקע גלייכער, וואָס איר זענט אַראָפּגעגאַנגען.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

באַמערקט ראָזין

אָט איז זי, כאַ. מיר האָט מען געזאָגט, ביסט אַוועקגעפאָרן. כאַ, געלאָזן אַליין דעם זיידן און אַוועקגעפאָרן.

ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ טיפן שטול. נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון ראָזין

ר אָ ז י

וואָס מאַכסטו, זיידע?

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

קום נענטער. האָסט מורא פאַרן זיידן. כאַ, אַזוי פון ווייטן.

ר אָ ז י

אָט בין איך.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

קום אַהער, נאָך נענטער. די אויגן זענען מיר שוואַך, כ׳האָב

דיך געגאַרט צו זען און דו ביסט אַוועקגעפאָרן, האָט מען מיר געזאָגט. ווי קומט עס, האַ?

רבקה

מיט טרערן

וואָס קאָן איך מאַכן? איך בין נישט שולדיק.

פנחס פיינבערג

צו וואָס געבאָרן א זיידן? כאַ, זאָגט מען, ס'אייניקל וויל דיך נישט זען. נישט אמת, כאַ?

ראָזי

איך האָב דיך ליב, זיידע, און כ'האָב דיך געוואָלט זען.

פנחס פיינבערג

האָסט מיך האָלד, זייער האָלד, דאָך ביסטו מיר נישט קיין זון פון מיין זון געבוירן און נאָר פרעמד... געגאַרט דיך אנ-צוקוקן, אפשר האָסטו מיך האָלד, זייער האָלד... דאָך ביסטו מיר נישט קיין זון. כאַ, געגאַרט מען מיך.

ראָזי

כ'האָב דיר, זיידע, נישט געוואָלט אָנטאָן קיין צער.

פנחס פיינבערג

צער... כאַ, כאַ... ווייסט נישט וואָס ס'איז. ווי קומט אַ קינד צו וויסן? אַ זיידע יאָ, ער ווייסט. כ'האָב מיך מטריח געווען צו דיר. געוואָלט דיך זען כע— כע— געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר אין שטוב. מיך געגאַרט מען נישט. וואָלסטו גע-ווען א קדיש, מיינס א גלייכן, כאַ...

ראזי

ווינט

וואָס ווילסטו פון מיר, זיידע?

פנחס פיינבערג

ניטע. מען באַדאַרף נישט וויינען. האָסט אַ שטאַרקן רצון, אמת,

ניט צו גיין אויפן גלייכן וועג. נו, וואָס ט׳איר דאָ טאָן מיט מיין פאַרמעגן? נאָכנישט באַטראַכט וואָס צו טאָן? וועסט פירן אַ יידישע שטוב. האַ?

ר אָ ז י

איך ווייס נישט ווי אַזוי צו פירן אַ יידישע שטוב.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

נישט געלערנט? קענסט מיך נישט? נישט דיין זיידע? קוק מיך אָן: פנחס פיינבערג, יאָ?

ר אָ ז י

איך בין נאָך יונג און ווייס גאָרנישט.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

נישט אמת! אַז ביסט יונג געווען האָסטו נישט גערעדט מיט אַזאַ העזה. און וואָס זאָגט די מאַמע?

ר ב ק ה

איך האָב שוין אויסגעוויינט מיינע אויגן.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

וויינט נישט. מען באַדאַרף נישט. כ׳פאַרלאַנג נישט... וועסטו געבן צדקה פון מיין פאַרמעגן?

ר אָ ז י

פרעג מיך נישט. דו לעבסט דאָך נאָך. איך וויל דו זאָלסט נאָך לאַנג לעבן.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

לאַכט מיט אַ שוואַכן קינדערשן געלעכטער

אָט דאָס איז קלוג געזאָגט. ווילסט כ׳זאָל לעבן, כי־כי־כי...

ר ב ק ה

אודאי וויל זי איר זאָלט זיין געזונט און שטאַרק; וואָרים וואָס קאָן, חלילה, פון אונז ווערן?

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

גענוג געלעבט. ס׳קומט מיר נישט מער.

קוקט זיך אַרום

ר אָ ז י

וועמען זוכסטו, זיידע?

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

דוד איז געווען ביי מיר; ער איז אַוועקגעגאַנגען?

ר ב ק ה

די שטאָט וויל ביי אייך אַלצדינק צונעמען.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

איך גיב מיט מיין אייגענעם ווילן. כ׳האָב נאָך אַ ווילן.

ר ב ק ה

וואָס וועט ווערן מיט אונז?

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

לאַכט זיך פאַנאַנדער

הא, אַ בן תשעים זאָל פאַר אייך זאָרגן? יונגע מענטשן; פאַר-אַן אַ גאָט, אַ גרויסער גאָט, ער דאגהט. איך קאָן נישט פאַרזאָרגן.

נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון ראָזין, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט נעבן זיין שטול

ר אָ ז י

הייבט אָן וויינען

וואָס ווילסטו פון מיר? פאַרוואָס פייניקסטו מיך? איך בין דאָך שוין אַן עלטער קינד; צי האָב איך דיר נישט געפאָלגט אַמאָל?

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

נעמט איר האַנט, וועלנדיק זי באַרויקן אָן ווערטער. שווייגן אַלע אַ צייט. וויל זיך אויפשטעלן, פאַלט צוריק אין שטול

זאָגסטו, אַז דו וועסט פאָלגן אַ זיידן. כאַ, כ׳וועל דיר גלויבן, ווען דו וועסט מיר צוזאָגן.

ר אָ ז י

וואָס האָסטו צו אים? דו קענסט אים נישט.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

איך האָב פאַר דיר אויסגעקליבן אַן ערלעכן יידן. אַ זון פון צדיקים.

ר אָ ז י

וואָס שווייגסטו, מאַמע? דו קאָנסט דאָך זאָגן...

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

כ׳וועל אַלצדינק אָפּגעבן שטאָט; אויף צדקה.

ר אָ ז י

זאָג דו אים מאַמע, אַז אומזיסט באַשטראָפט ער מיך. וואָס האָט ער צו אים; ער קען דאָך אים נישט אפילו. איך קאָן זיך נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס... כאַ, גערעכט. דער זיידע האָט זיך אויך נישט געלאָזט טרעטן מיט די פיס... טאָ רוף אים אַהער, כ׳וויל אים פרעגן, וואָס ט׳ער טאָן מיט מיין פאַרמעגן.

ר ב ק ה

גיי רוף אים אַריין.

ר אָ ז י

איך וויל נישט.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

ווער, האַ?

העלער

קומט אדיין. גייט גלייך צום אלטן

אָט בין איך; כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אַרייַנגיין צונ׳אייך.

פנחס פיינבער

דאָס ביסטו? יאָ?

העלער

יאָ, ר׳ פנחס.

פנחס פיינבערג

דיר געפעלט מיין איינ־קל?

העלער

איך וועל בעטן באַנ׳אייך אייער וואָרט.

פנחס פיינבערג

כי, כי, כי, ווייסט, זי איז אַן אָרעם קינד. נאַקעט. פאַרמאָגט גאָרנישט.

העלער

איך באַדאַרף נישט קיין רייכקייט.

פנחס פיינבער

ווילסט נישט? כ׳האָב מיין פאַרמעגן אָרנטלעך געזאַמלט. כאַ, פאַרוואָס ווילסטו נישט?

העלער

איך ווייס נישט וואָס איר מיינט.

פנחס פיינבערג

שעמסט זיך מיט מיין פאַרמעגן, כאַ? מיין איינ־קל איז אויך מיין פאַרמעגן. איר פאָטער, מיין זון. כאַ, אַ כשרער ייד געוועז.

העלער

איך ווייס עס.

פנחס פייגבערג

יאָ, ווייסט עס. כאַ, ווייסט. טאָ גיי פון מיין שטוב! אַ ייד באַדאַרף איך, אַ ייד, אַ ייד...

העלער

איך וויל איר זאָלט מיך אויסהערן... אמת טאַקע, מיין ברו-דער איז אַוועק פון יידן...

פנחס פייגבערג

מאַכט מיטן האַנט ער זאָל אַוועקגיין

העלער

גייט שנעל אַרויס פון שטוב

רבקה

שווער לעבן, איך וועל אייך נעמען צוריק צוג׳אייך אין צימער.

פנחס פייגבערג

ס׳איז רעכט... וואו ביסטו? רייזל, וואו איז זי?

ראָזי

אָט בין איך, זיידע.

פנחס פייגבערג

געמיינט ביסט אויך אַוועק. כי, כי, כי... נאָך געטריי דעם זיידן.

דוד קאַפלאַן און ר׳ אהרן קומען אריין

דוד קאַפלאַן

כאַ, כאַ, רב פנחס האָט זיך אַראָפּגעקליבן פון געלעגער.

ר׳ אהרן

וואָס מאַכט ר׳ פנחס? געקומען מבקר־חולה זיין.

פנחס פייגבערג

ווערט פרייער

דערלאַנגט שטולן צום זיצן. זייער גלייך געטאָן; געקומען

אין צייט. איך געדענק אַלץ... וועסט שרייבן דוד. אַ שאָד די צייט.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

אפשר זאָל מען אַריינגיין אין אַנדערן חדר?

פּ נ ח ס פּ י י נ ב ע ר ג

ס'איז רעכט דאָ אויך. דאָ איז ליכטיקער. זיי ווייסן אַלע מיין ווילן. מעגן זיין דערביי.

ר׳ א ה ר ן

דער רב האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך.

פּ נ ח ס פּ י י נ ב ע ר ג

וועט מען דערלאַנגען טינט און פּעדער.

ר ב ק ה

ס'איז אַלצדינק פאַראַן אויפן טיש.

פּ נ ח ס פּ י י נ ב ע ר ג

אַלצדינק צוגעגרייט. כאַ, דער מושב-זקנים, ווי געזאָגט, איין זעקסטל פון מיין פאַרמעגן. מען ווייסט וויפל. ביים רב ליגט דער צעטל. קיין מזומנים נישטאָ. נו, הייזער — גוט ווי מזומנים.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

שרייבט

ר׳ א ה ר ן

די גרעסערע העלפט, ווי איר ווייסט, האָט די שטאָט געהאַט. מען האָט נאָר געוואָלט אָפּקויפן דעם דערבייאיקן פּלאַץ, טאָמער וועט מען באַדאַרפן צובויען.

פּ נ ח ס פּ י י נ ב ע ר ג

הכנסת-אורחים... אַביסל אָפּגעלאָזן... זאָל מען בויען אויפסניי... זאָל זיין אויך איין זעקסטל. וואָס זאָגט איר, יידן?

ר׳ אהרן

ווי אייער ווילן וועט זיין אַזוי וועט מען טאָן.

דוד קאַפּלאַן

אויף דעם האָט מען זיך גאָרנישט געריכט. מען האָט גע־מיינט, אַז איר וועט נאָר בויען אַ נייע תּלמוד־תּורה.

פּנחס פיינבערג

דאָס אויך. כ׳האָב נישט פאַרגעסן. כ׳האָב דעם רב צוגעזאָגט, וועל איך האַלטן וואָרט. לאַכט קינדיש פּנחס פיינבערג איז רייך. אַלע ווייסן עס. נישטאָ וואוהין ס׳פאַרמעגן אַהינצוטאָן. נו און דער בקור־חולים?

ר׳ אהרן

איר האָט דאָך געהערט פון דעם סכסוך? זיי האָבן זיך אָפּ־געטיילט. ווייסט איר דאָך, אַז צוויי בקור־חולימס איז שוין איצטער פאַראַנען.

פּנחס פיינבערג

מה רעש? זאָל זיין אויף ביידע. איין זעקסטל. וועלן זיי זיך טיילן. שרייב אַזוי. באַים דער סכסוך וועט אָנהאַלטן — איז אויף דער העלפט.

דוד קאַפּלאַן

אַזוי האָב איך געשריבן.

פּנחס פיינבערג

און, יאָ, דער רב זאָל עס נעמען אין זיין רשות. כ׳פאַרלאָז מיך אויף אים.

דוד קאַפּלאַן

אַזוי איינגעשריבן.

ר׳ אהרן

אויף אונזער רב קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

פנחס פיינבערג

איר ווייסט, אַז קיין מזומנים איז נישט פאַראַן.

דוד קאַפּלאַן

מען ווייסט, אַז אויף די הייזער איז קיין צינזן נישטאָ.

פנחס פיינבערג

נו, און דאָס איבעריקע, יאָ, דער מושב־זקנים...

דוד קאַפּלאַן

מיר האָבן געשריבן, לעזט אני פנחס בן ר׳ מאיר...

פנחס פיינבערג

רעכט, רעכט, נישט נויטיק צו לייענען... נו און דאָס איבעריקע וויפל דאָרט, צוויי זעקסטלעך זאָל זיין...

רבקה

וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ערשטוינט און זיך צוגעהערט ווי מען טיילט דאָס פאַרמעגן, לויפט צום טיש און לאָזט נישט שרייבן

יידן, האָט רחמנות אויף אַן אומגליקלעכע אלמנה מיט איר יתומה. קינד מיינס, וואָס שטייסטו פון וויטנס? לאָז נישט מען זאָל אונז באַרויבן.

ראָזי

מיר איז אַלץ איינס.

דוד קאַפּלאַן

וואָס הייסט, מיר באַרויבן? אַזוי איז דער ווילן פון אייער שווער.

פנחס פיינבערג

האַ, וואָס? אַן אומרעכט? כ׳האָב אפשר טאַקע פאַרגעסן; וואו איז זי, מיין אייניקל. געמיינט זי איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען.

רבקה

גיי מיין קינד צו. דער זיידע רופט דיך.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

קום נענטער, מיין אייניקל.

ר אָ ז י

גייט צו

אָט בין איך, זיידע.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

ס'איז צו מערקן, אַז ער ווערט אַלץ שוואַכער. פאַרבאָרגט זיין אויפרעגונג

האָסט געהערט מיין צוואה?

ר אָ ז י

איך האָב געהערט.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

ביסטו מסכים?

ר ב ק ה

זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט. זי איז משוגע. איך בין נישט מסכים. איך האָב אָפּגעפינסטערט מיין גאַנץ לעבן דאָ אין שטוב. פאַרוואָס קומט עס מיר? זי האָט קיין שכל נישט; הערט איר נישט, וואָס זי רעדט. ווען איך וואָלט אפילו נאָר געווען אַ דינסטמיידל אין שטוב וואָלט מען מיך אויך נישט געדאַרפט אַזוי איבערלאָזן ווי אויפן וואַסער.

וויינט

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

וואָס זאָגט איר, יידן, אפשר בין איך אומגערעכט?

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

איך מיין, אַז עס וועט בלייבן פאַר זיי גענוג. צו רבקהן איר זענט דאָך נישט קיין יונגער מענטש — איר באַדאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז מען באַדאַרף האַלטן הייליק דעם ווילן פון אַן עלטערן מענטשן...

ר אָ ז י

איר, יידן, מעגט צונעמען אַלצדינג פון שטוב. איך באַדאַרף גאָרנישט.

אַלע שווייגן

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

וואָס איז מען אַנטשוויגן געוואָרן?

ר׳ א ה ר ן

אפשר האָט טאַקע ר׳ פּנחס איבערגעכאַפּט די מאָס? זייט זיך מישב.

ר אָ ז י

איך זאָג מיך אָפּ פון מיין טייל. דער זיידע ווייסט אַליין בעסער ווי אַזוי זיין פאַרמעגן אָפּצוגעבן.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

וואָס שווייגט איר, יידן? איר הערט, וואָס זי זאָגט? וואָס האָב איך געטאָן? דערמאָנט מיך. אפשר האָב איך נישט קיין רשות אויף דעם?... יאָ, זאָל זיין איין זעקסטל, נאָך אַ זעקסטל טומלט זיך איז נאָך צוויי זעקסטל, יאָ, אַ זעקסטל...

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

ס׳איז גוט, ווי איר האָט געהייסן שרייבן.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

וויל זיך אויפהייבן פון אָרט

וואו איז מיין קינד, האַ?... וואו איז מיין קינד?

ר אָ ז י

אָט בין איך.

פּ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

האַ, ניין, נישט דאָס האָב איך געמיינט... יאָ, מיין קינד... פירט

מיך אין מושב־זקנים אַריין. מען וועט דאָרט געפינען אַן אָרט פאַר מיר.

ער לאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנגס־טיר

ר ב ק ה

וואָס איז דאָ היינט? כ׳וועל אפשר פון זינען אַראָפּ. שווער לעבן, וואוהין ווילט איר גיין? ווער רעדט דען אייך אַנטקעגן? טוט ווי איר פאַרשטייט, גיט אַוועק אַלצדינק וועמען איר ווילט.

ר אָ ז י

בלייב אין שטוב, זיידע, זיי מיט אונז. אויב איך בין שולדיק, טאָ זיי מיר מוחל, כ׳האָב דיר פאַרשאַפט עגמת־נפש.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

דו אויך, כי, כי, כי... מען לאָזט מיך נישט אַרויס פון שטוב. ביסט מיין אייניקל... אָט אַזוי, העלף מיר זי זעצן. אָט אַזוי. ביסט קליגער פון זיידן. נו, פאַרטייל דו. יידן זיצן, זאָג, וואָס מען זאָל שרייבן.

ד ו ד ק אַ פ ל אַ ן

כל־זמן איר לעבט איז אַלץ אין אייער רשות. אַלץ אין אייער רשות.

פ נ ח ס פ י י נ ב ע ר ג

קינדיש

כי, כי, כי, טאָ פאַרוואָס וויל זי נישט זיין אין מיין רשות?

בלייבט זיצן אין שטול כמעט עובר־בטל

ר׳ א ה ר ן

איז זייער אָפּגעשוואַכט.

ר ב ק ה

ער האָט נישט באַדאַרפט אַראָפּ פון געלעגער. שווער לעבן, קומט צו זיך אין צימער אַריין. איר וועט זיך אַנידערלייגן.

פּנחס פײנבערג

שטרעקט אויס די הענט װי אַ קינד און לאָזט זיך פירן.

דוד קאַפּלאַן

צו ראָזין

האָסט געהערט, װאָס דער זײדע האָט אָנגעזאָגט?

ראָזי

איך האָב געהערט.

דוד קאַפּלאַן

נו, אין פאַל, אַז קײן געשריבענע צװאה װעט נישט איבער־בלײבן, װעסטו געדענקען װאָס דער זײדע האָט פאַרלאַנגט?

ראָזי

איך װעל געדענקען.

דוד קאַפּלאַן

װעסטו עס אויספירן?

ראָזי

איך װײס נישט.

דוד קאַפּלאַן

װאָס הײסט, דו װײסט נישט? דער גאַנצער פאַרמעגן װעט דיר געהערן; װאָס װעסטו טאָן דערמיט?

רבקה

קומט אַרײן

מײן קינד, דער זײדע פרעגט זיך אויף דיר. גײ אַרײן צו אים, ער װיל דיך זען.

ראָזי

איך װעל נישט גײן.

דוד קאַפּלאַן

ער קומט צו זיך. גאָטס נסים.

ער פאַרנעמט פּאַפּיר, טינט און פעדער און גײט אַרײן צום אַלטן

ר׳ אהרן

קומט אַרויס

ער וויל זען זיין אייניקל.

רבקה

קינד מיינס, נעם מיר מיין לעבן נישט צו. גיי אַריין צו אים.

ראָזי

איך וועל אים נישט פאָלגן.

רבקה

אפשר איז ער מסכים; גיי אַריין צו אים. ער וויל דיך זען.

ראָזי

עס וועט גאָרנישט העלפן. איך וועל אים נישט פאָלגן און איך וויל צו אים נישט אַריינגיין. איך בין יונג און כ׳באַדאַרף לעבן.

רבקה

קושט זי

קינד מיינס, האָב רחמנות אויף מיר.

ראָזי

מאַמע, לאָז מיך לעבן.

דוד קאַפּלאַן

קומט אַרויס מיט דער צוואה אין האַנט

געלויבט איז השם יתברך, האָט אונטערגעשריבן. קום, אהרן, לאָמיר גיין מענטשן אַהער אַריבערשיקן.

רבקה

וואָס?! אונטערגעשריבן... קינד מיינס, וואָס האָסטו געטאָן?...

ראָזי

איך וועל אים אין קבר אַריין נישט מיטגיין.

רבקה

דיין זיידע איז עס דאָך.

ר אָ ז י

און איך װעל אים נישט מיטגײן אין קבר אַרײַן.

ד ו ד ק אַ פּ ל אַ ן

גײט בעסער אַרײַן צו אים. זאָל ער נישט בלײַבן אַלײן.

ער און אהרן גײען אַרױס

ר ב ק ה

איך װעל עס נישט אױסהאַלטן...

ברעכנדיק די הענט, גײט זי אַרײַן צום חולה.

ר אָ ז י

זי מאַכט אַ טריט צום קראַנקנס טיר, װי זי װאָלט װעלן אַרײַנגײן, קערט זיך פּלוצלינג אָפּ פון טיר און גײט אַרױס פון שטוב.

▽▽▽▽
▽▽▽
▽▽
▽

בּ ע בּ ע ל ע

פּערזאָנען:

אהרן שלמה

גיטל, זיין ווייב

בעבעלע, זייער טאָכטער

שלום מאיר, בעבעלעס חתן

איידל, בעבעלעס חברטע

ליבע, א שכנטע

בײַ אהרן שלמהן. אַ ווײַס אויסגעקאַלעכט שטיבל. אויף די קלײנע פענסטערלעך זויבער־ווײַסע פֿאָרהענגלעך. די פּאָדלאָגע מיט געלן זאַמד אויסגעשאָטן. נאָך יום־טוב. פֿאַרנאַכט.

אהרן שלמה

זיצט בײַ אַ טיש אין הינטערגרונט און קנעלט מיט אַ ייִנגל חומש. ער קנײַפּט דעם ייִנגלס באַקן מיט ליבע

אַז דו וועסט אַ גאַנצן זמן אַזױ לערנען מיט חשק, וועל איך דיך האָבן האָלד. איך וועל עס דערצײלן דײַן טאַטן, וועט ער דיך שיקן איבעראַיאָר אין ישיבה אַרײַן. ווילסט פֿאָרן אין אַ ישיבה?

דאָס ייִנגל

יאָ, רבי.

פֿון גאַס דערטראָגן זיך קולות פֿון קינדער, וואָס שטיפֿן הינטערן פענסטער

אהרן שלמה

זאָג דעם אמת, ווילט זיך דיר איצטער ניש אויף דרויסן שטיפֿן מיט די קינדער?

דאָס ייִנגל

ניין, רבי, כ׳וויל בעסער לערנען תורה. איך ?יל? דײַן אַ רב.

אהרן שלמה

אַז דו וועסט נאָר חשק האָבן, וועסטו זײַן אַ רב. דער טאַטע וועט מיט דיר דעם שענסטן שידוך טאָן. ס׳וועט זײַן אַ גרויסער כבוד פֿאַר דעם טאַטן.

דאָס ייִנגל

ווען וועלן מיר אָנהויבן גמרא?

אהרן שלמה

נאָך הײַנטיקן זמן. איך וועל קריגן צו דיר נאָך אַ חבר, וועלן מיר מיט גאָטס הילף אָנהויבן גמרא.

גיטל

קומט אַן

כ׳לעבן, ביסט אַ נאַר. וואָס מאַטערסטו אים? לאָז אים אַרויס אויף דער גאַס, זאָל ער שטיפן מיט די קינדער. ווילסטו אים די גאַנצע תורה אַריינשטאָפּן פאַר איין מאָל?

דאָס יינגל

איך וויל נישט שטיפן. איך וויל בעסער לערנען תורה.

גיטל

אַ ברכה פון גאָט אַזאַ קינד צו האָבן. ווייסט כאָטש די מאַמע, אַז דו ווילסט אַזוי גוט לערנען תורה?

יינגל

זי ווייסט.

גיטל

קושט אים מיט ליבע זיינע באַקן. ער פאַרשעמט זיך, ווישט די באַק

אהרן שלמה

פּע, פּע, דו צעלאָזט מיר מיינע תּלמידים.

גיטל

גיי אַהיים, יענקעלע. גיי אַהיים, ס׳וועט שוין זיין היינט געוווּג פאַר דיר.

אהרן שלמה

אויב דו ווילסט, גיי. זאָג דער מאַמען, אַז דער רבי האָט מיט דיר די גאַנצע צייט געלערנט.

יינגל

איך וועל זאָגן. אַ גוטן טאָג.

גייט אַרויס

גיטל

וואָס וואָלט מיר פעלן, ווען דער, וואָס אין הימל, וואָלט

ביי מיר מיינע יינגלעך נישט צוגענומען פאַר דער צייט?

אהרן שלמה

נו, געַנוג דיר שוין; גענוג. וואו איז בעבעלע? זי איז נישט געגאַנגען מיט דיר?

גיטל

ווײ איז נישט דער מאַמען! וואו איז זי דען?

אהרן שלמה

זי איז מיט איר חברטע, ווי רופט מען דאָרט איר, מיט איידלען איז זי אַוועקגעגאַנגען.

גיטל

האָסט נישט באַדאַרפט לאָזן ס'קינד אַליין גיין פון שטוב.

אהרן שלמה

ס'איז דאָך נאָך העלער טאָג.

גיטל

דו פאַרגעסט גאָר, אַז זי איז אַ כּלה.

אהרן שלמה

קיין בייז זאָל נישט זיין.

גיטל

דיר וועט דאָך אודאי ווײ טאָן דער קאָפּ, אַז מיטן קינד וועט עפּעס טרעפן.

אהרן שלמה

זײ נישט קיין טפשה און גיס נישט קיין טרערן.

גיטל

קוקט אין פענסטער

בעבעלע מיינס, עס פאַרגייט שוין באַלד די זון. אוי די איידל, איך האָב איר טויזנט מאָל אָנגעזאָגט, זי זאָל ס'קינד פון

שטוב נישט אַרויסשלעפּן. אפשר טויזנט מאָל האָב איך עס איר אָנגעזאָגט. אַ כלה. ס׳איז אַ סכנה.

אהרן שלמה

וואוהין גייט זי עס טאַקע?

גיטל

דער גוטער יאָר ווייסט. שפּאַצירן גייען זיי. דאָס גאַנצע שטעטל לאָזט זיך אַרויס קוקן.

אהרן שלמה

צופרידן

וואָרים זי איז טאַקע ביי אַלעמען אויפן אויג.

ליבע

קומט אָן

אַ גאָט העלף אייך.

גיטל

אַ גוט יאָר, ליבעשי. הער זיך איין, אהרן שלמה, דו גייסט דאָך דאַוונען מנחה, טאָמער זעסטו זי, זאָג איר, אַז די מאַמע קוקט אויס די אויגן.

ליבע

בעבעלען מיינט איר? כ׳האָב זי נאָר וואָס געזען שפּאַצירן מיט איידלען. קיין עין־הרע, פאַרשיינט די גאַס.

אהרן שלמה

גייט אַרויס

ליבע

פונדעסטוועגן געפינען זיך בייזע צינגער, מען האָט גע־פּרוווט אָנרעדן.

ג י ט ל

מיינט איר, איך ווייס נישט? זאָלן שוין אַזוי מיינע שונאים, ווייס איך וואָס, וואָס מען קאָן מיר שוין חלילה טאָן.

ל י ב ע

מען האָט אָנגערעדט, אַז זי איז נישט קיין געזונטע.

ג י ט ל

ווּעמען מיינט איר?

ל י ב ע

מען האָט אָנגערעדט פאַר רבקה זעלדען, אַז בעבעלע איז נישט קיין געזונטע.

ג י ט ל

געזונט און שטאַרק זאָל זי מיר נאָר זיין. איינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט. מיך אַרט נישט, אַז מיין קינד וועט נאָך זיצן אַ מיידל.

ל י ב ע

חלילה; וואָס איר רעדט. רבקה זעלדע האָט עס מיר דערציילט. זי האָט געלאַכט אין די פויסטן, וואָרים ווער ווייסט עס נישט, אַז בעבעלע איז אַ געזונטע?

ג י ט ל

דורך טרערן

אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, פון זיבן איז מיר איינס געבליבן, זאָל ער מיך נאָך ווידער שטראָפן? ס׳איינע קוים אויסגעבעטן און אויסגעוויינט. די גאַנצע וועלט ווייסט ווי טייער ס׳קינד איז מיר. לויטער איר וועט אפשר פאַרזוכן פון דעם איינגעמאַכטס, וואָס כ׳האָב נעכטן געפרעגלט? באַקומט פון אַלמער סלויעס, אַריבערגעבונדן מיט ווייסן לייוונט איר מוזט עס אדרבה פאַרזוכן. אָט זאָגט, פון וואָס איז עס געמאַכט?

ליבע

פֿאַרזוכט און וויל כאַפּן דעם טעם

מאַמעלעך מיינע, ס׳איז דאָך אתרוג!

גיטל

אתרוג, ליבעשי. מען האָט מיך אויסגעלערנט ווי עס צו פּרעגלען.

ליבע

ווי עס שמעקט! אתרוג. אַזאַ וואונדער; שוין דאַכט זיך אויס־געפּרעגלט און עס שמעקט אתרוג.

גיטל

דריי אתרוגים זענען דאָ פֿאַראַן. קאָכנדיק ווערט עס איינגעפֿאַלן. און דאָ האָט איר קאַרשן פֿון פֿאַראַיאָרן נאָך. זעט ווי פֿריש, גלייך ווי נעכטן וואָלט מען עס געפּרעגלט.

ליבע

המ... ווי שטייף זיי זענען. ביי מיר זענען זיי צעקראָכן געוואָרן. המ... אַ חיות. אַזאַ מזל אם ירצה השם. און ווען גייט איר שוין אָננעמען חתונה־קליידער?

גיטל

נאָך שבת, אויב גאָט וועט שענקען ס׳געזונט. די חתונה וועט איצטער זיין חמשה־עשר. ס׳קינד האַלט נאָך אין וואַקסן. וואָס שפּעטער אַלץ בעסער. בעבעלע מיינס. ווען זי קומט אַריין, וואָלט זי שוין באַלד אָנגעהויבן צו שרייען: גענוג דיר, מאַמע, צו פֿאַסטן.

ליבע

וואָרים איר פֿאַסט היינט?

גיטל

זאָל זי מיר נאָר זיין אויף לאַנגע יאָרן, יעדן דאָנערשטיק,

נישט פאַרפעלט נאָך קיין איין דאָנערשטיק, זייט ס׳לעצטע קינד איז מיר אַוועקגעקומען.

לִיבע

וואָס אַ מאַמע קאָן באַווייזן.

גיטל

איך האָב געפּאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק. האָט ער, אהרן שלמה, די מאָנטיקן איבערגענומען.

ליבע

איך הער דאָך עס איצטער פון אייך, גיטלשי. ווען איר פרעגט דעם רב, וואָלט ער אייך מתּיר געווען.

גיטל

וואָס איז דען מיר יאָ שווער פאַר אירעטוועגן?

ליבע

האָט איר זי טאַקע אויסגעבעטן ביי גאָט. וואָרים ווער ווייסט פאַר וועמעס זינד מען קומט אָפּ.

גיטל

מיין מאַן זאָל לעבן זאָגט אויך דאָס אייגענע. ווען איך נעם נישט אויף זיך אַזאַ שווערן נדר, ווער ווייס צי מיין קינד וואָלט לעבן דער מאַמען געבליבן. אַז ס׳לעצטע קינד איז מיר געשטאָרבן האָב איך אַ שלאָס אַריינגעלייגט אין קבר. אפשר טאַקע די ערד פאַרשלאָסן געוואָרן. קיין איין טרער האָב איך נישט פאַרגאָסן. עפּעס אַ קלייניקייט ביי אַ מאַמע נישט פאַר־גיסן קיין טרערן, ווען מען לייגט איר קינד אין גרוב אַריין?...

ליבע

וואָס וואָלטן מיר ווערט געווען ביי גאָט, ווען מיר קאָנען זיך גישט אויסוויינען אין אַן עת-צרה?

גיטל

זוכט אין קאָמאָד

זעט אויף טשיקאַוועס ווי גאַנץ ס׳איז נאָך ס׳העמדעלע. אָט אַזוי ליגט עס ביי מיר אין קאָמאָדע אויסגעוואַשן און אויסגעוועלגערט. איר ווייסט וואָס דאָס איז?

ליבע

איר קינדערש העמדל.

גיטל

זאָלט איר געזונט און שטאַרק זיין; דאָס איז דאָך פון דער אַלטער רביצין, זאָל זיין אין ליכטיקן גן-עדן. אַז זי איז געשטאָרבן, האָבן די ווייבער מיר זי אַוועקגעגעבן. פון איר העמד האָב איך פאַרן קינד איבערגענייט. ס׳האָט מיר הענט און פיס געציטערט, ווען כ׳האָב ס׳לייוונט געריסן.

ליבע

דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. אַ צדיקת אַ יידענע געוועזן.

גיטל

ווי שטאַרק דאָס לייוונט איז! זי איז אין העמדעלע צוויי יאָר צייט געגאַנגען און ס׳איז קיין איין לעכעלע נישטאָ. אָט אדרבה, זעט.

ליבע

איר שלאָפט נאָך היינט אויך נישט בייטאָג?

גיטל

נאָר בייטאָג? איך לייג זיך נישט פריער קיינמאָל, ווי צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. איך פאַל אַמאָל אויף דער נאָז, מען האָרעוועט זיך אָן אַ טאָג — נאָר לייגן זיך פריער, ווי צוועלף אַ זייגער... נאָך חלילה מיין נדר נישט געבראָכן. מיר איז נאָר אַ שאָד, וואָס נעכע העניע לעבט שוין נישט מער. זי

וואָלט אָנגעקוואָלן פון בעבעלען. אַלע אויסגעשטאָרבן. אַלע זיבן אַלטע ווייבער.

ל י ב ע

דאָס האָט איר דאָך אויך געטאָן.

ג י ט ל

צו זיבן אַלטע ווייבער זי פאַרקויפט פאַר אַכצן גראָשן. נעבעכע העניע איז ערשט פאַר צוויי יאָרן געשטאָרן. פלעגט שטענדיק זאָגן, איצט לעבט זי צוליב איר אייגענעם זכות און אַז כ׳וועל זוכה זיין צו האָבן אַן אָרט מיט די צדיקים, וועל איך בעבעלעס נאָמען פון מיינע ליפּן נישט אַראָפּלאָזן. ווער ווייסט, אפשר צוליב איר זכות האָב איך מיט מיין קינד אַזאַ שיינעם שידוך געטאָן.

ל י ב ע

ווייסט ער כאָטש, דער חתן, ווי טייער זי איז באַנ׳אייך?

ג י ט ל

ער וועט זי אם ירצה השם ליב־האָבן, איך פאַרהאָף צו גאָט.

ל י ב ע

ער איז פון שיינע טאַטע־מאַמע, ער וועט וויסן ווי זי צו היטן.

ג י ט ל

ווי דערלעבט מען שוין די ליכטיקע מינוט? גאָטעניו, וואָס נאָך ווילסטו זאָל איך דיר געבן? שענק מיר זי, זי זאָל דער מאַמען איבערלעבן. ס׳איז דאָך שווער אַזאַ נדר אָפּצוהיטן, נאָר אויף איין זאַך וואַרט איך און קאָן די מינוטן נישט דערציען. ווי וואָלט זיך מיר שוין וועלן מיין קינד אַרומנעמען און עס קישן, קושן. מיר דאַכט זיך, אַז דעמאָלט וועט מיר אפשר מיין חיות אויסגיין.

ל י ב ע

אַזאַ זאַך אויף זיך צו נעמען איז שוין אַביסל געוועזן צופיל.

איך ווייס גאָרנישט ווי קאָן מען זיך עס איינהאַלטן און אַ קינד נישט אַ קוש געבן? איך וואָלט מיר אפשר...

גיטל

טאַקע שווער. זייער שווער. דעם נדר האָב איך אויף זיך גענומען, ווען זי איז מיר געבוירן געוואָרן. כ'האָב געוואוסט. אַז דאָס וועט מיר זיין צום שווערסטן. וואָרן, אַז דאָס קינד ליגט אין וויג מיט רויטע בעקעלעך, ווי קאָן מען זיך עס איינהאַלטן און נישט געבן עס קיין קוש? אָדער, אַז עס זייגט זיך אָן און ווערט אַנטשלאָפן מיט דער ברוסט אין מויל, ווי גיט מען עס נישט אַ קוש אין מיילכעלע, די ברוסט אַרויסנעמענדיק?... היינט ווער רעדט שוין, אַז דאָס קינד האָט אָנגעהויבן טריט צו שטעלן, אָנגעהויבן צו פּרעפּלען — ס'האַרץ איז מיר שיער נישט צעריסן געוואָרן פאַר פרייד. כ'האָב מיר די ליפּן צעביסן און צום קינד זיך נישט צוגערירט.

וויינט פאַר פרייד

ליבע

ניין, זעט איר, ביי מיר וואָלט מען עס נישט געקאָנט פועלן. וויינט אויך ס'לעבן איז מיר אַזוי געגנוג פינסטער. אַז די קליינינקע טשעפּעט זיך מיר אָן אויפן האַלז, קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין און זאָגט: „מאַמע, וויין נישט", וואָס זאָל איך דען דעמאָלט טאָן? איך גיב זי אַ קוש און הער אויף צו וויינען.

גיטל

אַז גאָט וועט געבן נאָך דער חופּה... דאַכט זיך מיר, זי גייט. געזונט און שטאַרק זאָל זי מיר נאָר זיין.

בעבעלע און איידל קומען אריין

ליבע

אָט איז זי, די פאַרשייטע מויד, וואָס טוט דער מאַמען אָן

אַזויפֿיל עגמת נפש. קום, די מאַמע וועט דאָך דיר קיין קוש נישט געבן. אָט אַזוי גיב מיר דיינע גראָבע באַקן.

קושט בעבעלען

בעבעלע

איז ליב און פֿאַרצויגן. זעט אויס ווי אַ קינד פֿון פּופּצן

מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן.

איידל

איר שרעקט זיך? מיר זענען נישט געווען הינטערן שטאָט.

גיטל

גוט האָט איר געטאָן, קינדערלעך. ביסטו אפשר הונגעריק, בעבעלע?

בעבעלע

אמת, מיר האָבן געגעסן באַנ׳אייך אין שטוב, איידל?

איידל

כ׳וועל דערציילן דעם אמת. זי האָט נישט געוואָלט עסן ביי אונז. די מאַמע, זאָגט זי, פֿאַסט, דעריבער וויל זיך אויך נישט עסן.

גיטל

וואָס רעדסטו, קינד מיינס! וואָס האָסטו צו קוקן אויף דער מאַמען?

בעבעלע

אַז די מאַמע פֿאַסט, באַדאַרף איך אויך פֿאַסטן.

גיטל

אָט איז אַ קינד...

גיטל

עסקט ־־ך ביים אויוון

זאָג מיר גיכער, קינד מיינס, וואָס זאָל איך דיר מאַכן פֿאַר אַן עסן?

בּ ע ב ע ל ע

אַז דו וועסט עסן, וועל איך אויך.

ג י ט ל

אָט לאָז צורו, קינד מיינס. וויפל איז מיר שוין אינגאַנצן געבליבן צו פאַסטן, אפשר דריי חדשים.

בּ ע ב ע ל ע

די זון איז דאָך שוין פאַרגאַנגען.

ג י ט ל

איך וועל, קינד מיינס, וואַרטן, ביז שטערן וועלן זיך באַווייזן אין הימל. איצטער ציטערט דאָך דער מאַמעס האַרץ איבער דיר נאָך מער ווי שטענדיק.

א י י ד ל

אייער מאַן, ליבע, איז שוין געגאַנגען פון בית־המדרש אַהיים.

ל י ב ע

וואָס דו זאָגסט! און איך האָב מיך אַזוי פאַרפלאַפלט. האָט מיר אַ גוטע נאַכט.

גייט אַוועק

ג י ט ל

גייט געזונטערהייט, ליבעשי. נעם, איידעלע, וועסט פאַרזוכן מיין אתרוג־איינגעמאַכטס.

א י י ד ל

נאָר אויפן שפּיץ צונג גיט מיר... אַך, ווי עס שמעקט.

ג י ט ל

און איצטער נאַ דיר, בעבעלע.

בּ ע ב ע ל ע

אַז דו וועסט פאַרזוכן, וועל איך אויך.

ג י ט ל

טו עס נישט, קינד מיינס. נויט מיך נישט. פריער ווי שטערן וועלן זיך נישט באַווייזן וועל איך גישט נעמען אין מויל.

ב ע ב ע ל ע

אָט וועל איך אָנצינדן דעם לאָמפּ, וועט ווערן נאַכט.

א י י ד ל

אַי, ביסטו אַ קלוגע. פאַרזוך דעם איינגעמאַכטס. טו דער מאַ-מען צוליב.

ג י ט ל

דורך טרערן

נעמסט און פאַרשאַפסט דער מאַמען אומזיסטע יסורים.

א י י ד ל

איך וועל פאַרמסרן פאַר דיין חתן, אַז דו פאָלגסט נישט דער מאַמען.

ב ע ב ע ל ע

שלום מאיר ווייסט, אַז איך פאָלג נישט דער מאַמען. רייצט זיך מיט דער מוטער, אונטערשטעלנדיק איר באַק נאַ, גיב מיר אַ קוש, וועל איך עסן.

ג י ט ל

שטויסט זי אָפּ פון זיך

גיי, טוסט דער מאַמען אָן יסורים. אדרבה, פרעג איידעלען וועט זי דיר זאָגן, אַז פאַר דער חתונה באַדאַרף מען פאָלגן אַ מאַמען, מען קאָן נאָך חלילה באַשטראָפט ווערן.

ב ע ב ע ל ע

דערפאַר וועל איך דיר טאַקע באַלד אָנקושן, אַז דו וועסט מיך שוין האָבן צו געדענקען. זי לייגט די מוטער מיט געוואַלט אַנידער אויפן בעט, כאַפּט אַרום איר האַלז און קושט זי הייס. אָט אַזוי, אָט אַזוי

גיט מען אַ מאַמען, וואָס האָט פיינט איר קינד. אָט אַזוי טוט מען אַ מאַמען, וואָס וויל קיינמאָל נישט אַ קוש געבן איר קינד.

ג י ט ל

ווערט זיך

גיי שוין, זאָג איך דיר.

א י י ד ל

משוגענע, לאָז אָפּ די מאַמען. זע, ווי די האָר האָבן זיך דיר צעוואָרפן. זעסט אויס ווי אַ מכשפה.

ב ע ב ע ל ע

איך וועל באַלד מיט דיר אויך אַזוי מאַכן.

שפּרינגט צו צו איידלען און כאַפּט זי אַרום

א י י ד ל

לאָז מיך אָפּ.

ב ע ב ע ל ע

אָט אַזוי האָט מיר די מאַמע געדאַרפט טאָן. אָט אַזוי האָט זי מיר באַדאַרפט אויסקושן מיינע באַקן... אוי, ווי כ'בין פאַרמאַטערט. קוק אין פענסטער, זע, שטערן זענען שוין פאַראַנען... אוי, איז מיר גוט אויפן האַרצן! מעגסט שוין, מאַמע, אָנבייסן.

צינדט אָן אַ לאָמפּ

א י י ד ל

ס'איז דאָך נאָך אַזוי פרי, בעבעלע. נישט גוט אָנצוצינדן פייער, ווען דרויסן איז נאָך ליכטיק.

לעשט אויס

ג י ט ל

חער שוין אויף צו שטיפן. גענוג זאָל דיר שוין זיין. דערציי מיר בעסער וואו איר זענט געוועזן?

בעבעלע

דערציי̈ל נישט, איידעלע.

גיטל

וועסט דאָך נישט גיין, וואו מען באַדאַרף נישט, טאָ וואָס האָסטו מורא צו דערציילן?

בעבעלע

אויב דו ווילסט דערציי̈ל. איך וועל אָבער זיין ברוגז מיט דיר.

איידל

וועסט זיך ביז דער חתונה מיט מיר איבערבעטן.

בעבעלע

דו שעמסט זיך אויך צו דערציילן.

איידל

דו האָסט דאָך מיך אהין געפירט, וואָס האב איך מורא צו דערציילן?

בעבעלע

שפרינגט-צו און פאַרמאַכט איידלען דאָס מויל מיטן דעם

דערציי̈ל נישט: איך וועל דיך האָבן פיינט.

איידל

נעמט מיט געוואַלט אראָפּ בעבעלעס האַנט פון איר מויל

מיר זענען געווען אין דער ווייבערשער שול?

בעבעלע

דערציי̈ל נישט, דערציי̈ל נישט.

גיטל

וואָס האָט איר געטאָן אין דער ווייבערשער שול?

איידל

מיר האָבן זיך פאַרגנבעט צו זען ווי שלום מאיר לערנט.

בעבעלע

באַהאַלט איר פּנים אין איידלס שויס

גיי, איך האָב דיך פיינט. איך וועל שוין שטענדיק זיין מיט דיר ברוגז. איך וועל שוין קיינמאָל מיט דיר נישט רעדן.

איידל

זי אליין האָט מיך געפירט אהין. מיר האָבן דורך דעם פּאָר־האַנגל אין מזרח־וואַנט געזען, ווי ער שטייט נעבן אָרון־קודש אין ווינקל מיטן פּנים צום וואַנט און שאָקלט זיך שטיל איבער דער גמרא.

בעבעלע

איך האָב דיך פיינט; איך האָב דיך פיינט.

גיטל

שטיק משוגענע. פאַרוואָס טאָר מען אַזאַ זאַך נישט דערציילן דער מאַמען? מיינסט, די מאַמע וויל נישט הערן קיין שיינע זאַך דערציילן אויף איר קינדס חתן? אודאי האָב איך גרויס נחת, אַז ער זיצט און לערנט די הייליקע תורה. דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז זייער אַ גרויסער למדן, אַז ער וועט נאָך מיט דער צייט זיין אַ רב.

בעבעלע

בעבעלע הייבט אויף דעם קאָפּ. פאַרקלערט זיך

איידל

ביסט נאָך אויף מיר אין כּעס, בעבעלע?

בעבעלע

דו וועסט נאָך אים אויך דערציילן, אַז איך גיי אין דער ווייבערשער שול זען ווי ער לערנט?

בעבעלע

אמת, מאַמע, ס'איז נישט שיין צו גיין אין דער ווייבערשער שול?

ג י ט ל

אודאי איז נישט שיין. עמיצער קאָן עס נאָך דערזען.

ב ע ב ע ל ע

וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ׳וויל אים אַמאָל זען? פאַר דער חתונה, זאָגסטו, איז נישט שיין, אַז דער חתן גייט צו דער כלה.

א י י ד ל

ווען ער וואָלט וואוינען אין אַן אַנדער שטאָט וואָלסטו אים געקאָנט שרייבן בריוולעך. אַי, דאָס איז אַזוי שיין.

ב ע ב ע ל ע

טאַקע, ס׳איז שיין בריוועלעך צו שרייבן. דער טאַטע וואָלט מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו מאַכן אַ געדרייטן „שין״, שלום מאיר הייבט מען דאָך אָן צו שרייבן מיט אַ „שין״? דערפאַר וואָס דו האָסט דערציילט דער מאַמען, וואו מיר זענען געווען, וועל איך דיר נישט ווייזן דאָס תפילין־זעקעלע, וואָס איך ניי אויס.

א י י ד ל

וועסט נישט ווייזן, באַדאַרף מען נישט.

ג י ט ל

מאַך זיך נישט נאַריש, מיין קינד, און באַווייז וואָס דו האָסט אויסגעניית.

ב ע ב ע ל ע

באַקומט פון קאָמאָד, טיף באַהאַלטן, אַ סאמעטן תפילין־זעקל, אויסגענייט מיט רויטן גאָרן

א י י ד ל

אַזוי גאָר. האָסט עס אויסגעניית און מיר אַפילו נישט געוויזן. איר, גיטל, באַדאַרפט זאָגן בעבעלען, אַז איך בין צו איר בעסער, ווי זי איז צו מיר.

גיטל

כ'האָב עס איר שוין נישט איין מאָל געזאָגט. ס'איז דערפאַר, וואָס דו צעפּיעשטשעסט זי אַזוי.

בעבעלע

ביסט טאַקע ברוגז? נו, זיי מיר מוחל. לאָמיר ביידע זיין חבר־לאַווער. געפעלט עס דיר?

איידל

אודאי געפעלט עס מיר.

בעבעלע

אינעווייניק וועט מען דאָך אַריינלייגן תפילין!!

איידל

אודאי וועלן דאָרט ליגן תפילין.

בעבעלע

קושט דאָס תפילין־זעקעלע

ווען וועל איך עס אים געבן, מאַמע?

גיטל

צו דער חתונה.

בעבעלע

פאַרוואָס נישט פריער?

איידל

עס פּאַסט נישט.

בעבעלע

איך וויל ער זאָל האַלטן די תפילין אין דעם, און אַז ער וועט געבן אַ קוש די תפילין...

איידל

מאַכט איר אַ פּאַן

אַי, בעבעלע, בעבעלע...

בעבעלע

גיי, דו ביסט אַ שלעכטע.

גיטל

אַז מען האָט ליב אַ חתן איז עס זייער פיין, מיין קינד; מען באַדאַרף אָבער דערפון נישט וויסן. נאָך דער חתונה מעג שוין אפילו די גאַנצע וועלט ווייסן, אַז מאַן און ווייב לעבן צו־פרידן. ס׳איז אַ ברכה פון גאָט. איך וועל גיין אין קלייט אַריינגעמען זאַלץ. יועסט איר, איידעלע, נישט לאָזן אַליין.

גייט אַרויס

בעבעלע

קום צו מיר, איידעלע.

איידל

ביסט טאַקע אויף מיר אין כעס?

בעבעלע

כ׳האָב נאָר טאַקע געלאַכט.

איידל

פאַר אַ מאַמען מעג מען; ס׳מאַכט נישט אויס.

בעבעלע

טאַטעס דאַרפן פון אַזעלכע זאַכן נישט וויסן.

איידל

חילסטו, וועלן מיר אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל דאָס תפילין־זעקעלע געפינען ביי זיך אין שטענדער.

בעבעלע

אוי טאַקע.

איידל

ווי אַזוי מאַכט מען עס אָבער?

א י י ד ל

וועסט שוין מוזן וואַרטן.

ב ע ב ע ל ע

וואַרטן?

א י י ד ל

האָסט אים טאַקע אַזוי ליב, בעבעלע?

ב ע ב ע ל ע

זייער שטאַרק.

א י י ד ל

פאַרוואָס האָסטו זיך פאַר מיר באַהאַלטן, ווען דו האָסט גע־בייט דעם תפילין־זעקל?

ב ע ב ע ל ע

אַזוי, כ׳האָב מיך געשעמט. אויף דעם אָרט, וואָס כ׳האָב גע־געבן אַ שטאָך מיט דער נאָדל, האָב איך געגעבן אַ קוש.

א י י ד ל

גיב, מיר וועלן איבערציילן וויפל שטעך ס׳איז פאַראַן אין דעם וואָרט שלום.

ב ע ב ע ל ע

כאַפּט אַרום איידלען

אַי, ביסט אַ נאַר, ביסט אַ נאַר. ווייסט נישט, ווי גוט ס׳איז צו זיין אַ כלה. ווען איך זאָל נאָר קאָנען אים אָט אַזוי אַרומנע־מען, אָט אַזוי...

א י י ד ל

לאָז מיך אָפּ, משוגענע, וועסט דאָך מיך דערשטיקן.

ב ע ב ע ל ע

אַז דו וועסט ווערן אַ כלה וועסטו אויך אַזוי זיין. וועסטו נאָך

אַרום זיינע פֿענסטער אַרומקריכן. ווען איך זאָל נאָר נישט מורא האָבן אַליין צו גיין ביינאַכט.

א י י ד ל

און ער ווייסט עס גאָרנישט?

ב ע ב ע ל ע

נאָך דער חתונה וועל איך אים אַלץ דערציילן.

א י י ד ל

דערצייל אים עס איצטער.

ב ע ב ע ל ע

ער ווייסט, אַז כ׳האָב אים האָלד.

א י י ד ל

ווי אַזוי ווייסט ער עס?

ב ע ב ע ל ע

איך האָב שוין געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל וויסן.

א י י ד ל

אַי, ביסטו אַ גנבטע!

ב ע ב ע ל ע

איך האָב אים אין קעשענע אַריינגעלייגט אַ בריוועלע, ווען ער איז געווען ביי אונז יום-טוב. כ׳האָב עס נאָך פֿאַר יום-טוב אָנגעגרייט.

א י י ד ל

אַי, ביסטו אַ קלוגע. האָט ער עס געפֿונען?

ב ע ב ע ל ע

איך ווייס, אַז יאָ.

א י י ד ל

ווי אַזוי ווייסטו עס?

בּ ע ב ע ל ע

ווייל איך פיל, אַז ער האָט מיך אויך שטאַרק ליב.

א י י ד ל

ווייסט, ווי שטאַרק מען באַדאַרף ליב האָבן דעם מאַן נאָך דער חתונה?

בּ ע ב ע ל ע

איך וועל שוין וויסן... טאָמער וועט ער נאָך זיין אַ רב... איך וועל פאַר אים מורא האָבן. איך וועל האָבן מורא און ליב האָבן אים אַזוי שטאַרק... ער אַליין וועט עס גאָר נישט וויסן. אודאי, איידעלע. איך וועל זיך עס שעמען אים צו דערציילן. איך וועל זיך שעמען דערציילן אַלץ, וואָס איך טראַכט.

א י י ד ל

גיב, איך וועל דיר פאַרקעמען דיין קאָפּ. האָסט זיי אַזוי פאַרפלאָנטערט. איך וועל דיר פון ביידע צעפּ איינעם מאַכן.

בּ ע ב ע ל ע

אוי, דו רייסט מיר מיטן קאַם אויס מיינע האָר! אוי, איידעלע, האָב רחמנות.

א י י ד ל

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט.

בּ ע ב ע ל ע

פון וואָס טראַכסטו?

א י י ד ל

אַז דיר איז זייער גוט.

בּ ע ב ע ל ע

ביסט מיר מקנא?

א י י ד ל

יאָ, איך בין דיר טאַקע זייער מקנא.

ב ע ב ע ל ע

איך וועל זאָגן מיין טאַטן וועט ער דיר אויסזוכן אַ חתן.

א י י ד ל

וואָס דו רעדסט.

ב ע ב ע ל ע

איך וועל עס אים היינט זאָגן.

א י י ד ל

אוי ניין, איך האָב מורא.

ב ע ב ע ל ע

פאַרוואָס האָסטו מורא?

א י י ד ל

טאָמער טוט ער עס טאַקע?

ב ע ב ע ל ע

איז דאָך גוט.

א י י ד ל

ניין, ניין, ס'האָט מיר אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט. זאָג אים נישט.

ב ע ב ע ל ע

באַ, דו האָסט ליב שלום מאירן? איידעלע, ס'איז אמת?

א י י ד ל

ניין, ניין. וואָס דו רעדסט.

ב ע ב ע ל ע

טאָ פאַרוואָס ווילסטו נישט איך זאָל אים זאָגן? מיין טאַטע האָט שוין אויסגעפירט אַ סך שידוכים. נאַרעלע, וועלן מיר האָבן ביידע חתונה אין איין ווינטער.

אייִדל

ניין, בעבעלע, מען באַדאַרף נישט. איך וועל אפשר אָנהייבן וויינען, אַז דיין טאַטע וועט צו אונז קומען רעדן דערפון.

בעבעלע

נעמט אַרום איידלען און פאָרשט

האָסט ליב שלום מאירן? יאָ? ניין? זאָג איידעלע, יאָ?

אייִדל

שטיל

אַ קליין ביסעלע. ווייל איך האָב דיך זייער ליב. דעריבער. ער איז דאָך דיין חתן.

א ווײַלע בלייבן זיי ביידע אַזוי שטיל אַרומגענומען

בעבעלע

צעשראָקן

האָסט טאַקע ליב שלום מאירן?

אייִדל

ווערט זיך

ניין, בעבעלע; איך שווער דיר, אַז ניין. ווייַן נישט. איך בעט דיך... איך שווער דיר. בעבעלע. דו האָסט דאָך עס געזאָגט... איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט...

בעבעלע

אוי, מיר איז נישט גוט...

אייִדל

בעבעלע, וואָס איז דיר?

בעבעלע

אוי, דער קאָפּ; ס'דרייט זיך מיר דער קאָפּ.

אייִדל

איך שווער דיר, בעבעלע, איך בין נישט שולדיק.

ב ע ב ע ל ע

אוי, מיר איז נישט גוט. רוף די מאַמען.

ג י ט ל

קומט אָן

ווײ איז מיר, בעבעלע, וואָס איז דיר?!

א י י ד ל

דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט.

ג י ט ל

נאַ דיר אַ ביסעלע וואַסער... נו, שלינג אַראָפּ, שלינג אַראָפּ...

א י י ד ל

פלוצלינג איז איר נישט גוט געוואָרן.

ג י ט ל

איידעלע, מיין קינד, לויף אין בית-המדרש אַריין; הייס אַרויס-רופן מיין מאַן. זאָל ער די מינוט קומען אַהיים. איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

א י י ד ל

איך גיי שוין.

ב ע ב ע ל ע

אוי, מיין קאָפּ.

א י י ד ל

קושט בעבעלען

הער אויף, בעבעלע, איך בעט דיך, הער אויף...

גייט אַרויס

ג י ט ל

קומט אַריין

ווײ איז מיר, ווינד איז מיר. אַן עין-הרע האָט מען מיר דעם קינד געגעבן. ליבע האָט מיין קינד אַ גוט אויג געגעבן.

נישטאָ ווען מען אין שטוב צו לאָזן. איך וועל זי רופן, זאָל זי מיר זאָגן, וואָס זי האָט צו מיר.

בעבעלע

ניין, מאַמעשי, זי איז נישט שולדיק.

גיטל

טאָ וואָס דען איז דיר? ווי איז מיר, ווינד איז מיר.

בעבעלע

ס'איז מיר שוין באַלד בעסער, מאַמעשי.

גיטל

זי האָט דיר אַ גוט אויג געגעבן. זי האָט דיך געקושט. איך וועל זי שיקן רופן.

בעבעלע

מאַמעשי, מען באַדאַרף נישט, מיר איז שוין בעסער.

גיטל

אויף איין מינוט בין איך פון שטוב אַרויסגעגאַנגען. אויף אַ רגע בין איך פון שטוב אַרויס. דיר איז בעסער, מיין פּײ־געלע?

בעבעלע

מיר איז נאָר אין די אויגן אַביסל פינסטער געוואָרן, אָבער ס'האָט שוין אויפגעהערט.

גיטל

און ס'הערצעלע?

בעבעלע

קלעמט אַ קליין ביסעלע.

גיטל

אַ גוט אויג האָט מען דיר געגעבן, מיין קינד. רשעים מענטשן.

וואָס קוקן זיי אַזויפיל אויף מיין קינד? פאַרוואָס לאָזן זיי קיין אויג נישט אַראָפּ פון מיין קינד?

בעבעלע

גיב מיר נאָר אַביסל וואַסער, מאַמעשי.

גיטל

נאַ דיר, מיין קינד. מיר זאָל זיין פאַר מיין פייגעלע. אָט אַזוי לייג אַנידער דיין קאָפּ אויף מיין האַרצן. אָט אַזוי. דיר איז שוין בעסער?

בעבעלע

מיר איז שוין בעסער.

גיטל

קלעמט נאָך ס'הערצעלע?

בעבעלע

ס'האָט שוין באַלד אויפגעהערט.

מען הערט רעדן הינטערן פענסטער

גיטל

דער טאַטע מיט שלום מאירן גייען.

בעבעלע

שפרינגט אויף פון אָרט

איך וועל מיך אויסבאַהאַלטן.

גיטל

וואוהין, קינד מיינס?

בעבעלע

ער וועט זען מיינע פאַרוויינטע אויגן.

אהרן שלמה און שלום מאיר קומען אַן

אהרן שלמה

וואָס איז דער מער?

ג י ט ל

ס'איז איר עפּעס נישט גוט געוואָרן.

ש ל ו ם מ א י ר

אַ גוטער אָוונט. וואָס עפּעס מיין מחותנתטע?

ג י ט ל

מיין בת־יחידה האָט זיך עפּעס פאַרפּיעשטשעט.

ב ע ב ע ל ע

קוקט פון אַהינטער דעם שטערן צו שלום מאירן

וואו איז איידל?

א ה ר ן ש ל מ ה

זי איז דאָך נאָכגעגאַנגען אונטער אונז.

ש ל ו ם מ א י ר

בעבעלע מאַכט זיך נאַריש.

ג י ט ל

איך האָב אַלץ מורא פאַר אַ גוט אויג.

ש ל ו ם מ א י ר

צוליב דיר האָבן מיר פאַרשפּעטיקט מעריב. אָנגעוואָרן אַ מנין.

ג י ט ל

איך נעם די עברה אויף זיך. וואָרים ווען וואָלסטו אַהער געקומען?

א ה ר ן ש ל מ ה

אַז די מאַמע האַלט עס אַזוי ציטעריק. האָט זי צעלאָזן.

ג י ט ל

הלואי וואָלט זי געווען ביי איר חתן אַזוי טייער, ווי זי איז טייער ביי טאַטע־מאַמע.

א ה ר ן ש ל מ ה

טאפט בעבעלעס קאפ

אבי מיך איבערגעשראָקן. כע, כע, אַן איינפאַל אַביסל.

ג י ט ל

טאפט איר קאָפּ

איך זע אויך חלילה אויף איר קיין בייז נישט.

ב ע ב ע ל ע

ווינקט בגנבה צו שלום מאירן

ש ל ו ם מ א י ר

מיין מאַמע האָט געלאָזט בעטן בעבעלען אויף היינטיקן שבת צו אונז.

ג י ט ל

אם ירצה השם. זי וועט זיך נישט לאָזן בעטן.

א ה ר ן ש ל מ ה

קיין בייז זאָל נישט זיין. קום, שלום מאיר. אפשר וועלן מיר נאָך פאַרכאַפּן אַ מעריב.

ש ל ו ם מ א י ר

אַ גוטע נאַכט. איך ווינטש, אַז בעבעלע זאָל איינגיכן געזוּנט ווערן.

ב ע ב ע ל ע

איך בין שוין געזוּנט.

א ה ר ן ש ל מ ה

לאָמיר זיך אַביסל צעזעגנען.

גייען ביידע אַרויס

ג י ט ל

קוקט נאָך אין פענסטער

ווי שיין ער איז!

בעבעלע

פֿאַרגנבעט זיך הינטער דער מאַמעס פּלייצע און קוקט אויף אַרויס

אָט איז דאָך איידל הינטערן פֿענסטער! קום אַריין! איידעלע, קום אַריין!

לויפֿט צום טיר

איידל

קומט אַריין. קענטיק זי האָט געוויינט

בעבעלע

איך בין אַזאַ שלעכטע... איידעלע, ביסט אויף מיר ברוגז?

גיטל

אָט זעסטו ווי צעלאָזן דו ביסט. אומזיסט און אומנישט אַלע־מען אַזוי איבערגעשראָקן.

איידל

קוקט אָן בעבעלען אָן ווערטער

גיטל

וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? האָסט זיך אויך דערשראָקן. וואָס איז דאָ געווען אַזעלכעס?

איידל

צערטלעך

ער האָט גערעדט צו דיר, בעבעלע?

בעבעלע

יאָ, ער האָט גערעדט צו מיר. ער האָט געזאָגט, אַז די מאַ־מע זיינע האָט געבעטן מיך צו זיי אויף שבת.

איידל

איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן.

ג י ט ל

דו, איידעלע, ביסט דאָך מיר אַזוי טייער, גלייך ווי דו וואָלסט מיינס אַ קינד געווען. איך קאָן מיין קינד נישט אַ קוש טאָן אפילו. קום צו מיר. זי נעמט אַרום איידלען און דריקט זי שטארק צו איר הארצן גאָט וועט געבן, אַז דיין באַשערטער וועט זיך גאָר אינ־גיכן אָפזוכן. איך וועל גיין זען אויב שטערן האָבן זיך שוין באַוויזן אין הימל.

גייט אַרויס

ב ע ב ע ל ע

ביסט מיר מוחל, איידעלע?

א י י ד ל

זעסט, איך בין אפילו אין שטוב נישט אַריינגעגאַנגען, ווען ער איז געווען.

ב ע ב ע ל ע

האָסט אים געוואָלט זען?

א י י ד ל

איך האָב אים דורכן פענסטער געזען.

ב ע ב ע ל ע

יאָ, ער איז אַ שיינער? זייער אַ שיינער?

זי רוימט עפעס איין איידלען אין אויער

א י י ד ל

יאָ, בעבעלע, מער נישט, איך שווער דיר, אַז מער נישט.

ג י ט ל

קומט אַריין

נו, וואָס מאַכסטו, מיין קינד?

ב ע ב ע ל ע

מיר איז שוין גוט. מיר ווילט זיך שוין ווידער שפּרינגען און טאַנצן

א י י ד ל

גייט צו און נעמט זי אַרום

וואָס ווילסטו, בעבעלע?

ב ע ב ע ל ע

וועסט נאָך קומען צו מיר מאָרגן?

א י י ד ל

איך וועל קומען, בעבעלע. אַ גוטע נאַכט, גיטל.

ג י ט ל

גיי געזונט, איידעלע.

ב ע ב ע ל ע

אַ גוטע נאַכט, איידעלע.

א י י ד ל

שלאָף געזונט, בעבעלע.

גייט אַוועק

ג י ט ל

אָט אַזוי נעמט מען עס און מען שרעקט עס איבער אַ מאַמען.

צינדט אָן די לאָמפּ.

אַ זאַוועררכע

אַמאָל האָבן ייִדן געהוליעט

פערזאָנען:

כאַטשע שמחה, ישובניק

רייצע יענטע, זיין ווייב

זיידע } זייערע קינדער
פעסעלע }

יואל חיים, זיין פאָטער

אורטשע }
כלאַוונע } ישובניקעס
וואָווע }
שמערע }

שרה מלכה, אורטשעס ווייב

פעלטע פייגעלע, זייער מיידל. זיידעס כלה

שפרינצע צירל, שמערעס מיידל

ביינִיש אַלטער, כלאַוועס זון

ביי לאַטשע שמחהן. אַ דאָרפיש הײזל. שפּעט ביינאַכט. ווינ־
טער. די פענסטער באַדעקט מיט שניי. דרויסן אַ זאַווערוכע.

יאָאל חיים

אַן אַלטער, הױכער געבױגענער ייד. אַריבער הונדערט יאָר אַלט. זיצט ביים אויוון און פליקט פעדערן פון אַ זיפּ. דרעמלט איין יעדע ווײַלע. טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, די יאַרמלקע פאַלט אַריין אין די פעדערן. כאַפּט זיך אויף און פילט, אַז די יאַרמלקע איז נישט אויפן קאָפּ. ער געפינט זי אין די פעדערן. צעלאַכט זיך. רעדט צו זיך אַליין, אַרומקלייבנדיק די פעדערן פון דער יאַרמלקע.

האָסטו דיר געזען אַמאָל, אַ יאַרמלקע זאָל ווערן קליין אויפן קאָפּ... וואו ביסטו דאָרט, פעסעלע?

פעסעלע

רעדט פון אַן אַנדערן חדר

איך ליג אויפן אויוון.

יאָאל חיים

ס׳איז דיר קאַלט?

פעסעלע

איך שלאָף.

יאָאל חיים

די הענער האָבן שוין געקרייט?

פעסעלע

שוין לאַנג.

יאָאל חיים

הייסט עס שוין נאָך האַלבע נאַכט.

פעסעלע

אודאי, שוין לאַנג, אַז זיי האָבן געקרייט.

יאל חיים

קום אַהער. דאָ איז אויך וואַרעם.

פעסעלע

הערסט זיידע, אין דאָרף בילט אַ הונט, דאָס מוזן זיי שוין פאָרן.

יואל חיים

דער ווינט רייסט. וועט פאַרמזאָגן דעם וועג. און זיי האָבן זיך דאָרט פאַרהוליעט.

פעסעלע

קומט אריין, זעצט זיך נעבן אלטן

מיך האָבן זיי נישט געוואָלט מיטנעמען.

יואל חיים

זאָל מען נאָר דערלעבן ביזקל דער חתונה, נע, וועל איך מיר שוין נישט לאָזן איבעררעדן.

פעסעלע

די חתונה וועט דאָך זיין זומער; מיר וועלןביידע פאָרן.

יואל חיים

זע נאָר, מיין קינד, צי זיי פאָרן נישט.

פעסעלע

די שויבן זענען אָנגעפרוירן, אָט וועל איך באַלד אַראָפּהויכן דעם אייז... אוי, ס׳אַראַ ווייסקייט דרויסן איז! מען דערקענט נישט דיביימער אפילו.

יואל חיים

דערלאַנג מיר נאָר אַהער דאָס פלעשל. כ׳האָב שוין איינמאָל גענומען אַ גלעזל; עס שלעפערט.

פעסעלע

ביי דיר איז די יאַרמלקע פול מיט פעדערן.

יואל חיים

כע — כע — כ׳בין אַנדרעמלט געוואָרן איז זי אַריינגעפאַלן אין זיפּ. אָט אַזוי, מיין קינד... ברענג אַהער אַ גלעזעלע אויך, דאָס קליינע גלעזעלע. אָט דאָס איז עס. וועסטו אויך נעמען אַביסעלע?

פעסעלע

טאָמער וועל איך נאָך ווערן שיכּור.

יואל חיים

ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם שהכּל נהיה בדברו... האַ, נאָך אַ יאָר וועסטו שוין ווערן אַ כּלה. וועסט ווערן איבעראַ־יאָר זעכצן יאָר, ווייסט עס?

פעסעלע

גיב מיר אַביסעלע בראָנפן.

יואל חיים

מאַך אַ ברכה.

פעסעלע

כ׳האָב שוין געמאַכט... האַ, עס ווערט וואַרעמער.

יואל חיים

איך וועל נעמען נאָך אַ גלעזעלע. פאַר דיר וועט זיין גענוג.

פעסעלע

אוי, מיר דרייט זיך שוין דער קאָפּ.

יואל חיים

דאָרט טוט זיך איצטער אַ לעבעדיקע וועלט.

פעסעלע

באשר כ׳האָב דיך נישט געוואָלט לאָזן אַליין.

יואל חיים

גוט האָסטו געטאָן, מען טאָר אַזאַ אַלטן ייִדן נישט לאָזן אַליין.

פעסעלע
איך וועל אויך לעבן אַזוי לאַנג?
יואל חיים
כע, כע, נישט יעדערער דערציט ביז הונדערט יאָר.
פעסעלע
דער טאַטע וועט אויך לעבן אַזוי לאַנג?
יואל חיים
אַז דער טאַטע וועט אים קאָנען אָפּנאַרן.
פעסעלע
וועמען מיינסטו?
יואל חיים
כע, כע, אים מיין איך, דעם מלאך-המות.
פעסעלע
ווי אַזוי האָסטו אים אָפּגענאַרט?
יואל חיים
כע, כע, כע, — ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טיר מיט אַ חלף אין האַנט און מיט טויזנט אויגן מיך געזוכט. האָב איך אויפגעשטעלט די קני און אָנגעטאָן אויף איר די יאַרמלקע, האָט ער מיך געקוילעט אין קני — כע, כע, כע.
פעסעלע
געווען אַ צייכן אויפן קני?
יואל חיים
ווי אַ רויטער פאָדים געווען אויפן הויט. טרינקט אַ גלעזעלע בראָנפן אָט אַזוי נעמט מען און מען נאַרט אָפּ אפילו אים אַליין. זע נאָר צי זיי פאָרן שוין.
פעסעלע
כ'האָב מורא צו קוקן אין פענסטער.

יואל חיים

דו האָסט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. נו, זינג מיט מיר... דיי דאָי דים — דים — דים, — אַ, ווע, דים-דיע-דאָים... אַז ביי דיר וועט זיין תנאים וועט מען דעם עולם נעמען אַהער. אַ פיינער ייִנגאַטש כלאַוונעס, אָט דער קלענערער.

פעסעלע

ער וועט מיך נישט וועלן.

יואל חיים

פאַרוואָס וועט ער דיך נישט וועלן? וועט זיך שעמען מיטן זיידן דיינעם, וואָס? וועסט אים זיין אַ כשר ווייב; האָבן אים כשרע קינדער.

ער לאָזט זיך אַוועק איבערן שטוב. שיכּורלעך. זינגט

פעסעלע

עמיצער איז צוגעפאָרן!

כלאַוונע און וואַווע קומען אַריין מיט אַ „מזל-טוב״

יואל חיים

אָט זענען זיי.

כלאַוונע

זיי זענען דאָך נישטאָ!

וואַווע

וואָס האָב איך געזאָגט.

יואל חיים

וואָס, נישט געפאָרן אינאיינעם?

וואַווע

אַרויסגעפאָרן אינאיינעם; האָט זיך ס׳פערד זייערס צעטראָגן און אַוועק באַזונדער. מסתמא וועלן זיי באַלד אָנקומען. לאָמיר נעמען צוביסלעך. זיך אָנוואַרעמען.

פּעסעלע

טרייסלט אָפּ דעם שנײ פון היטל.

יואל חיים

וואו איז דײן זון, כלאַוונע? מיר וועלן דאָ פּראַוועז אַ תּנאים.

כלאַוונע

לחיים, זאָל נאָך מײן קלענערער ייִנגאַטש וואַקסן... אָבער אַ הוליע געטאָן.

וואוועע

ווייסט, אַז דאָרט איז נישט געווען קיין ריינער אַכציקער.

כלאַוונע

אורטשע האָט ליב צוצומישן וואַסער... לחיים! אָט דאָס איז ריינער אַכציקער.

כלאוונע

גײ אַרויס, וואווע, זע דאָס פּערד זאָל זיך נישט פאַרקירעווען אין שטאַל אַרײן. נו, פּעסעלע, וואַקס נאָך אונטער אַביסל וועל איך דיך נעמען פאַר אַ שנור.

וואוועע

זי איז שוין גענוג גרויס.

כלאַוונע

נאָר שמחהס, נאָר געהוליעט... רב יואל חיים, נאַכסאַל האָט איר זיך געלאָזט ווערן אַלט? העי, גלייכט נאָר אויס די פּלייצע! גיט נאָר אַ האַנט. זינג נאָר, וואווע, ווי גייט ער עס דאָרט דער ביגון?

פאַרלייגט אַ האַנט אויפן אַלטנס אַקסל און טאַנצט

שמערע

קוקט אַרײן

מזל־טוב! וואו זענען זיי?

כ ל אַ ו ו נ ע

כאַ — כאַ — כאַ — אויך אָנגעוואָרן? וועלן זיך געפינען.
גיב אַ האַנט, שמערע, אָפּיי דריצעם, אָפּיי דריצעם — שטעל אַ פוס, שמערע.

ש מ ע ר ע

מען באַדאַרף גיין זען אונטערן דאָרף, אפשר האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט.

ו ו אַ ו ו ע

וואָס הייסט, אַ ייד פאַרבלאָנדזשעט? כאַטשע שמחהס פערד ווייסן דעם וועג.

פ ע ס ע ל ע

וואו איז אייער שפּרינצע צירל?

ש מ ע ר ע

איז אַריינגעקראָכן צו חתן-כלה אין וואָגן.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

קומט אריין נישט טויט נישט לעבעדיק

אוי ווי איז מיר, יידן, האָט רחמנות.

פ ע ס ע ל ע

וואָס איז עס, מאַמע, וואו זענען זיי?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

יידן, ווי איז מיר, וואָס זיצט איר אין שטוב!

ו ו אַ ו ו ע

וואו זענען זיי?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

דאָס פערד מיט חתן-כלה האָט זיך צעטראָגן.

ש מ ע ר ע

מיין חצופה איז ביי זיי אין וואָגן.

יואל חיים

טראָגט זיך דאָס פערד מסתמא טאַקע אַהיים... דים, דים, דאים, דים — זינגט זשע קינדערלעך.

רייצע יענטע

איך בין אַרויסגעפאַלן פון שליטן גלייך אין גראָבן אַריין; אַ גליק, וואָס דאָרט האָט אָנגעטראָגן שניי.

יואל חיים

באַדאַרפסט בענטשן גומל, מיין קינד.

רייצע יענטע

אַז כ'האָב מיך אויפגעהויבן איז שוין פון זיי קיין סליאַד נישט געווען.

שמערע

ביסטו אויך געקומען אַהיים צופוס? כאַ - כאַ - כאַ. קומט, רב יואל חיים, וועלן מיר גיין אַ זוך טאָן.

יואל חיים

דים, דים, דיי, דים... — זינגט זשע קינדערלעך.

שמערע

ער איז פאַרשנעבעט, דער אַלטער.

רייצע יענטע

קום, פעסעלע, מיין קינד, מיט מיר, וואָרים איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. קום, מיר וועלן זיך אַריינזעצן אין שליטן.

כלאַוונע

וואוהין, יידענע, וועט איר גיין? באַלד וועלן מיר אַלע אַ פּאָר טאָן. זינגט - זשע יידעלעך, אָצים דריצעם איי, איי, איי — נאָר שמחהס זאָלן טאַקע זיין ביי יידן. קום, וואַווע, קום, שמערע.

רייצע יענטע

פעסעלע, מיין קינד, פאָר דו אויך מיט.

ש מ ע ר ע

בעם נאָר מיט אַ רעכטע בייטש. מיין בייטש־שטעקל האָט זיך צעבראָכן.

פ ע ס ע ל ע

אָט איז אַ גוטע בייטש.

כלאַוונע, וואַווע, פעסעלע און שמערע לאָזן זיך אַרויס מיט געזאַנג.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

וואָס זאָגט איר צו מיינע צרות, שווער־לעבן? כ׳האָב זיך געבעטן, יידן טרינקט נישט, מען וועט נאָך באַדאַרפן פאָרן אַהיים...

י ו א ל ח י י ם

וויין נישט, יידענע, וועלן זיך אָפּזוכן.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אַזאַ זאַווערוכע... שאַט נאָר, דאַכט מיר די קאַלב מעקעט אין שטאַל.

י ו א ל ח י י ם

און מיר דאַכט, אַז עס איז אַ שעפּסן־קול. הערסט?

פ ע ס ע ל ע

טאַקע אַ שעפּסן־קול.

ז י י ד ע

קומט אַריין, באַדעקט מיט שניי

ר י י צ ע י ע נ ט ע

פאַלט אים אויפן האַלז

אָט איז דאָס קינד, וואו זענען זיי? וואו איז די כלה?

ז י י ד ע

כ׳האָב זיי אָנגעוואָרן. דער שליטן האָט זיך אויסגעקערט. די פערד זיך צעטראָגן.

י ו א ל ח י י ם

האָבן זיך פאַרשנעבעט. כע־כע־כע.

ז י י ד ע

אורטשע האָט די פערד באַוויזן די בייטש, זיי האָבן זיך גע־געבן אַ טראָג.

י ו א ל ח י י ם

זיינע פערד האָבן פיינט די בייטש.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

איך וועל זיך נאָר אַ מעשה אָנטאָן.

ז י י ד ע

וואו זענען די איבעריקע?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

וואווע, כלאַוונע, שמערע און פעסעלע זענען אַוועק אייך זוכן.

ז י י ד ע

זיי זענען שוין געווען? ווי ווייסן דאָך נישט וואו צו זוכן.

י ו א ל ח י י ם

אַי זיך פאַרשנעבעט... וואו איז די כּלה?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

פעלטע פייגעלע, ווי איז מיר, זאָל חלילה מיט איר נישט טרעפן עפעס.

י ו א ל ח י י ם

האָט מען טאַקע שאַרף אַריינגעשנעבעט?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אָט דאָס איז דאָך מיין אומגליק, ווי איז מיר. כ׳האָב זיך געבעטן ווי ביי אַ גזלן, יידן האָט גאָט אין האַרצן. אורטשע האָט אַריינגעקאַטשעט אַ גאַנץ פעסל בראָנפן.

יאָל חיים

און מען האָט געצאַפּט פון קראַן?

רייצע יענטע

אודאי.

יאָל חיים

איז דאָך טאַקע געווען אַ תּנאים ביי מיין אייניקל. טאָ וואָס־זשע דאגהסטו, יידענע?... אַז דער חתן איז פאַראַן, מסתמא וועט באַלד די כּלה אויך זיין.

עס קומען אריין כאַטשע, שמחה, אורטשע, כלאָוונע, שמערע, שרה מלכה, פעלטע פייגעלע און שפּרינצע צירל פאַרשנייטע. דער עולם איז בגילופין. זינגט

רייצע יענטע

וואו איז מיין קינד, פעסעלע?

פעלטע פייגעלע

אוי וויי, זי איז דאָך נישטאָ!

וואַווע

פון אונטער די הענט איז זי מיר פאַרפאַלן געוואָרן.

זיידע

איך וועל זי גיין זוכן.

לויפט אַרויס

אורטשע

נישט באַדאַרפט לאָזן דעם חתן אַליין.

כאַטשע שמחה

מיין זון וועט צען שדים פאַרשטעקן אונטערן גאַרטל.

מלכה שרה

וואָס אַ ייד רעדט!

פעלטע פייגעלע

כ'וועל אפשר נישט אויסהאַלטן.

א ז ר ט ש ע

קלאָג נישט, טאָכטער מײַנע, דײַן חתן װעט נישט פאַרפאַלן װערן.

װ ו אַ ו ו ע

שאַט, שאַט װײַבער, נישט קלאָגט אײַך, איך גײ.

גייט ארויס

פ ע ל ט ע פ י י ג ל

נעמט אַרום שפּרינצע צירלען און װײנט

כ אַ ט ש ע ש מ ח ה

װאָס קלאָגט איר דאָרט, נאַרישע קעלבער?

כ ל אַ ו ו נ ע

גיב אַ האַנט, כאַטשע שמחה, קום אַהער, שמערע, װאו איז די כלה? אַי, זינגט־זשע ײדעלעך, װאָרים די שטוב דרײט זיך.

מ ל כ ה ש ר ה

דאָס דרײט זיך אײַך דער קאָפּ, װײ איז מיר.

כ אַ ט ש ע ש מ ח ה

שאַט, ײדן, װאו איז טאַקע מײַן טאָכטער?

ר י י צ ע י ע נ ט ע

איצטער האָט ער זיך דערמאַנט, אַז דאָס קינד איז נישטאָ. כ׳װעל עס אפשר נישט אויסהאַלטן.

װ ו אַ ו ו ע

קומט אַרײַן

די הינט בילן אין דאָרף. דאָס פאָרן זײ.

כ ל אַ ו ו נ ע

ײדן, אײַך דרײט זיך נישט דער קאָפּ, ברענגט מיר אַהער מײַן שטוב: מײַן ײדענע און די בנים... רב יואל שמחה, איר שלאָפט? שטײט אויף, ײדעלעך פרײען זיך!

זיידע

קומט אַריין. עס ווערט אַ געטומל. די מאַמעס קושן אים. די כּלה פּאַלט צו צו אים און וויינט

רייצע יענטע

וואו איז פּעסעלע?

זיידע

נישט געזען. די פערד באַדאַרף מען אַריינפירן אין שטאַל. עס דרייט די זאַווערוכע.

כלאַוונע

דער טייוול וועט זיי נישט כאַפּן.

כאַטשע בער

שאַט נאָר, יידן, וואו איז טאַקע מיין טאָכטער?

רייצע יענטע

האָסט זיך אָנגעטרונקען און ווייסט נישט וואו דו ביסט אין דער וועלט.

שמערע

יידענע, וואָס איר זענט. די ציג וועט קומען אַהיים.

מלכּה שרה

קום, שמערע, לאָמיר גאָר פאָרן אַהיים. קום, צירעלע, מיר וועלן פאָרן אַהיים.

שמערע

כאַ — כאַ — כאַ — ווער וועט עס פאָרן אַהיים?... אַי וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר!, זינגט, יידעלעך, וואָס מיר זענען זענען מיר...

רייצע יענטע

נישט אַנדערש אין דעם פּאַסטערנאַק־צימעס איז עפּעס געוועו.

מלכה שרה

וואָס רעדט איר? איך האָב דעם פּאַסטערנאַק איבערגעקליבן.

רייצע יענטע

איר וועט מיר נישט איינרעדן. נישט אַנדערש אַ משוגענער פּאַסטערנאַק זיך אַריינגעגנבעט, אַ נישט וואָלט זיך דעם עולם אַזוי נישט פּאַרדרייט די קעפּ.

אורטשע

וואָס וועט איר, מחותּנתטע, אויסטראַכטן אויף מיין צימעס? איך וועל מיר נישט לאָזן.

פּעסעלע

פאַלט אַריין אַ פאַרשנייטע

כלאַוונע

אָט איז זי, יידן! לאָמיר הוליען, לאָמיר טאַנצן...

רייצע יענטע

קושט זי

מיין קינד, וואו ביסטו געווען?

פּעסעלע

אַלע שוין פּאַראַן?

קושט זיך מיט די מיידלעך

שפּרינצע צירל

אוי וויי, מיין טאַטע איז דאָך נישטאָ!

כאַטשע שמחה

כאַ־כאַ־כאַ — וואו איז שמערע?

כלאַוונע

ער איז אַוועקגעפאָרן ברענגען מיין חברה.

שפּרינצע צירל

קומט, יידן, זוכן מיין טאַטן, אוי וויי, איך וועל גיין אים זוכן.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

לאָזט זי נישט אַרויס פון שטוב.

כ אַ ט ש ע ב ע ר

שמערע איז אַוועק צו כלאַוונען, זאָג איך אייך. זעצט זיך יידן צום טיש. דערלאַנג, מיין ווייב, וואָס צו פאַרבייסן. יידן, צום טיש!

ש מ ע ר ע

קומט אַריין. עס ווערט אַ געטומל

כ ל אַ ו ו נ ע

שמערע, סערדצע, וואו ביסטו געווען?

ש מ ע ר ע

ציילט דעם עולם

נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי...

כ ל אַ ו ו נ ע

אַלע פאַראַנען, וואָס ציילסטו?

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ל

אָט בין איך דאָך, טאַטע?

ש מ ע ר ע

וואַרפט דאָס היטל און דר׳ערד פאַר התפעלות

דאָס ביסטו דאָך מיין כשרע טאָכטער! טאָ וואָס־זשע שווייגט איר, יידן? לאָמיר זינגען, לאָמיר שפרינגען, אַי, וואָס מיר זע־נען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר...

כ ל אַ ו ו נ ע

יידן, זייט עדות: כאַטש כאַטשע בער אין מיר אַמאָל געקראָכן אין וועג אַריין, נאָר איך בין אים נישט קיין שונא. וואו ביסטו, זיידע? און דו, פעלטע פייגע, חתן־כלה קומט אַהער!

זאָל גאָט געבן, אַז טאַטע-מאַמע זאָלן האָבן נחת פון אייך! קום אַהער, כאַטשע בער, אָדער כאַטשע שמחה.

כאַטשע שמחה

וואָס בין איך דיר אַמאָל געקראָכן אין וועג אַריין? די בהמה איז סיי ווי געווען מיט אַ חסרון, דעריבער האָב איך זי גע-פירט אויפן יריד.

רייצע יענטע

וואָס רעדט איר, כלאַוונע, ווען די בהמה זאָל זיך נישט בריקען וואָלט איך זי אייך פאַרקויפט. האָט נישט צוגעלאָזן די מילך, געמוזט שטענדיק איר געבן אַביסל היי אונטער דער נאָז.

כלאַוונע

כאַ — כאַ — כאַ, — יידענע, וואָס איר זענט! איך רעד נישט פון דער בהמה, כ׳מיין, אַז מיין אַלטער בייניש האָט געהאַט אַן אויג אויף אורטשעס טאָכטער און איך אויך: נאָר איך פאַרגין דיר. יידן, זייט עדות, איך זאָג, אַז איך ווינטש די קינדער מזל און גליק.

שמערע

און מיט מיר שטייט דיר גאָר נישט אָן צו משדך זיין? טאָ זינגט זשע, יידעלעך, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר...

כאַטשע שמחה

וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? איך זאָג אייך, אַז כלאַוונעס קדיש איז אַ וואוילער יינגאַטש.

כלאַוונע

שאַט, יידן, כ׳וועל גאָר נעמען פעסלען פאַר אַ שנור.

רייצע יענטע

קושט פעסעלען

ביי מיין קינד איז נאָך די מילך אויף די ליפּן

כלאַוונע

וואָס זאָגט איר, רב יואל חיים?

יואל חיים

אַ שאָד אַרויסצולאָזן פון שטוב.

שמערע

און מיט מיין קינד שטייט דיר נישט אָן צו טאָן אַ שידוך?

כלאַוונע

זי האָט דאָך אַ חתן.

אורטשע

וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן. איך זאָג, אַז ער איז אַ וואוי־לער יינגאַטש און דו, שמערע, באַדאַרפסט זיך נישט ברעקלען.

כאַטשע שמחה

שאַט, שאַט, איך גיב קיינעם נישט מיין טאָכטער, כלאַוונע, איך גיב דיר נישט מיין טאָכטער.

שמערע

וואָס דאגהסטו, טאָכטער מיינע, ווערסט קריגן אַ חתן. זינגט־זשע, יידעלעך: וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער גאָט דינען מיר. אוי, אוי, אוי, ס'איז מיר גוט, ס'איז מיר וואויל, אוי, אוי, ס'איז אַ נחת, באַווייז־זשע טאָכטער ווי דו ווערסט טאַנצן אויפן טיש.

כאַטשע שמחה

באַווייז, וואָס דו קענסט, שפּרינצע צירל.

מלכּה שרה

נו, שפּרינצעלע, באַווייז וואָס דו קענסט!

וואָווע

שווייגט, ווייבּער! איי וויי, יידן, ס'איז מיר גוט!

רייצע יענטע

ווער עס טאַנצט אויף פרעמדע שמחות דער וועט דערלעבן צו טאַנצן אויף אייגענע שמחות... אוי מאַמעלעך, שמערע גייט טאַקע טאַנצן אויפן טיש. לאָזט, כ'וועל די גלעזלעך אַראָפּנעמען.

שמערע

כאַ, כאַ, כאַ, יידענע! גיס אָן די גלעזלעך פול ביז די ראַנדן און איך וועל טאַנצן צווישן זיי. ער וואַרפט אַראָפּ די שטיוול און אין די זאָקן קלייבט ער זיך אַרויף אויפן טיש. שרייט נו, זינגט זשע־מיר יידע־לעך: אוי, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער גאָט דינען מיר... קום אַרויף, טאָכטער מיינע, העלף דעם טאַטן טאַנצן ביי יידן אויף אַ שמחה.

כלאַוונע

נו, שפּרינצע צירעלע, גיי אויפן טיש, דער טאַטע רופט... באַווייז וואָס דו קענסט!

שפּרינצע צירל

וואַרפט אַראָפּ די שיך און שפּרינגט אַרויף אויפן טיש, טאַנצט אַנטקעגן טאַטן

שמערע

פאַרקאַשערט די פּאָלעס און טאַנצט גרינג צווישן די גלעזלעך אַנטקעגן דער טאָכטער. זינגט

איי, יידעלעך טייערע, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר...

כלאַוונע

וואַווע, סערדצע, כאַפּ זיך אַריין אין מיין שליטן און ברענג מיר מיין משפּחה אַהער. כ׳וויל, אַז שמחות זאָל זיין... שמערע! מיין זון נעמט דיין טאָכטער, ווי זי שטייט און גייט! יידן, זייט עדות, אַז כלאַוונע גיט אָפּ זיין זון פאַר שמערעס טאָכ־טער. אָן נדן, אָן... איי, וואָס מיר זענען זענען מיר... זינגט־זשע, יידעלעך, אָצים דריצעם, אָי, אָי, אָי...

שמערע און שפּרינצע שפּרינגען אַרונטער פון טיש

כלאַוונע

נעמט אַרום שמערען

הערט, יידן, כ׳האָב געהאַט פאַריבל אויף שמערען. געהאַט באַנ׳אים אַן עולה. געוואָלט וואַרטן ביזקל יום־כפּור און כ׳בין עס אים מוחל! כ׳בין דיר מוחל, שמערע. אַך, וואָס מיר זע־נען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר.

א קלאַפּ אין פענסטער פון דרויסן. ברעכט אויס אַ שויב

רייצע יענטע

אוי, ווי דער ווינט פייפט.

מלכה שרה

פאַרשטאָפּ די שויב גיכער, מיט אַ שמאַטע.

וואַווע

ס׳האָט מיין פערד אויסגעשלאָגן. בעט זיך אין שטוב אַריין. כ׳וועל גיין וועל איך אַלע בייזע חלומות צו אים אויסלאָזן.

כאַטשע שמחה

פיר אים אַרונטער הינטער דער שטאַל, דאָרט רייסט נישט דער ווינט אַזוי שטאַרק.

אורטשע

קום אַרויס וועלן מיר זען ווער עס איז דאָרטן. דאַכט מיר, ס׳איז נישט דעם פערדס מלאכה.

ו ו א ו ו ע

קום, אורטשע!

גייען ביידע ארויס

כ ל אַ ו ו נ ע

וואָס מיר זענען זענען מיר... געפעלט דיר, שמערע, מיין זון? האָסטו אים! — און דו, טאָכטער, געפעלט דיר מיין יינגאַטש, האָסטו אים. איך גיב אים, שמערע, איבער אין דיינע הענט. לערן אים צו האַלטן אַ בייטש אין דער האַנט, און שבת זאָל ער ביי דיר זיין אַ ייד — זינגט־זשע, יידעלעך, אָצים דריצעם אָי, אָי, אָי... און דו, פעסעלע, האָסט האָלד מיין קלענערן יינגאַטש, ער באַדאַרף נאָך וואַקסן, דו באַדאַרפסט נאָך וואַקסן. וואָס זאָגסטו, כאַטשע שמחה?

כ אַ ט ש ע   ש מ ח ה

מסכים!

ש מ ע ר ע

ער האָט אַ וואויל קעפל.

ר י י צ ע   י ע נ ט ע

מיין קינד קאָן נאָך וואַרטן.

ש מ ע ר ע

כאַטשע שמחה וועט פעסעלען געבן נדן אויך.

כ ל אַ ו ו נ ע

טאָ, טאַנץ־זשע, צירעלע, מיין שנור! קום אַהער, כלאַוונע רופט דיך. ווילסט זיין מיין שנור? צו מיר אויף קעסט. וועסט דאָס פוטער־פעסל ביי מיר נישט באַדאַרפן דרייען און די בהמה מעלקן אויך נישט.

מ ל כ ה   ש ר ה

די מאַמע האָט זי נישט געלערנט צו זיין אַ פריצטע. זי

וועט דרייען דאָס פעסל און מעלקן די בהמה, אַז מען וועט באַדאַרפֿן.

שפּרינצע צירל

וואָס זאָגסטו, פּעלטע פייגעלע, ס׳איז גוט צו זיין אַ כלה?

זיידע

ווער אַ כלה, צירל, וועט מען ביידע חתונות פּראַווען אין איין וואָך.

יואל חיים

וואָס האָט די גאַנצע צייט געדרעמלט, רייבט די אויגן און הייבט אָן זינגען

איי דים, דים — דים — דים, אוי דוי, דים — דים — דאים.

שמערע

לעבן זאָל רב יואל חיים!

כלאַוונע

מחותן, שמערע! גיב מיר אַהער דיין האַנט. קומט יידן לאָמיר פּאָרן צו מיר, זאָל מיין יידענע וויסן, אַז איר זון איז געוואָרן אַ חתן.

כאַטשע שמחה

זאָל זי טאַקע וויסן, דיין יידענע.

כלאַוונע

נישט געקאַנט זי מיטנעמען, אַ יידענע, האָט זיך פּאַרריבן, זאָל זי וויסן.

שמערע

איך וועל אים, דעם חתן, אָנדרייען פּאַרן אויער. קומט, יידן, לאָמיר פּאָרן. און דו, טאָכטער מיינע, צירל שפּרינצע אָדער שפּרינצע צירל אַ דאגה, יידן, אירע צוויי באָבעס כשרע ווייבער געוועזן.

וואָווע און אורטשע קומען אַרײַן, לאַכן אױפֿן הױכן קול.

שמערע

קומט אַרײַן, ײדן!

וואָווע

װײסט איר װער ס׳האָט די שױב אױסגעשלאָגן?

אורטשע

מײַן באַראַן! מיט די הערנער אױסגעשלאָגן.

מלכּה שׂרה

מען האָט געלאָזט אָפֿן די שטאַל איז ער נאָכגעלאָפֿן.

כלאַװנע

שאַט, ײדן, דאָס האָט ער מיר דאָס פֿערד איבערגעשראָקן.

שמערע

ער האָט מײַן פֿערד אױך איבערגעשראָקן, כאַ־כאַ־כאַ.

אורטשע

מיט געװאַלט אים אין שטאַל אַרײַנגעפֿירט. צו דיר, כאַטשע שׂמחה, אין שטאַל אַרײַן.

רײַצע יענטע

איז עס טאַקע אײער באַראַן?

אורטשע

כאַ־כאַ־כאַ — ײדענע!

מלכּה שׂרה

װיל נישט בלײַבן אין שטאַל אַלײן אָן דעם פֿערד.

רײַצע יענטע

טאָ װי קומט ער צום פֿענסטער?

שמערע

האָט געהערט ײדן זענען זיך משׂמח.

אַ קלאַפּ אין פענסטער, אַ שויב צעבראָכן

וואַווע

כ׳האָב געזאָגט מען באַדאַרף דעם טויער פאַרשפאַרן.

זיידע

ער בעט זיך אין שטוב אַריין.

מלכה שרה

גיי, חתן, אַוועק פון פענסטער.

פעסעלע

קוקט אין פענסטער

מען זעט קיינעם נישט.

וואַווע

קום, אורטשע, כ׳בין אַ בעלן צו זען וואָס דאָרט איז אַזעלכעס.

כלאַוונע

קומט, יידן, לאָמיר אים כאַפּן און בינדן.

יואל חיים

נעמט מיט די בייטש. כ׳בין אַ בעלן צו גיין.

אַלע מענער גייען אַרויס. די ווייבער בלייבן, קוקן אין פענסטער

שפּרינצע צירל

ער איז אַנטלאָפן געוואָרן.

רייצע יענטע

ס׳איז נישט רעכט, מיין קינד, דו זאָלסט שטיין נעבן פענסטער.

פעלטע פייגעלע

זיי יאָגן אים נאָך.

מלכה שרה

גיי דו אויך אַוועק פון פענסטער.

ר י י צ ע י ע נ ט ע

האָבן זיך קיין עין הרע אָנגעשנעבעט. זאָלן זיי דאָרט חלילה גאָרנישט בלייבן אין שניי!

פ ע ל ט ע פ י י ג ל

קוקט, קוקט, ווי זיי יאָגן אים נאָך. אוי, דער זיידע איז געפאַלן אין שניי!

מ ל כ ה ש ר ה

מען האָט דעם חתן נישט באַדאַרפט לאָזן גיין.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ל

שרייט דורך דער צעבראָכענער שויב

זיידע, זיידע, קום אַריין!

ר י י צ ע י ע נ ט ע

גיי אַוועק מיין קינד פון פענסטער. וועסט זיך נאָך פאַרקילן.

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ל

אונזער באַראַן איז אַזאַ קלוגער, פונקט ווי אַ מענטש איז ער קלוג. אַנומלט זאָגט צו מיר דער טאַטע: גיי, שפרינצע, טרייב אים אַריין אין שטאַל און פאַרשטעל דעם טויער. נעם איך אַ ריטל און וויל גיין צו אים, טוט ער אַ קאָפּיע מיט די הערנער און אַנטלויפט אויף דער לאָנקע. אַזוי ווי אַ מענטש איז ער קלוג!

פ ע ס ע ל ע

איר זעט, דער זיידע ליגט אין שניי. קומט לאָמיר אים אויפהויבן. קום, צירעלע!

כאַפּט צירעלען ביים האַנט. לויפן אַרויס

ר י י צ ע י ע נ ט ע

אַלט איז נישט יונג. אַן איבעריק גלעזל גענומען קאָן ער זיך שוין נישט איינהאַלטן אויף די פיס.

די צוויי מיידלעך פירן אונטער די הענט דעם אַלטן

יואל חיים

האַלט זיך קוים אויף די פיס. זינגט

דים, דים, דיי דיי דאים...

רייצע יענטע

נאכסאָל, שווער־לעבן, האָט איר באַדאַרפט אַרויסגיין אין אַזאַ זאַווערוכע?

יואל חיים

וואו זענען מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך?

פעסעלע

זיי זענען אַלע אין גאָרטן: זיי יאָגן זיך נאָך אים.

מיט געזאַנג לאָזן זיך אריין אַלע מענער, אויסער כלאַוונע. פאַלן פון די פיס

מלכה שרה

וואו איז כלאַוונע?

שמערע

האָט זיך אַוועקגעיאָגט נאָך אים.

אורטשע

איך זאָג אים, ס'איז מיינער און ער יאָגט אים נאָך.

שמערע

זעצט זיך אַנידער און האַלב-איינגעשלאָפן זינגט ער

אַך, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר.

וואַווע

זינגט, זיידעשי, אי וויי, ס'איז מיר גוט: אַי וויי, ס'איז אַ נחת. — כאַטשע בער, דו שלאָפסט? שטיי אויף, דיין זון איז דאָך אַ חתן געוואָרן. אורטשע דו שלאָפסט אויך? קומט לאָמיר זינגען, לאָמיר שפּרינגען.

ש מ ע ר ע

וואו איז מיין מחותן, כלאַוונע? כ׳וועל אים גיין זוכן.

לאָזט זיך צו צום טיר

ש פ ר י נ צ ע צ י ר ל

בלייב אין שטוב, טאַטע.

מ ל כ ה ש ר ה

לאָזט אים נישט אַרויס.

ש מ ע ר ע

לאָזט מיך, ווייבער. כ׳וועל גיין מיין מחותן זוכן. כלאַוונע, וואו ביסטו? קומט, יידן, לאָמיר אים גיין זוכן.

מ ל כ ה ש ר ה

אָט בעסער לייגט זיך צו. איר האָט דאָך שוין נישט קיין כח צו שטיין אויף די פיס.

ש מ ע ר ע

אַך, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר... טאַטע רבונו של עולם — איי ס׳איז מיר וואויל, — לאָזט מיך אויפן טיש. כ׳וויל טאַנצן. גיב אַ האַנט, טאָכטער...

ר י י צ ע י ע נ ט ע

טוט עס נישט. איר וועט נאָך חלילה אַראָפּפאַלן. לאָז אים נישט, שפרינצעלע מיין קינד, ער וועט אַראָפּפאַלן.

א ו ר ט ש ע

קום, שמערע, איך גיי אויך מיט דיר...

וויל זיך ארויפקלייבן אויפן טיש און קען נישט

מ ל כ ה ש ר ה

גאָט איז מיט אייך, איר וועט זיך נאָך חלילה ממיתן.

כ לאַ ו ו נ ע

לאָזט זיך אַריין מיט אויסגעשפּרייטע הענט ווי אויף פליגל, אויסגעטונקט אין שניי. קוקט אַרום דעם עולם

אָט זענען זיי דאָך! כאַ־כאַ־כאַ — שטייט אויף, יידן! ביי מיר איז אַ שמחה, ביי מיר איז אַ שמחה... העלפט מיר טאַנצן, העלפט מיר שפּרינגען... אָט אַזוי...

מ ל כ ה   ש ר ה

איר וועט איינוואַרפן דעם באַלקן, אַזוי טאַנצנדיק.

כ לאַ ו ו נ ע

יידן, שפּאַרט אונטער דעם באַלקן! איך וויל זינגען, איך וויל שפּרינגען.

טאַנצט, אַזש די גאַנצע שטוב ציטערט

אַ ל ט ע ר   ב י י נ י ש

קומט אַריין. זעט אויס ווי אַ זייל שניי. דער עולם צעלאַכט זיך אויפן הויכן קול

כ לאַ ו ו נ ע

מיין זון, מיין קדיש! זינגט־זשע, יידעלעך, וואָס מיר זענען זענען מיר...

פ ע ל ט ע   פ י י ג ל

אַלטער, דו ביסט געוואָרן אַ חתן!

מ ל כ ה   ש ר ה

וואָס מאַכט די מאַמע?

אַ ל ט ע ר   ב י י נ י ש

די מאַמע האָט געהאַט אַ יינגל. קום אַהיים, טאַטע.

עס ווערט אַ געשריי „מזל־טוב, כלאַוונע״

מ ל כ ה   ש ר ה

אוי ווי איז מיר, מזל־טוב, מזל־טוב אייך, כלאַוונע.

אַלטער בייניש

איך בין געקומען רייטנדיק. מען וועט קאָנען מיין פערד צושפּאַנען צום אָרטשיק: ווי ס׳איז זיך אַרויסשלעפּן פון שניי.

כלאַווגע

פאַרוואָס האָסטו די מאַמען נישט געבראַכט?

אַלטער בייניש

איך זאָג דאָך דיר, די מאַמע האָט געהאַט אַ יינגל.

כלאַווגע

ווער, שפרה? מיין ווייב? מיין כשרע יידענע? טאָ וואָס־זשע שווייגט איר, יידן? שמערע, מחותן, וואָס מיר זענען זעגען מיר, אָבער יידן זענען מיר... קום אַהער, זון! וואו איז זי... די כלה?

זוכט

אַלטער בייניש

וועמען זוכסטו, טאַטע?

כלאַווגע

לאָזט זיך אַראָפּ אויף דר׳ערד, פּאַטשט מיט די הענט פאַר תענוג

איי, שמערע, אַן איידעם וועסטו האָבן. איי, אַ שנור וועל איך האָבן! טאַנצט־זשע יידעלעך, טאַנצט־זשע קינדלערלעך..

דער עולם נעמט זיך ביי די הענט און טאַנצט אַרום כלאַווגען

שפּרינצע צירל

קלייבט זיך אַרויף אויפן טיש און טאַנצט

דיין כלה איז דאָך עס, אַלטער בייניש!

כלאַווגע

מיין זון, מיין קדיש. אויפן טיש קריך אַרויף, טאַנץ מיט דיין כלה.

אַ זאַווערוכע

ש מ ע ר ע

קושט אַלטער ביינִיש

אַך, וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר...

ר י י צ ע י ע נ ט ע

ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן.

ז י י ד ע

גיב אַ האַנט, אַלטער ביינִיש, ביסט דאָך אַ חתן!

כ ל אַ ו ו נ ע

טאָ וואָס-זשע שווייגט איר... שרייט-זשע מזל טוב! —

עס ווערט אַ געשריי „מזל טוב". מען ברעכט כלים. אַלע זינגען „וואָס מיר זענען זענען מיר". שפּרינצע צירל טאַנצט נאָך אַלץ אויפן טיש.

א י י נ ז אַ מ ע ו ו ע ל ט ן

פערזאָנען:

שלמה

שרה

טעלצע, איר אייניקל

עזריאל

חיים, זיין יינגל

חייקל

אַ קעלער־וואוינונג, ענלעך צו אַ הייל. דער סופיט שוואַרץ און געוועלבט. לאָזט זיך האַלברונד אַראָפּ ביז צו די פענסטער. די ווענט שמוציק. קיין מעבל איז נישטאָ, נאָר אין איינצקע ערטער ליגן אויף שטיקער האָלץ ברעטער און אויף זיי בערג שמאַטעס, וואָס דינען פאַר אַ געלעגער. אין אַ וואַנט צוויי פענסטערלעך. אַ הרובע אין אַ ווינקל, ווינטער. אַרום האַלבן טאָג.

ש ל מ ה *ליגט אויף אַ געלעגער, צוגעדעקט מיט שמאַטעס*

ש ר ה *זיצט אויף דער הרובע. די פיס אונטער זיך. דרעמלט*

ע ז ר י א ל *שטייט ביים וואַנט און קוקט אין איין פינטל אַריין*

ט ע ל צ ע *ליגט אויף אַ געלעגער*

ח י י ם *זיצט אויף דער ערד און צייכנט וואָס אויף אַ פּאַפּיר*

א ז ר י א ל

הא — האַ, דערגאַנגען דעם סוד! דערגאַנגען — אדרבא, זאָל מיר ווער ווייזן פאַרקערט. *פירט מיט די פינגער איבערן וואַנט* דאָ האָט איר איין שורה רעכטס און דאָ פאַרנעמט זי זיך לינקס. און ווייטער רעכטס און ווידער לינקס — געוויס; דאָרטן איז דער סמבטיון! קום חיימל, זאָג: וויפל פינטעלעך און וויפל פּאַס־קעס זעסטו דאָ אויפן וואַנט?

פאַרקוקט זיך אויף איין פינטל

ש ל מ ה

קוקט צום סופיט. רעדט צו זיך

חיימל! נעם אַ שטעקן און טרייב אַראָפּ די שפּין איבערן קאָפּ. דעם שפּינוועבס... איבערן קאָפּ, חיימל!

ח י י ם

שפּרינגט אויף פאַר שמחה. קוקט אויפן פּאַפּיר

אָ, ס'אַראַ גרויסע מויער! צען יאָר אינגאַנצן אַלט, כ'האָב

באַכּנישט קיין שיך. נאָך אין צען יאָר אַרום, כ׳וועל זיין אַ
גרויסער, וועל איך האָבן אַזאַ מויער. איצטער דאַרף מען
צעטיילן די קאַמערן...

נעמט זיך ווידער פאַרן צייכענען

ש ל מ ה

אַ שטורם, אַז גאָט שיקט אָן — אַ שטורם אין וואַלד — ביי־
מער מיט די וואָרצלען פאַלן. דעמבעס קאָנען דעם שטורם
נישט בייקומען; די ערד אַליין קאָן דעם שטורם נישט ביי־
קומען. דעמבעס מיט דער ערד אינײנעם קערן זיך אויס.
און איך, אָן הענט. איין פוס — נאָר איין פוס איז מיר פאַר־
בליבן און ס׳איז גאָר קיין סוף נישטאָ, חיים! טרייב אַראָפּ
די שפּין! איך זע שוין באַלד די שיין נישט. חיים!

ע ז ר י א ל

שפּאַצירט זיך דורך הין און צוריק. קוקט יעדערן אָן מיט חשד. קוקט אַ
לאַנגע צייט צו חיימס אַרבעט. חיים מערקט אים נישט

ש ר ה

עפנט די אויגן. טרייסלט זיך אויף. גענעצט זיך אויס. רעדט צו זיך אַליין
זודיקע וואַסער, האַ — זודיקע וואַסער, אַ שטיקעלע שמאַלץ
מיט עטלעכע סקאָרענקעס. אַ קוויקעניש. נישטאָ קיין ציינער
אין מויל. וואָס קאָן מען מאַכן אָן ציינער, וואָס? טראַכט אַ ווײַלע
אַז כ׳האָב געבוירן בתיהן, איז מיר אַרויסגעפאַלן דער ער־
שטער צאָן פון מויל; אַז כ׳האָב געבוירן חוהן, איז אַרויס־
געפאַלן דער אַנדערער; און אַז כ׳האָב געבוירן נחמנען, האָב
איך אָנגעוואוירן דריי ציינער מיטאַמאָל... דערנאָך זענען זיי
שוין געפאַלן, געפאַלן ביז איינעם. דאָס מויל איינגאַנצן ליי־
דיק געבליבן... טאַפּט מיט די פינגער אין מויל ליידיק, אַלץ
גייט פאַרביי... גייט פאַרביי.

שאָקלט מיטן קאָפּ, ביז זי דרעמלט איין

ע ז ר י א ל

שטעלט זיך בײַ אַ וואַנט און פירט איבער איר מיטן פינגער

איר מיינט, אַז די פינטעלעך מיט די פּאַסקעס און די פלעקן אויף די ווענט און דער סטעליע איז סתם אַזוי — אַ טעות! אַ גרויסער טעות. אַלצדינק האָט זיין באַדייט, אַלץ האָט אַ ציל. אדרבא זאָל מיר ווער אויפווייזן פאַרקערט... אין די אויגן איז מיר פינסטער, איך זע נישט, וואָס דאָרט העכער טוט זיך איבער מיר. *קוקט צום סופיט* דאָרט איז גאָר אַן אַנדער וועלט. אַ סך וועלטן איז פאַראַן און אַלץ איינע אַנדערש ווי די אַנדערע. קיין זאַך איז נישט געראָטן אין דער אַנדערער. אָט זעט די פינטלעך און די פּאַסקעס, אָט האָט איר גרויסע און קליינע, גלייכע און קרומע; די קאָלירן אויך אַנדערע. *ווענדט זיך צו ד הויזלייט* וואָס זאָגט איר אויף די לאַנגע שורה, וואָס ציט זיך לינקס?

פאַרטראַכט זיך

ט ע ל צ ע

קריכט אַראָפּ פון געלעגער און שפּאַצירט אום אַפּאַטיש

בחמן געווען אַ נאַר; בתיה געווען אַ נאַר. אַ מענטש אַליין, עלנט. וואָס קאָן מאַכן אַ מענטש אַליין? נישטאָ קיין חשק אַראָפּצוגיין פון געלעגער. *ווענדט זיך צו דער אַלטער* באָבע! זאָג, ווי האָט די מאַמע אויסגעזען פאַרן טויט? אַלע זענען אויסגעשטאָרבן; פאַרוואָס האָבן זיי מיך געלאָזן, זאָג? *גייט צוריק אויפן געלעגער* כ׳וועל רעדן, אינגאַנצן פאַרגעסן. פאַרגעסן מיין נאָמען. עסן, עסן. וואו איז חייקל? פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ?

ח י י ם

מיט שמחה

צען קאַמערן אויף יעדן שטאָק! און אינגאַנצן וועלן זיין —

און אינגאַנצן וועלן זיין... ווענדט זיך צו עזריאלן צען מאָל צען פיל איז, טאַטע?

עזריאל

קוקט אים אָן פאַרוואונדערט

אדרבא, זאָל מיר ווער אויפווייזן פאַרקערט...

חיים

צו טעלצען

מומע, זאָג, וויפל איז צען מאָל צען, האַ?

קריגט נישט קיין ענטפער. רעכנט אויף די פינגער

טעלצע

פאַרוואָס שפּילט מען נישט דאָרט אויבן? טראַכט א ווײַלע פאַר־וואָס זיצן זיי דאָרט אויבן און איך אונטן? פאַרוואָס? ווער האָט מיך אַהער אַרײַנגעזעצט? פאַרוואָס קאָן איך נישט אַרויס־גיין פון דאַנען?... איך בין אינגאַנצן פערציק יאָר... דרײַ־סיק... פערציק יאָר אַלט. טאַפּט איר געזיכט קנייטשן, קנייטשן. געפינט אונטערן צוקאָפּנס א שטיקל שפּיגל־גלאָז, קוקט זיך איין אין דעם יעדן טאָג קומט צו אַ קנייטשעלע. דער שטערן דורך אין קנייטשן. די באַקן... שפּרינגט ענערגיש אַראָפּ פון געלעגער. ווענדט זיך צו דער אלטער באָבע, זאָג: פאַרוואָס בין איך דאָ פאַרשפּאַרט? וואָלט מען שוין אָנהייבן שפּילן דאָרט אויבן... האַ! כ׳וואָלט וועלן הערן דעם פריילעכן, דינעם ניגון. ווי רופט מען אים? ווען איך וואָלט זען וועמען פון אויבן וואָלט איך פרעגן ווי דער ניגון רופט זיך. אַז איך וועל האָבן חתונה... וועט מען דעמאָלט שפּילן?

זעצט זיך ווידער אויפן געלעגער. שטארק פארטראַכט

חיים

שפּרינגט אויף פאר שמחה

צען מאָל צען איז הונדערט, גאַנצע הונדערט! הונדערט קאַ־

מערן וועלן זיין אין מיין שטוב. איצטער דעם קעלער מיט אַ שטאַל.

נעמט זיך ווידער פאַרן צייכענען

ש ל מה

ברעכט אויס מיט אַ ביטערן געלעכטער

כאַ-כאַ-כאַ, דאָקטוירים! דאָקטוירים אָן קעפּ, אָן מחות. וואו איז זייער שכל, זייער פאַרשטאַנד? ביידע הענט מיט איין פוס האָבן זיי מיר אָפּגעשניטן — כ'וואָלט זיי אַלץ מוחל געווען. דעם קאָפּ, דאָס האַרץ פאַרוואָס האָבן זיי נישט אָפּגעשניטן?! וואָס קאָן אַ מענטש מאַכן גאָר מיט איין פוס? טאַטע, פאָטער אין הימל! נעם דאָס האַרץ מיינס, נעם! שטעקט אַרויס פון אונטערן צודעק זיין געזונטן פוס און באַטראַכט דאָס איז מיר געבליבן... אין וואָס פאַראַ ערד פוילט דיין פאָר? אַוואו ערגעץ פוילן מיינע הענט? וואָלטן זיי מיר איין האַנט געלאָזן — כאָטש נאָר די לינקע האַנט. דאָס מויל האָבן זיי מיר געלאָזן. עסן און שילטן. איך בין הונגעריק — שילטן וועל איך! וועמען זאָל איך שילטן? טרייבט ווער די שפּין אַראָפּ! די שפּין איבערן קאָפּ!

ט ע ל צ ע

גייט ווידער אַראָפּ פון געלעגער און שפּאַצירט אום

עפּעס אַ פוילקייט האָט זיך מיר אין אַלע מיינע ביינער איינגעגעסן. באַקוקט אירע הענט בליי איז דאָרט אָנשטאָט די ביינער.

ע ז ר י א ל

באַווייזט אויפן וואַנט

אדרבא, זאָל מיר ווער באַווייזן פאַרקערט! פּאַסקעס און פינטלעך. פּאַסקעס דאָס באַווייזן אויף די טייכן, און פינטלעך — מיינט מען די אינזלען — די מדינות. אָט האָט איר

די גאַנצע לאַנדקאַרטע! איצט לאָז איך זיך צום סמבטיון און דערנאָך צום באַרג אררט און גלייך קיין פּרס...

טעלצע

קוקט אָן עזריאלן. שאָקלט מיטן קאָפּ

שלמה

וואָלט זיך דער מויער איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינברעכן און אַלעמען צערייבן, צעמאָלן! וואָלט אַ דונער פון הימל אַראָפּ־פאַלן און צעזעצן די ווענט מיט אונז אינאיינעם! פיר חדשים צו זומער נאָך געבליבן. איך וועל דאָ ליגן. זאָגט, וועלכער חודש איז היינט? פאַרוואָס שווייגט איר, אַז איך רוף? ס׳פּלאַצט מיר די גאַל — פאַרוואָס הערט איר נישט?! חייקל! פאַרוואָס איז נאָך חייקל נישטאָ?! די שפּין טרייבט אַוועק איבערן קאָפּ.

טעלצע

גייט צוריק אויף איר געלעגער

פויל, פויל, פויל.

שרה

וואַכט אויף, רייבט די אויגן, קוקט זיך אַרום

נחמן פלעגט מיר שטענדיק טרייסטן, שטענדיק טרייסטן. גענעצט נישט דאגה, מאַמע. אַז כ׳וועל אם ירצה השם אויסוואַקסן... אַ טייער קינד געווען בתיה, אַ ליב קינד. געבוירן געוואָרן אַ ליב קינד. נחמן איז קליגער געווען, געזאָלט אַ רב זיין, אַלע האָבן עס געזאָגט. קאַ־קאַלט!... ס׳איז שוין נאַכט? מיינע אויגן זענען מיר פינסטער? חייקל? אה, חייקל? נישטאָ? שאָקלט מיטן קאָפּ אַלץ גייט פאַרביי, אַלץ פאַרביי. זיי פוילן אין דער ערד; אַלע אין דער ערד. אַלץ פאַרביי, אַלץ פאַרביי.

דרעמלט איין

חיים

ווען כ׳וואָלט קאָנען אַרויף אויף דעם אויבערשטן שטאָק, זען,

ווי דאָרט איז אַלע קאַמערן, — די טישן, די בענק, דאָרט וואו מען שפּילט, איז מסתמא אַ גרויסע קאַמער. דאָרטן זיצט דאָס קליינע מיידל, זי שפּילט, איר מאַמע זיצט נעבן איר און גלעט איר קאָפּ. צו עזריאלן הער, טאַטע!

עזריאל

מערקט אים נישט

חיים

שלעפּט אים פאַרן אַרבל

הער, טאַטע! זאָג מיר — קוק מיר נאָר גלייך אין פּנים אַריין. ביסט דאָך מיין טאַטע, פאַרוואָס ווילסטו מיר אין פּנים נישט קוקן?

עזריאל

וואַרפט צו אים אַ טעמפּן בליק

חיים

אַלע טאָג פרעג איך דיך, זאָלסט מיר זאָגן וואו די מאַמע איז. זאָג מיר — וואו איז זי, וועל איך גיין צו איר. איך באַדאַרף דיך נישט. איך וועל זי גיין זוכן. איך וועל גיין פון שטאָט צו שטאָט אין אַלע הייזער. זאָג, טאַטע, ווי רופט מען די מאַמען? ווי האָט זי אויסגעזען זאָג, טאַטע!

טעלצע

לאַכט

איך וועל נאָך, איך וועל נאָך. דרייסיק יאָר אַלט. פערציק יאָר. דריקט איר ברוסט מיט ביידע הענט כ׳וואָלט דאָ האָבן אַ קליינ-טשיקעס קינד, אַ וואַרעמענקעס, אַ רויטינקעס... כ׳וואָלט עס גלעטן. אָט דאָ וואָלט איך עס האַלטן... דריקן, דריקן.

חיים

קוקט זי אָן פון ווייטן

טעלצע

ביינאַכט אויפן געלעגער, אַריבערדעקן זיך מיט אים אונטער די שמאַטעס, דריקן צום האַרצן, און ער מיט די הענטעלעך גראַבלט, זוכט, גראַבלט. דאָס לייב, די ברוסט. אַרום איז פינסטער, פינסטער, איך זע גאָרנישט, נאָך איך פיל ווי ער גראַבלט, גראַבלט.

שלמה

חיימל, שיינער, קינד! קום צו מיר. טייער קינד. קום צו מיר.

חיים

קריכט אַרויף צו דער אַלטער אויף דער הרובע, זי באַמערקט נישט

שלמה

מיט די ציינער וועל איך זיך דאָס לייב בייסן... דעמבעס רייסט דער שטורם־ווינט אויס אין וואַלד — דעמבעס מיט דער ערד איינעם קערט ער אויס: שטעט ברעכט דער דונער איין. מיין פוס! שניידט מיר אָפּ מיין פוס! שניידט מיר אָפּ דעם קאָפּ! שניידט מיך אויף שטיקער! פאַרוואָס שווייגט איר? רוצחים! מערדער! אַ דונער פון גאָט זאָל אייך אַלע מיטאַמאָל איינברעכן! מאַכט מיר דעם טויט, אָדער הערט מיך בעטן. אפשר זענט איר טויב? אַלע טויב... שרה!... טעלצע!... עזריאל! נאָר ער איז דאָך משוגע... חיים!

שרה

אַז מען האָט נחמנען אין קבר געלייגט, האָט זיין צורה געלויכטן ווי לעבעדיק, אַן אַנדער קרענק פרעסט אינגאַנצן אויף. אַז כ׳האָב געזען, ווי מען דעקט צו זיין ליכטיקע צורה מיט שאַרבנס, איז מיר אין די אויגן פינסטער געוואָרן. כ׳האָב נישט געוויינט און די אויגן זענען מיר פינסטער געוואָרן.

ס׳מוז נאָך הענגען דאָס וויגעלע אויפן בוידעם. צווי וויקל-שנורן זענען דאָרט געלעגן — איינער אַ רויטער און איינער אַ ווייסער. נאָך אים געוויקלט. נחמן — ביז דער לעצטער מינוט האָט ער נאָך גערעדט. געוואוסט, ער שטאַרבט. זיין דבור קלאָר. ביז דער לעצטער מינוט... אַלץ גייט פאַרביי.

שאָקלט מיטן קאָפּ ביז זי שלאָפט איין

עזריאל

פון איין שטערן צום אַנדערן איז נישטאָ קיין וועג: פון דער זון צו דער לבנה איז אויך נישטאָ קיין וועג: פון דער ערד צום הימל איז אויך נישטאָ קיין וועג. דאָס באַווייזט, אַז אַלע זענען אַליין אויף זייער וועלטל. אין דעם איז קיין שום ספק נישטאָ. אַדרבא, זאָל מיר ווער ווייזן פאַרקערט. קוקט צו דער סטעליע דאָרטן איז נאָך גאָר אַ פרעמדע וועלט. גאָר פרעמד. דאָרט מוזן חיות אויך זיין. אַדרבא, זאָל מיר ווער באַווייזן פאַרקערט.

טעלצע

קוקט אין שטיקל שפיגל-גלאָז

דאָס קאָן נאָך אויסגעפירט ווערן: אין גיכן געמאָלט זיין. ראשית דאַרף איך אַנטלויפן פון קעלער, אַפילו נישט קומען מער צוריק... אָבער ווי קלייבט מען זיך אַרויס פון דאַנען? אַלע פרעמד: קיינעם קען איך נישט. איך האָב שוין פאַרגעסן ווי צו רעדן מיט אַ מענטשן. אַז כ׳וועל וועמען באַגעגענען אין גאַס, וואָס וועל איך אים זאָגן? וואָס וועט ער מיר זאָגן?... קיינעם, קיינעם קען איך נישט. איך האָב שוין רעדן פאַרגעסן. וועגדט זיך צו חיימען חיימל! טייערער, חיימל! וואָס דאַרפסטו דיין משוגענעם טאַטן? קום בעסער צו מיר, קום, מיר וועלןביידע רעדן. וועסט נישט געפינען דיין מאַמען. אַפילו ווען דו וועסט זי גיין זוכן. הינט האָבן זי אויפ-געגעסן. — ס׳אַגרויסער פראָסט אויף דער גאַס, זי איז פאַר-פרוירן געוואָרן. איך בין שוין אַלט דרייסיק, פערציק יאָר,

קאָנסט מיך רופן „מאַמע" און איך דיך „טייער קינד", „ליב קינד", און אַז חייקל וועט קומען, מיט דעם קערבל, וועל איך פאַר דיר אויסקלייבן די ווייסע חלה מיט ראָזשינקעס.

וואַרט אויף אַ תשובה

ח י י ם

באַהאַלט זיין קאָפּ צווישן די קני

ט ע ל צ ע

דיין מאַמען האָבן וועלף אויפגעגעסן: דו האָסט גאָר קיינמאָל קיין מאַמען נישט געהאַט. דיין משוגענער טאַטע ווייס אויך נישט וואו זי איז...

פון דעם אויבערשטן שטאָק הערן זיך איינציקע קלאַנגען פון עפּעס אַ מע-לאָדיע אויפן פּיאַנאָ

ח י י ם

שפּרינגט אַראָפּ פון הרובע

די מוזיקע האָט זיך שוין אָנגעהויבן! איך הער ווי מען שפּילט!

ט ע ל צ ע

דער דינער פריילעכער ניגון! דאָס שפּילט דאָס שיינע בלייכע מיידל, וואָס גייט פאַרביי אַלע מאָל פאַרן קעלער. אפשר שפּילט דאָרט גאָר אַ קליין מיידעלע? גאָר אַ קליינינקע, צען יאָר אַלט... איך שפּיר, אַז גאָר קליינע דינע פינגערלעך שפּילן דאָרט. — מען באַדאַרף זיך אויפהויבן נענטער צו דער סטעליע. שטעלט זיך אויף דעם געלעגער, דעם קאָפּ גענייגט צו דער סטעליע דאָס איז דער פריילעכער דינער ניגון. טריל-טריל-טריל... טריל-טריל-טריל...

ש ל מ ה

מוזיקע, מוזיקע! אויף דעם האָבן זיי אויערן — רוצחים! וואַלד-גזלנים! אַ מענטש גייט אויס פאַר זייערע אויגן. אַ מענטש גייט אויס...

חיים

אַז איך מאַך צו די אויגן, זע איך די קאַמער, וואו מען שפּילט. אַ שיינער, אַ גרויסער, אַ הויכער חדר. דאָרטן שטייען גרויסע טישן, רויטע און גרויסע, רויטע שטולען. אַ מענטש שפּילט: אַ קליין מיידעלע שפּילט.

הערט זיך צו

טעלצע

דאָס שפּילט אַ קליין, בלייך מיידעלע, מיט דינע, דינע פינ־גערלעך, אין די פינגערלעך איז נישטאָ קיין ביינדלעך.

הערט זיך צו. די קלאַנגען גיסן זיך

עזריאל

דאָ האָט איר די גאַנצע לאַנדקאַרטע, אַלע ימים, אַלע טייכן...
הויבט אויף זיין קאָפּ צום סופיט מיט אַן אָפן מויל האַ, מוזיקע, דאָס איז שוין איבער מיר, דאָרט העכער אויף די פאַרבאָרגענע וועלטן. דאָרט גייט שוין אַרויס פון מיין רשות...

בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל — הערט זיך צ.

שלמה

בלאָזט צום סופיט

אַראָפּ פון דאָרט — אַראָפּ! קיין אַנדער עצה איז מיר נישט געבליבן, איך וועל זיך לייגן אויפן בויך — מיטן פּנים אַראָפּ. איך זאָל גאָרנישט קוקן, אַ נישט וועט מיר די גאַל מיינע פּלאַצן. באַלד וועט ער מיר שוין פאַרשפּינען דעם קאָפּ, זאָל שוין אַ דונער אויסברעכן! איבערקערן דעם מויער מיטן פונדאַמענט — דעם מויער מיט די ווענט, אַז עס זאָל אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט בלייבן... אַ ציגל אויף אַ ציגל זאָל נישט בלייבן.

חייקל

קומט אַריין. באָרוועס. טראָגט אַ קערבל מיט שטיקלעך ברויט. שטעלט דאָס

קערבל אויף דער ערד. שפּרינגט אַרויף אויף אַ געלעגער, באַהאַלט זײַנע פּיס אונטער די פּאָלעס. עזריאל, טעלצע, חיים מערקן אים נישט

כאַ-כאַ-כאַ — ווי קאַלט! אָנוואַרעמען די פּיס — פאַרגעסן זיי אַרומצובינדן מיט שמאַטעס. אַ פולע קאָרב מיט אַל-דאָס-גוטס האָב איך געבראַכט. איך הער מוזיקע אַלע טאָג, אַלע טאָג הער איך מוזיקע, אַ סך מוזיקע.

שלמה

האַ, חייקל! ביסט געקומען... קום צו מיר, מיין אויסלייזער. כ'האָב געמיינט, אַז איך גיי שוין אויס ביז דו וועסט קומען. נישטאָ קיינער אויסער דיר, ווער עס זאָל מיך הערן... ווער זאָל פאַרשטיין מיינע יסורים. — קום צו מיר, חייקל!

חייקל

באַלד, באַלד. איך וועל נאָר אָנוואַרעמען די פּיס.

שלמה

איך האָב נאָר איין פוס, איז ער מיר אויך איבעריק. כ'האָב זיך אויפן טויט געבעטן. כ'האָב זיך אויפן דונער געבעטן. קום צו מיר, חייקל.

חייקל

נאָך אַביסל. נאָר אָנוואַרעמען די פּיס. ס'איז היינט אַ גרויסער פראָסט אויפן גאַס. ביז די קני שניי ליגט אין גאַס. קאַלט אין די פּיס, כ'וועל זיך נאָר אָנוואַרעמען. כלי-זמר הער איך אַלע מאָל אין גאַס און אויף חתונות. אויף חתונות שפּילן כלי-זמר און דער עולם טאַנצט.

טעלצע

קוקט צו חייקלען מיט טיפן שמערץ אויפן געזיכט

שלמה

חייקל! חייקל!

חייקל

שפּרינגט אַרויף צו שלמהן אויפן געלעגער

אָט בין איך נעבן דיר — ווילסט חלה מיט ראָזשינקעס?

שלמה

דו זעסט דאָרט די שפּין? זי באַוועבט מיר דעם קאָפּ.
נעם אַ שטעקן און פאַרטרייב זי: צערייס אַלץ.

חייקל

אַ שיינער שפּינוועבס, אַך, ווי שיין!

שלמה

בייז

צערייס! צערייס!

חייקל

אָן אַ שטעקן קען איך נישט. שטעלט זיך אויפן געלעגער און צערייסט מיטן האַנט דעם שפּינוועבס
אַ שאָד, אַ שאָד, אַזוי שיין!

שלמה

און די שפּין האָסטו געכאַפּט?

חייקל

זי איז אַנטלאָפן געוואָרן.

שלמה

כאַפּ זי, כאַפּ זי און הרגע! דו וועסט אַוועקגיין און זי
וועט זיך ווידער פאַר דער אַרבעט נעמען. — כאַפּ זי!

חייקל

זי איז שוין אין ווינקל אַנטלאָפן.

שלמה

יאָג זי נאָך מיט אַ שטעקן און הרגע זי. יאָג זי נאָך.

שרה

וואַכט אויף

חוה האָט נישט געוואָלט גיין נדבות בעטן. איך האָב זי נישט

געשיקט. נחמן פּלעגט שטענדיק זאָגן, אַז איך וועל ווערן אַ מענטש.

חייקל

באָבע, זע: איך האָב געבראַכט פון כּל טוב, פרישע חלה, ווייכע.

קריכט אַראָפּ פון געלעגער, די קלאַנגען פון אויבן ווערן שטיל

טעלצע

שוין נאָך דער מוזיק! גאָר קנאַפּ האָט זי היינט געשפּילט. ס'האָט ווער אָנגעשריען אויף איר. מען האָט אויף איר אָנגע־שריען, האָט זי אויפגעהערט. האַ, חייקל! ביסט געקומען. ברויט מיט ראָזשינקעס האָסטו געבראַכט?

זוכט אין קערבל

חיים

גייט צום קערבל

אַ שאָד, אַזוי קנאַפּ געשפּילט היינט. מיט די ראָזשינקעס איז מיינע.

זוכט אין קערבל

שלמה

פאַרוואָס, אַז איך האָב אייך גערופן, האָט מיך קיינער נישט געהערט?!

שרה

איך הער, אַז חייקל איז פאַראַן אין שטוב. גיט מיר ווער אַ שטיקל ווייכע פרישע ברויט.

טעלצע

קלייבט אויס פאַר זיך עטלעכע שטיקלעך ברויט, זיצט ביי זיך אויפן געלע־גער און קייט

חיים

בלייבט זיצןביים קערבל

ש ר ה

חייקל! איך הער, אַז דו ביסט דאָ אין שטוב — פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

ח י י ק ל

שפּרינגט אַרונטער פון שלמהס געלעגער. טראָגט צו דער אַלטער דאָס גאַנצע קערבל איך בין געקומען, געוויס, געקומען. אָט האָב איך דיר דאָס גאַנצע קערבל געבראַכט, קלייב אויס.

ש ר ה

די פרישע און ווייכע שפּיר איך צווישן די פינגער, נאָר צי איז עס ווייס?

ש ל מ ה

פאַרוואָס האָסטו מיך נישט צוגעדעקט, חייקל? די שפּין האָסטו געלאָזן לעבן, זי פאַרציט שוין ווידער אַ שפּינוועבס, חייקל!

ח י י ק ל

דערלאַנגט שרהן חלה

איך גיי, איך גיי, אָט דאָס איז גוט פאַר דיר, ס׳איז ווייך, אָן ציינער קאָנסטו עס עסן.

ע ז ר י א ל

נעמט אַרום חייקלען פריינטלעך און שפּאַצירט מיט אים אום

צווישן איין באַרג און דעם אַנדערן ליגט אַ טאָל און צווישן איין טייך און דעם אַנדערן ליגט די יבשה. איין טייך גיסט זיך אַריין אין דעם אַנדערן, און אַלע — אין ים אַריין. אדרבא, זאָל מיר ווער באַווייזן פאַרקערט. פאַרשטייסט עס נישט? פירט חייקלען צו אַ וואַנט שטיי דאָ און היט. איך באַדאַרף נאָך געפינען דאָס שטיק יבשה צווישן דעם סמבטיון און דער

מדינה פּרס. שטיי-זשע און היט — נישט פון אָרט און איך וועל גיין עסן.

נעמט עטלעכע שטיקלעך ברויט פון קערבל, נישט קלייבנדיק. קייט, שפּא-צירנדיק פארטראכטערהייט

ש ל מ ה

מיך האָסטו פאַרגעסן, חייקל! כ׳וועל דאָס האַרץ מחיה זיין, איך זאָל כח האָבן צו שילטן, חייקל!

ח י י ק ל

באַלד, באַלד.

ע ז ר י א ל

שטיי אויף אַן אָרט.

ח י י ם

גיי ברענג בעסערע ברויט. גיי בעט, מען זאָל דיר געבן חלה מיט ראָזשינקעס, גיי.

ח י י ק ל

בלייבט שטיין צעטומלט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן

ט ע ל צ ע

זאָג מיר, חייקל, ווי זעען אויס די מענטשן אין גאַס? כ׳האָב שוין פאַרגעסן, ווי זיי זעען אויס. זאָג, דו זעסט עפּעס קליי-נינקע קינדערלעך אין גאַס, חייקל?

ח י י ם

זאָג, חייקל, אפשר זעסטו מיין מאַמען אין גאַס? דו גייסט דאָך דעם גאַנצן טאָג אום אין גאַס — זאָג — איך האָב דאָך אַ מאַמען.

ש ל מ ה

פאַרוואָס בין איך אַזוי פאַרשאָלטן געוואָרן? פאַרוואָס

האָט מען מיר נישט געלאָזן כאָטש די לינקע האַנט — איינציקווייז וואָלט איך אייך די מחות צעשלאָגן — חייקל!

חייקל

באַפּט דאָס קערבל און שטעלט עס שלמהן צופוסן

אָט האָסטו דיר דאָס גאַנצע קערבל.

עזריאל

פירט חייקלען צוריק צו דער וואַנט

שטיי אויף דיין אָרט און היט.

שלמה

שטיק פערד!! וואָס טויג מיר דאָס קערבל, אַז כ'האָב קיין הענט נישט? חייקל! דו רייצסט זיך אויך מיט מיר?!

טעלצע

קריכט צראָפּ פון געלעגער, נעמט חייקלען פאַרן האַנט

קום צו מיר, פאָלג זיי נישט. זיץ דאָ, אָט הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן.

עזריאל

וואו אַ באַרג און וואו אַ טאָל וועסטו שוין קיינמאָל נישט געפינען...

שטעלט זיך ביים וואַנט, קוקט אין איין פּינטל אַריין

שלמה

נאָר אַ דונער פון הימל קאָן אייך אַלעמען אַוועקלייגן. כ'וועל וואַרטן ביז זומער, און וועל גאָט בעטן, ער זאָל אַ דונער אויף אייך אָנשיקן.

שרה

חייקל, חייקל!

טעלצע

האַלט אים צו

הער זיי נישט, הער זיי נישט. זאָל זי זיצן דאָרט, די אַלטע.

דערציייל מיר אַ מעשה. דערציייל מיר, וואָס דו זעסט אין די גאַסן — וועמען זעסטו דאָרט, האַ? דו, חייקל, ביסט נישט בלינד, דו זעסט אַלעמען — דערציייל מיר, וואָס האָסטו הייַנט געזען אין גאַס?

חיים

זעצט זיך ווידער אויף דער ערד צייכענען

גיי, חייקל, ברענג חלה מיט אַ סך ראָזשינקעס, גיי זון מיר אויף די מאַמע מיינע.

שלמה

וואָס האָט מען מיר דאָס קערבל אונטער דער נאָז געשטעלט — דער ריח פון פרישן ברויט זאָל מיר דאָס האַרץ פאַרברענען? נעמט צו! איר נעמט צו. שליידערט מיטן פוס אַראָפּ דאָס קערבל, די שטיקלעך ברויט צעפליען זיך אין אַלע זייטן

חייקל

אַ שאָד דאָס ברויט, אַ שאָד דאָס ברויט.

טעלצע

פון פרי ביז נאַכט ביסטו אויף יענער זייט קעלער — הער, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן: וועסט ביינאַכט אַרויסגיין אין גאַס, וועסט באַגעגענען אַ קליין קינד, אָדער ווייבער מיט קליינע קינדער — כאַפּ אַרויס און לייג אין קערבל אַריין, און קום צולויפן אַהער — צו מיר.

חייקל

קוקט זי אָן פאַרוואונדערט

שרה

צען יאָר, אַז כ׳בין ביי נחמנען אויפן קבר געווען. צען יאָר ביי חוהן אויפן קבר נישט געווען... בתיהס קבר געדענק איך שוין גאָרנישט — חייקל, חייקל!

ח י י ק ל

שטעלט זיך

איך וועל גיין אויפקלייבן דאָס ברויט.

ט ע ל צ ע

האַלט אים צו

וועסט אַנדער ברויט ברענגען. כאָטש נאָר איין נאַכט וויל איך אים האַלטן נעבן זיך. ער וועט מיט זיינע הענטעלעך גראַבלען, גראַבלען. באַהאַלטן אים אונטער די שמאַטעס.

שעפּטשעט אים וואָס אין אויער

ש ל מ ה

וואָלטן זיי מיינע קינדער געווען — איינציקוויז וואָלט איך זייערע לייבער צעביסן, מיטן פוס די הערצער צעבראָכן. איצט איז מיר געבליבן מיין איינציקער פוס צום בייסן. בייסן מיין אייגן לייב פון צאָרן, אויף וועמען זאָל איך מיין כעס אויסגיסן? — כ׳וועל מיך אַליין, מיין אייגן לייב! —

ש ר ה

אַז דער שניי וועט צעגיין וועל איך בעטן חייקלען, ער זאָל מיך אַרויספירן אויף די זון. כ׳וועל גיין אויפן פעלד. נחמנס קבר וועל איך נאָך דערקענען. כ׳וועל דעם צייכן אָנטאַפּן — דעם שטעקן, וואָס כ׳האָב אין קבר אַריינגעשטעקט. ביי חוהן אויפן קבר מוז נאָך דאָס וויגעלע ליגן. חייקל, חייקל!

ט ע ל צ ע

האַלט חייקלען. שעפּטשעט אים אין אויער

ע ז ר י א ל

מיט גרויס שמחה, פאַרקוועטשט דאָס היטל אויפן קאָפּ

געפונען דעם גלייכן וועג! אַלץ געפונען — דערגאַנגען.

שלעפּט אַרויס אַ געלעגער אויפן מיטן שטוב. שטעלט זיך אויף אים און טאַפּט מיט

שמחה דעם סופיט אָט האָב איך דעם גאַנצן הימל ביי זיך אויפן האַנט — אַלץ אויפן האַנט! פינטלעך און פּאַסקעס; פּאַסקעס און פינטלעך — גאָר קיין נייעס אויף דער וועלט נישטאָ — אדרבא, זאָל מיר ווער באַווייזן פאַרקערט. איצט פאַרשטיי איך שוין דעם סוד, פאַרוואָס דער רעגן גיסט זיך דוקא פון אויבן און נישט פאַרקערט. גאָר קיין נייעס אויף דער וועלט נישטאָ, גאָר קיין נייעס אויף דער וועלט נישטאָ... אַלץ די אייגענע בערג, אַלץ די אייגענע ימען, אַלץ די אייגענע טייכן. אָט דאָס איז דער סוד פון דעם רעגן. גאָר קיין נייעס, גאָר קיין נייעס. — אַלץ אויפן האַנט.

פירט מיטן פינגער איבערן סופיט. רעדט צו זיך אליין

טעלצע

שטייט אויף, נעמט חייקלען אונטערן אָרעם און פירט אים צו דער טיר

איצטער גיי. געדענק, וואָס כ׳האָב דיר אָנגעזאָגט. אָט ווי איך האָב דיך געלערנט.

חייקל

עקשנט זיך

לאָז, כ׳וועל נעמען דאָס קערבל, ברענגען האָלץ. נאָך ברויט.

כאַפּט דאָס קערבל

שלמה

איך וועל פון הונגער שטאַרבן! חייקל, וואוהין?!

טעלצע

שטופּט אים אַרויס אויף דער גאַס

גיי, גיי גיכער. ביינאַכט וועסטו קומען. גייט צוריק אויפן געלעגער. ליידנשאַפטלעך איין נאַכט, איין נאַכט אונטערן צודעק. ער וועט זוכן מיט זיינע קליינע הענטלעך, גראַבלען, גראַבלען דאָס לייב, די ברוסט.

פאַרטראַכט זיך שטאַרק

ח י י ם

כאַפּט זיך אויף, לויפט צו צו דער טיר און קלאַפּט מיטן פויסט

חייקל! די מאַמע!... מיין מאַמען! חייקל! געדענק די מאַמע!

ש ל מ ה

שרייט

חייקל, וואוהין! אַ דונער זאָל דיך אויפן וועג איינברעכן! גיי צוריק! נאָר איין ביסן ברויט לייג מיר אין מויל אַריין, איין ביסן ברויט! כ'וועל בייסן מיין לייב. כ'וועל גריזשען מיינע ביינער. כ'וועל צערייסן מיין האַרץ און דאָס בלוט אויסטרינקען. איר זענט טויב?! שרייט מוראדיק איר זענט טויב?!... הערט!... הערט, הערט!... איין בי—סן ברויט לייגט אין מויל!... איין בי—סן ברויט!... — די — שפּין — טרייבט אַ—ראָפּ!

ש ר ה

איינציקוויז, איינציקוויז אויסגעשטאָרבן מיינע קינדער... איינציקוויז, איינציקוויז אויסגעשטאָרבן די אייניקלעך. איינציקוויז, איינציקוויז אַרויסגעפאַלן די ציינער. ביסלעכוויז, ביסלעכוויז פינסטער געוואָרן אין די אויגן... ביסלעכוויז, ביסלעכוויז גייט אַלץ פאַרביי!... אַלץ פאַרביי...

שאָקלט ביטן קאָפּ ביז זי דרעמלט איין.

ווען עס פֿאַלט דער טוי

פערזאָנען:

עוזר זאַלצבערג } ביידע אכציקער
נחמה, זיין פרוי }

סימע, הויזמיידל

חיים פייגין, א גוטער פריינט, פאראליזירט

אשר, פירט אום פייגינען

סוף זומער פאַרנאַכט. ביי זאַלצבערגן. אַן אַלטער גרויסער פּרוכט־גאָרטן ציט זיך ווייט אַוועק אין הינטערגרונט. אין פאָדער־גרונט, רעכטס, אַ סוכּה צום זיצן. אַ וועג לויפט פון דער סוכּה ביז צו אַ גרויס אַלט הויז, וואָס זעט זיך אַרויס ווייט פון צווישן דיביימער. פון ווייטן באַווייזן זיך ע ו ז ר און זיין פרוי. גייען זייט ביי זייט. באַטראַכטן די ביימער.

ע ו ז ר

רופט

סימע! סימע!

באַקומט קיין ענטפער. ער קלאַפּט מיטן שטעקן אָן אַ בוים, רופנדיק

נ ח מ ה

עס קאָן זיין זי איז פון שטוב אַוועקגעגאַנגען.

ע ו ז ר

זי וועט דאָך נישט לאָזן די שטוב אַליין.

קומען צ'

נ ח מ ה

ביי איר קאָנסטו אַלץ פועלן.

ע ו ז ר

האָט נישט וואָס צו טאָן.

נ ח מ ה

וואָלט זי נאָר וועלן, מען קאָן שוין געפינען וואָס צו טאָן.

ע ו ז ר

אַלצדינק באַדעקט מיט שטויב, אין שטוב.

נ ח מ ה

כ'האָב היינט אַראָפּגענומען אַ שפינוועבס איבערן בעט.

ע ו ז ר

האָסט עס איר געדאַרפט ווייזן.

נחמה

ווייסט נישט וואָס זי וועט דיר ענטפערן? כ'האָב איר געוויזן דעם שטויב אויפן אַלמער, ווייסטו, וואָס זי האָט מיר געענט־פערט? אַז מען זוכט נישט, זאָגט זי, געפינט מען קיין שטויב נישט.

עוזר

גאָר נישט קיין נאַרישער ענטפער, כע־כע...

נחמה

איך פרעג זי, וואָס זי טוט אַזוי שפּעט אין גאַס? ענטפערט זי — זי גייט שפּאַצירן מיט איר חתן.

עוזר

ווער איז איר חתן?

נחמה

ווייס איך דאָרט וואָס! ענטפערט זיך אַזוי. האָט פיינט צו בלייבן שולדיק אַן ענטפער.

עוזר

קלאַפּט מיטן שטעקן און רופט

סימע, סימע!

נחמה

לאַכט גוטמוטיק

מאַכט זיך נישט הערנדיק.

עוזר

מאַכט זיך נישט הערנדיק. אַז איך רוף? איך גלויב עס נישט.

נחמה

ווי דען, אויף איר איז אַלץ צו גלויבן.

עוזר

איך וועל זי אויסזידלען.

נחמה

וואָס וועסטו זיך שוין אָנהייבן מיט איר?

עוזר

דו צעלאָסט זי.

נחמה

איך? אַן איינפאַל. וויפל מאָל האָב איך זי שוין געוואָלט אַוועקשיקן?

עוזר

וואָס עפּעס אַוועקשיקן? איז שוין צוגעוואוינט צום שטוב. זאָל זיין. נאָר מען באַדאַרף זי אויסשטראָפן. איך וועל זי היינט אויסשטראָפן.

נחמה

דו האָסט זי צעלאָזן. איך האָב געהייסן אַלע טאָג אויסווישן די טיר און פענסטער, האָסטו געזאָגט, אַז ס'איז גענוג איינמאָל אין וואָך. זאָל איך זיין די שלעכטע?

עוזר

כי, כי, כי... ביסט גאָר אייפערזיכטיק. כי, כי, כי...

נחמה

וואָס פרעגסטו זי אַלע מאָל איבער צי זי האָט שוין געגעסן? פאַרלאָז זיך אויף איר. זי נעמט פריער פאַר זיך און דערנאָך דערלאַנגט זי דיר.

עוזר

נע, נע, דאָס רעדסטו שוין בייז. דאָס רעדסטו שוין נישט גוט.

נחמה

וואָרים איך בין גערעכט.

עוזר

זעסטו, אין דעם ביסטו שוין נישט גערעכט. זי מעג, אַ יונגער מענטש, אַז ער האָרעוועט באַדאַרף מען אים געבן עסן צו זאַט.

נחמה

איך זשאַלעווע דען? איך קוק דען נאָך? ווייס איך וואָס דו רעדסט.

עזר

איך בין אויף איר נישט ברוגז. וואָס זאָל איך האָבן צו איר? כי, כי, כי. נאָר אַ קלוגע איז זי. אַ פאַרשייטע, ענטפערט צו דער זאַך. איך זאָג איר: האָסטו עס גאָר קיין דרך־ארץ נישט פאַר אַן אַלטן מאַן? איך בין דאָך עפּעס דיין בעל־הבית? ווייסטו וואָס זי האָט מיר געענטפערט? אייך, זאָגט זי, געפעלט וואָס איך האָב פאַר אייך קיין דרך־ארץ נישט. איך בין, זאָגט זי, אַנטקעגן אייך אַ קליין קינד. כי, כי, כי...

נחמה

איז נאָך טאַקע גאָר אַ קינד!

עוזר

גוטמוטיק

אַ שטיפערקע... כי, כי, כי...

נחמה

אוי וויי איז מיר!...

עוזר

וואָס, ווידער אַ שטאָך געגעבן אין זייט?

נחמה

ווי מיט נאָדלען.

עוזר

אַט זעסטו, און איך זאָג ס'איז אַן עולה. היט דיך נישט אָפּ. סימע! סימע...

נחמה

וואָס רופסטו? זי איז נישטאָ אין שטוב.

עוזר

ניין, איך ווייס זי הײנט גוט אויסשטראָפן. איך וועל איר זאָגן, אַז אויב דאָ איז איר שלעכט קאָן זי זיך גיין פון דאַנען.

נחמה

זי זאָגט גאָרנישט, אַז איר איז שלעכט ביי אונז

עוזר

טאָ וואָס הייסט עס? אַז כ'רוף ענטפערט זי נישט?

נחמה

כאַפּט זיך ווידער ביים זייט

עוזר

איך בין שוין באַלד ברוגז. סימע! סימע! נע, איך וויל עס נישט ליידן. איך וועל זי אפשר הײנט דורכטרײבן. איך וועל זי אפשר הײנט... נע, איך וועל איר זאָגן, אַז... נע... איך בין שוין ברוגז. איך וויל עס נישט ליידן...

נחמה

רעג זיך נישט אויף אַזוי. מען קאָן רעדן מיט איר מיט גוטן.

עוזר

אָבער איך וויל עס נישט ליידן. סימע! אַז איך רוף באַדאַרף מען ענטפערן!

נחמה

זי פאָלגט מיר אויך נישט. כ'האָב איר געזאָגט, אַז מען לייגט

זיך שלאָפן באַדאַרף מען דעם פענסטער צומאַכן. ענטפערט זי מיר: קיינער וועט מיך נישט אַרויסגנבענען. און, אַז מען וועט קריכן דורכן פענסטער אין שטוב אַריין, וועל איך, זאָגט זי, דערהערן.

עוזר

און דו זאָגסט עס נישט מיר, אַזאַ זאַך... זי קאָן זיך נאָך חלילה פאַרקילן און דערנאָך... אַזאַ חצופה... זי וועט שוין מער קיין פענסטער נישט האַלטן אָפן...

נחמה

ער זאָגט פאַרקילן... איך טראַכט, עמיצער קאָן אַריין דורכן פענסטער און בדלות שטעלן.

עוזר

יאָ, איך מיין עס אויך. מען קאָן בדלות שטעלן... ניין, איך וועל זי היינט דורכטרייבן. איך האָב שוין מער קיין געדולד נישט. און רעכט אויף איר, אַז מען האָט אַזאַ גוט אָרט, באַדאַרף מען אים שאַנעווען. טוט מען נישט קיין הפקר-זאַכן. זאָל זי זיך גיין!

נחמה

אַ נאַריש מיידל. ווייסט נישט, אַז דאָ איז איר גוט. אַז ווי אַן אייגן קינד איז זי ביי מיר.

עוזר

דאָס האָט מען נישט באַדאַרפט. פון ערשטן טאָג אָן, שטרענג! און איך הויב עס נאָך איצטער אָן. נאָר שטרענג..

סימע

קומט אָן פון צווישן די ביימער. ליכטיק בלאָנד. מיט יוגנט פול. טראָגט אין ביידע הויפנס רויטע מאַלינעס, לאַכט

איר זענט גאָר דאָ און איך האָב אייך איבערן גאַנצן גאָרטן

געזוכט. זעט נאָר וואָס כ׳האָב געפונען. פאַרזוכט, הער זאַלצ-
בערג, שטעלט אָן די האַנט וועל איך אייך אַריינשיטן.

נ ח מ ה

גיי, ביסט אַ צעלאָזן מיידל. ער איז שוין געווען אין כעס.

ס י מ ע

ווי איז מיר, איר האָט מיך באַדאַרפט?

ע ו ז ר

איך בין נאָך איצטער אויך אין כעס.

ס י מ ע

ווען איך זאָל עס וויסן. כ׳האָב געמיינט, אַז איר שלאָפט.

ע ו ז ר

כי, כי, כי... זי מיינט, אַז אַלטע לייט שלאָפן שטענדיק.

ס י מ ע

איר שלאָפט דאָך שטענדיק אין דער צייט.

נ ח מ ה

גיי און זיי אין כעס אויף איר.

ע ו ז ר

גוטמוטיק

כ׳האָב דיך שוין געוואָלט דורכטרייבן.

ס י מ ע

איר דאַרפט מיך נישט טרייבן. איך קאָן אַליין אַוועקגיין.

נ ח מ ה

כ׳ווייס וואָס ער רעדט. ס׳האָט מיר אין זייט אַ שטאָך געטאָן.

ס י מ ע

בעסער פאַרזוכט די מאַלינעס. איר זעט, פולע הויפנס.

עוזר נעמט פון איין האַנט און לייגט אין מויל און נחמה נעמט פון דער

אנדערער האַנט און לייגט צו זיך אין מויל. סימע שטייט אויף די קני מיט אויס-
געשטרעקטע הויפנס, און קוקט זיי אין די אויגן

עוזר

אַ בעלנות געווען אַזויפיל נאָך איצטער מאַלינעס אָנצוקלייבן.

נחמה

מען זעט שוין קיינמאָל נישט אין דער צייט.

סימע

כ'האָב געזוכט פאַר אייך, כ'האָב געוואוסט, אַז איר האָט עס ליב.

עוזר

כי, כי, כ'האָב שוין באלד אינגאַנצן אויפגעגעסן, און פאַר דיר
נישט געלאָזן.

נחמה

לייגט סימען אַ מאַלינע אין מויל אַריין

נאַ, דו שטיפערקע, דו...

עוזר

און דו זאָגסט, אַז איך האָב זי צעלאָזן.

כמעט נישט באַמערקנדיק לייגט ער אויך סימען אין מויל אַריין מאַלינעס

נחמה

איך זאָג עס נאָך איצטער אויך.

סימע

מיט וואָס בין איך שלעכט? אָט, אדרבה, זאָגט מיר. איך
וואָלט וועלן פון גאַנצן האַרצן, אַז איר זאָלט זיין צופרידן
מיט מיר. איך ווייס דען נישט, אַז איך באַדאַרף אייך אויפ-
היטן. אייער טאָכטער האָט עס מיר אָנגעזאָגט — איך ווייס
אָבער אַליין בעסער פון איר.

עוזר

אודאי, אודאי, ווייל מיין טאָכטער, אַז דו זאָלסט אונז אויפהיטן.

נ ח מ ה

איך האָב צו דיר גאָרנישט. ביסט מיר ליב ווי אַן אייגן קינד.

ס י מ ע

איך ווייס, אַז איר וועט מיך נישט דורכטרייבן.

נ ח מ ה

חלילה, ווער טראַכט פון אַזעלכע זאַכן.

ע ו ז ר

נאָר אַ שטיפערקע ביסטו. וואָס האָסטו זיך אַזוי אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און מען קאָן מיינען דו קאָרמעסט צוויי הינער?

ס י מ ע

עס טוט מיר וויי די פיס. כ'בין אַ סך אומגעגאַנגען.

ע ו ז ר

וועסט זיך היינט לייגן פריער שלאָפן, און באַדאַרפסט נישט אויפשטיין אַזוי פרי.

ס י מ ע

איך הער, אַז איר שטייט אויף, נו ווי קאָן איך שוין שלאָפן.

ע ו ז ר

האָסט אויך מיר נישט וואָס צו קוקן.

נ ח מ ה

אָט זעסטו, ביי דיר איז רעכט, זי זאָל שלאָפן ביז האַלבן טאָג.

ע ו ז ר

כי, כי, האָסט אַ שלעכטע בעל־הביתטע. כי, כי...

ס י מ ע

נו, וואָס זאָל איך אייך איצטער אַרויסברענגען?

ע ו ז ר

ברענג מיר אַרויס מיין שלאָפראָק, ס'איז שוין קילבלעך.

ס י מ ע

זאָל איך אייך, מאַדאַם, אפשר אַרויסברענגען אַ טוך?

נ ח מ ה

אָ, מיין קינד, ס'איז שוין טאַקע קאַלט.

ס י מ ע

לויפט אין שטוב אריין

ע ו ז ר

און דו האָסט זיך געבייזערט אויף איר.

נ ח מ ה

איך האָב געזאָגט, אַז כ'האָב, חלילה, צונ'איר גאָרנישט.

ע ו ז ר

דו ביסט אַ שלעכטע, ביסט צו מיר אויך שלעכט.

נ ח מ ה

וואָס נאָך פאַר אַ בלבול וועסטו אויף מיר אויסטראַכטן?

ע ו ז ר

זעסט, אָט איז זי שוין צוריק. ווי זי שפּרינגט! לויף נישט אַזוי! וועסט נאָך פאַלן איבער די צווייגן!...

ס י מ ע

קומט אָן. טוט אים אָן דעם שלאָפראָק און איר די טוך

אָט אַזוי וועט אייך זיין וואַרעם.

ע ו ז ר

ס'קומט פאַרנאַכט, פאַלט שוין אַ קאַלטער טוי

ס י מ ע

פייגין פאָרט דאַכט מיר אַהער.

ע ו ז ר

האַ, האַ... זייער גוט. זאָג אים מיר זענען אין גאָרטן. עפּן אויף דעם טויער און זאָל ער אַריינפאָרן אַהער.

נחמה

נישט אַנדערש. בעט אים אַהער...

סימע

אָפּגייענדיק, שרייט

וואַרט דאָרט נעבן טויער! איך גיי אויפּעפּענען.

עוזר

שוין דריי טעג אים נישט געזען.

נחמה

קאָן זיין ער איז געלעגן צו בעט.

עוזר

געקענט זיין גאָר אַ שטאַרקער ייד.

נחמה

ווען נישט גאָטס שטראָף.

עוזר

אַ גרויסע שטראָף... כי, כי, אַזאַ חצופה האָט אָנגעקליבן אַזעלכע שאַרפע מאַלינעס. אַ וואויל קינד.

מיטן וועג קומט אָן פייגין, געפירט אין אַ שטול אויף רעדער. אשר שטופּט דעם שטול. סימע גייט אויך נאָך

פייגין

גרוי און אַלט. זיצט אין שטול איבערגעדעקט די פיס מיט אַ פּלעד

עוזר

אַ גלייכע זאַך האָסטו געטאָן, דאָ איז גאַנץ פריש.

נחמה

וואָס עפּעס גאַנצע דריי טעג נישט געזען?

אשר

הער פייגין איז געלעגן.

נ ח מ ה

וואָס האָב איך געזאָגט?

פ י י ג י ן

מיין יונגערמאַן, וואָס גייט מיר נאָך פון הינטן, האָט זיך גע־פוילט מיך צו פירן, האָט ער מיר איינגערעדט, אַז כ׳בין אַ חולה און באַדאַרף ליגן אין בעט.

הוסט

נ ח מ ה

טע, טע, טע, אָט הוסט איר טאַקע פאַרקילט.

א ש ר

איר האָט נאָך היינט אויך נישט באַדאַרפט אַרויספאָרן.

ס י מ ע

מיט וואָס זאָל איך מכבד זיין דעם גאַסט?

פ י י ג י ן

אָט איז דער אַנדערער גוטער מענטש.

ס י מ ע

געוויס בין איך אַ גוטער מענטש.

פ י י ג י ן

אַי, זענט איר גוט. איר קאָנט דען ליידן אַלטע לייט?

ס י מ ע

ווינקט זיך דורך מיט אשרן

נ ח מ ה

אומזיסט האָסטו פאַריבל, חיים, אָט זאָג איך איר אין די אויגן, זי איז אַ גרויסע שטיפערקע, נאָר כ׳ווינטש איר קיין בייז נישט. איז מיר אַ גוטער פריינט.

אשר

הער פייגין איז אויף מיר אין כעס פֿאַרוואָס איך גיי אַ פֿאַר-טראַכטער, ווען איך שטופּ דעם שטול.

פייגין

מען האָט מיך די וואָך שיער נישט איבערגעפֿאָרן.

עוזר

אַזוי... שיער נישט איבערגעפֿאָרן. כי, כי, כי, דו, יינגאַטש איינער — פֿאַרגעסט זיך, אַז דו פֿירסט אַ לעבעדיקן מענטשן. טאָמער עפּעס, דו קאָנסט אַנטלויפֿן און ער נעבעך...

פייגין

אָט דאָס שריי איך. חלום נישט! רעד אַ וואָרט אַרויס. גייט ער הינטער מיר און כ׳מיין ער איז שטום געוואָרן.

אשר

נעמט סימען. זי איז אַ בעסערע פֿון מיר.

פייגין

וואָלט זי נאָר וועלן גיין צו מיר.

סימע

איך וועל גיין. פֿאַרוואָס נישט? סיי ווי ווייל מיך הער זאַלצ-בערג דורכטרייבן.

עוזר

דו, נאַריש מיידל דו. ווער האָט עס דיר געזאָגט? האָט זיך איינגערעדט, אָט, דו נאַריש מיידל.

פייגין

דאָס מאַכט זי נאָר אַן אָנשטעל. כ׳וועל אים שוין מוזן האַלטן, אָט דעם שלאַק... נו, איצטער ביסטו פֿריי... קאָנסט זיך גיין אויב דו ווילסט.

סימע

ווינקט צו אשרן. זיי גייען ביידע אָפּ אין הינטערגרונט

פייגין

כע, דאָס בייזער איך זיך נאָר. מען קאָן נישט אַנדערש. אַ וואוילער בחור. האָט אַ שאַרפן קאָפּ. אין רעכענען — פייער־פלאַם. איך כאַפּ אים אַמאָל, אַז ער שטומט הינטער דעם ווערגל גייענדיק, מיין איך, אַז ער איז גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן, פרעג איך פלוצלינג: וויפל איז טויזנט מאָל טויזנט — ער ענט־פערט! גאָר נישט געקלערט, כאָטש פרעג אים וויפל שטערן אין הימל פאַראַן, ט'ער אויך זאָגן.

אין הינטערגרונט איז צו זען ווי סימע קלעטערט אויף אַ בוים — אשר העלפט איר אונטער

נחמה

מיינע אויך, אַ דימענט. שאַנעוועט אונז ווי אייגענע טאַטע־מאַמע.

פייגין

איך האָב אַזעלכעס באַדאַרפט האָבן. איך זע, אַז זי איז מיט אַ גוט האַרץ... זעענען שוין די עפל דערשטאַנען?

עוזר

פאַלן פון דיביימער. נישטאָ וועמען זיי אויפצוקלייבן. אָט ווילסט, וועל איך דיך אַביסל דורכפירן דעם גאָרטן... העלף מיר, נחמה.

ביידע שטופּן דעם שטול

סימע

קומט צו לויפן, פאַרגנבענענדיק זיך צווישן די ביימער און ווינקט פון ווייטן צו אשרן ער זאָל קומען

אשר

קומט. באַהאַלטן זיך אונטער אַ בוים. כאַפּן זיך אַרום און לאַכן צופרידן

ווען עס פֿאַלט דער טאַ

ס י מ ע

זע נאָר, ווי די אַלטיטשקע שטופּן דעם שטול?

קוקן ביידע אַ צייט אַהין, וואו צווישן די ביימער שפּאַצירן די אַלטע

א ש ר

ווילסט, וועל איך אים אָנרעדן ער זאָל דיך נעמען. וועסט גאָרנישט האָבן צו טאָן דאָרט.

ס י מ ע

ניין, איך האָב מיינע אַלטיטשקע ליבער. ווי צוויי ווייסע טייבעלעך זעען זיי אויס. כ'האָב זיי ביידן פריער ווי צוויי טייבעלעך געלייגט מאַלינעס אין די מיילער... און דער אַלטיטשקער, אַי האָט ער מיך ליב! ווייסט, ער בייזערט זיך אַמאָל אויף מיר אין מישנע. איך מאַך מיר אַזוי דערשראָקן, און איך הויב אַזש אָן צו וויינען. ווערט אַזוי ווייך. הויבט ער מיך אָן צו גלעטן און זאָגן, אַז ער האָט עס נישט געמיינט אַזוי ערנסט. כאַ, כאַ, כאַ.

א ש ר

אַלט איז נישט יונג.

ס י מ ע

אַלט איז נישט יונג.

א ש ר

און יונג איז נישט אַלט.

ער קושט זי

ס י מ ע

באַפּ מיך!

רייסט זיך ארויס פֿון אים און לאָזט זיך לויפן

א ש ר

יאָגט זי נאָך

עוזר און נחמה קומען אָן מיט פּייגינען

עוזר

פֿאַרשטייסט, צייטנווייז דאַכט זיך דיר אויס, אַז ביסט נאָך גאָרנישט אַזוי אַלט. קאָנסט נאָך גאָר אַ נײַ לעבן אָנהייבן.

נחמה

די וועלט פֿײַן אָפּגעלעבט. נישטאָ וואָס צו באַקלאָגן זיך. וואָלט איך נאָר זײַן אַזוי מיט יענער וועלט באַזאָרגט.

פייגין

ווען איך זאָל נאָר קאָנען פֿון וועגעלע אַראָפּ. כ׳וואָלט נאָך וועלטן איינגענומען. אַזוי אָבער טראַכט איך אַמאָל: די וועלט איז שוין נישט פֿאַר דיר.

נחמה

כּל־זמן מען לעבט, לעבט מען.

עוזר

אודאי, כּל־זמן מען לעבט איז מען אַ מענטש...

גייען פֿאַרביי

אשר און סימע קומען אָן פֿאַרגנבֿענענדיק זיך פֿון צווישן די ביימער און באַהאַלטן זיך ווידער אונטער אַ בוים

סימע

דער אַלטיטשקער וועט אפשר וויינען, כ׳וועל עס אים אָנזאָגן.

אשר

וואָס גייען זיי אונדז אָן?

סימי

טאַקע וואָס גייען זיי אונדז אָן נעמט אַרום זײַן קאָפּ און קוקט אים אין די אויגן; ווען דו וואָלסט אָבער געקאָנט גוט קלעטערן, וואָלסטו דאָרט איבער דעם צוים בײַנאַכט אַריבערגעקלעטערט און וואָלסט טאַקע מײַן פֿענסטער געפֿינען אָפֿן.

א ש ר

האָב איך טאַקע געקאָנט קלעטערן און דיין פענסטער איז געווען פֿאַרמאַכט.

ס י מ ע

אַזוי גאָר? קריכסט גאָר בײנאַכט אין פרעמדע גערטנער. גוט וואָס כ׳האָב נישט דערהערט. איך וואָלט געמאַכט אַ געוואַלט און מען וואָלט דיך געכאַפּט. ביי אונז איז דאָ ביינאַכט אַ שומר אין גאָרטן. יאָ. אַ געזונטער שומר.

א ש ר

אָבער דעם פענסטער האַלסטו פֿאַרמאַכט.

ס י מ ע

ביין, אָפן.

א ש ר

ביין, פֿאַרמאַכט.

ס י מ ע

צו וואָס פֿאַר אַ פענסטער ביסטו געגאַנגען?

א ש ר

אָט צו יענע פענסטער, וואָס קומען אַרויס, דאָרט פון דער לינקער זייט.

ס י מ ע

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער

דאָס איז דאָך זייער פענסטער! זיי האַלטן אים שטענדיק פֿאַרמאַכט. האָבן מורא טאָמער פֿאַרקילן זיי זיך.

א ש ר

וואו־זשע זענען די פענסטער פון דיין צימער?

ס י מ ע

קום, איך וועל דיר ווייזן... שאַ, אָט זענען זיי שוין.

פֿאַרשווינדן צווישן די ביימער. עס קומען אָן עוזר, נחמה און פייגין

עוזר

כי, כי, אַז איך האָב מיט איר התונה געהאַט איז זי געווען גאָר אַ ציג... געשאָטן נאָך זאַמד אין טשעפּיק און געשפּילט אין צייכנס. כי, כי... האָט מיך נישט געלאָזט אויף די אויגן... אָט די ציג.

נחמה

וואו נעמט מען איצטער יענע יאָרן? אַז כ׳האָב געבוירן ס׳ערשטע קינד בין איך נאָך אַ קינד געווען.

עוזר

אָט נישט געוואוסט וואָס אין בויך וואַקסט. מען האָט איר געקאָנט איינרעדן, אַז קעצעלעך האָט זי אין בויך, כי, כי, כי...

נחמה

גיי שוין, גיי... ווי דען טאַקע? צו יונג געווען...

פייגין

לאַכט אויך גוטמוטיק

איי, די יונגע יאָרן!

עוזר

מען האָט מיך חתונה געמאַכט. נישט געוואוסט וואָס ס׳איז. געמיינט ס׳איז מיט די יינגלעך אין קנעפּלעך שפּילן און זי איז נאָך גאָר געווען אַ ציג...

גיט דער אַלטער אַ קניפּ אין באַק

פייגין

טע, טע, ווען מען קאָן צוריק איצטער כאַפּן יענע יאָרן. איצ־טער איז די וועלט קליגער.

גייען פאַרביי

סימע און אשר קומען אָן

ס י מ ע

איצטער באַווייז מיר, ווי אַזוי דו וועסט ווערן ברוגז אויף מיר.

א ש ר

איך וועל קיינמאָל נישט זיין אין כעס אויף דיר.

ס י מ ע

אַזוי האָב איך פיינט. מען באַדאַרף ווערן ברוגז און דערנאָך זיך איבערבעטן.

א ש ר

אַז איך וועל שוין אַמאָל יאָ ווערן ברוגז, וועל איך זיך קיינ-מאָל נישט איבערבעטן.

ס י מ ע

וואָס הייסט?

א ש ר

איך פרעג אויך, וואָס הייסט?

ס י מ ע

פאַרוואָס וועסטו זיך מיט מיר קיינמאָל נישט איבערבעטן?

א ש ר

טאָ פאַרוואָס זאָלסטו מיט מיר זיין ברוגז?

ס י מ ע

אַזוי. אַ ווייב מוז אַמאָל ווערן ברוגז. זי מוז. פאַרשטייסט? אַז איך וועל אויף דיר נישט ווערן ברוגז... אַי גיי, דו פאַרשטייסט גאָרנישט...

א ש ר

פון וואַנען ווייסטו אַזעלכע זאַכן?

ס י מ ע

גיט אים אַ שנעל אין נאָז

ווער ברוגז!

א ש ר

גיט איר אַ קוש

ס י מ ע

ווער ברוגז!

א ש ר

איך האָב דיך ליב.

ס י מ ע

און איך האָב דיך פיינט!

אַנטלויפט

א ש ר

בלייבט אַליין צעטומלט

די אַלטע קומען אָן. אשר באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים

ע ו ז ר

כי, כי, ווייסטו וואָס זי האָט מיר אַמאָל אָפּגעטאָן? ברוגז געוואָרן אויף אַ גאַנצע וואָך... כ׳ווייס נישט פאַר וואָס און פאַר ווען...

נ ח מ ה

דערציייל-זשע אָבער פאַרוואָס כ׳בין ברוגז געוואָרן.

פ י י ג י ן

מער ווי איין מאָל איז זי נישט ברוגז געוואָרן?

ע ו ז ר

אָבער אויף אַ גאַנצע וואָך! נישט געגעסן. כי, כי... נישט געגאַנגען שלאָפן צו מיר אין חדר. אין אָנטאָן געשלאָפן אַ גאַנצע וואָך.

אַלע לאַכן גוטמוטיק

פ י י ג י ן

און איר האָט זיך איבערגעבעטן?

עוזר

געקומען ערב שבת. און אין שטוב איז פינסטער. ממש פינס-טער. כ'האָב זי פוגע בכבוד געווען. זי האָט געוואָלט אַ קליידּ. זאָג איך: וואָס באַדאַרפסטו נאָך דער חתונה קליידער? כי, כי, אַזוי האָב איך געזאָגט. האָסט דאָך שוין אַ קינד... כי, כי, ווערט זי ברוגז. אָבער אויף אַ גאַנצע וואָך!

נחמה

לאַכט גוטמוטיק

אַז מען איז יונג איז מען נאַריש. האָב געמיינט, אַז ער האָט מיך אָפגענאַרט. און וויפל האָב איך פאַר יענער וואָך גע-וויינט!... די קישן נאַס געמאַכט...

פייגין

און זיך איבערגעבעטן?

עוזר

געמוזט... אויסגעקליבן צען גילדערנע רענדלעך. דאַכט זיך, אַז צען, וואָס זאָגסטו, נחמה?

נחמה

אודאי צען.

עוזר

צען גילדערנע רענדלעך אין טשעפּיק אַריינגעלייגט.

פייגין

איז זי בעסער געוואָרן?

עוזר

בעסער געוואָרן! די מינוט בעסער געוואָרן.

נחמה

כי, כי, כי, שטייען נאָך מיר איצטער פאַר די אויגן יענע צען גילדערנע רענדלעך...

ס י מ ע

קומט אָן

איר האָט זיך דאָך פאַרמאַטערט. לאָזט מיר, איך וועל שטופן דאָס וועגעלע.

ע ו ז ר

פאַמעלעך, פאַמעלעך.

פ י י ג י ן

אָט אַזאַ פירן האָב איך ליב.

זי שטופט שנעל מיט דער אַלטע דעם שטול. עוזר און נחמה גייען נאָך

א ש ר

פארגנבעט זיך און קוקט פון הייטן. ער גייט אויך אַוועק אין יענער ריכ־טונג. ס'איז צו מערקן, ווי ער וויל איבערנעמען ס'וועגעלע ביי איר. זי גיט עס אים איבער און אַליין לויפט זי אַוועק און באַהאַלט זיך אין סיכה

ס י מ ע

לאַכט פאַר זיך אַליין מיט אַן איינגעהאַלטענעם צופרידענעם געלעכטער

א ש ר

קומט אָן

סימע, זייט נישט ברוגז אויף מיר. איך בין נישט שולדיק.

ס י מ ע

איך האָב געהאַלטן פון אייך מער.

א ש ר

איך בין נישט שולדיק. איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

ס י מ ע

וואָס האָט איר דען צו פאַרשטיין? אז מען האָט ליב באַדאַרף מען זיך לאָזן אַפילו אָפּבייסן אַ פינגער אויך.

א ש ר

נו, הייסט, וועל איך עס טאָן.

ס י מ ע

איצטער איז שוין צו שפעט.

א ש ר

זייט נישט ברוגז אויף מיר.

ס י מ ע

שווייגט

א ש ר

נו, איך בעט אייך. איך וועל אפשר אָנהויבן וויינען. איך וועל אפשר היינטיקע נאַכט נישט קאָנען שלאָפן, אויב איר וועט מיר נישט זאָגן, אַז איר זענט נישט ברוגז. ס'מאַכט זיך אַמאָל, מען רעדט אַרויס אַזאַ זאַך, וואָס מען קלערט נישט אַפילו. ס'רעדט זיך אַרויס: וואָס באַדאַרפט איר אָבער אַזוי זיך נעמען צום האַרצן?... סימע, איך בעט אייך...

ס י מ ע

נעמט אַרום זיין קאָפּ

נאַ־רי־שער ב־חור, נאַ־רי־שער ב־חור... איצטער ווייסט איר שוין פאַרוואָס אַ ווייב באַדאַרף אַמאָל ברוגז ווערן אויף דעם מאַן? ס'איז דערפאַר ער זאָל נישט ווערן זויער... ס'איז דערפאַר, אַז מען זאָל זיך איבערבעטן.

א ש ר

זענט איר נישט ברוגז?

ס י מ ע

ציט די ווערטער

ביסטו נישט ברוגז?

א ש ר

ביסטו נישט ברוגז?

סימע

ניין. איך בין נישט געווען ברוגז און איך... קום, קום... מיין קליינער, שיינער יינגעלע, גיב מיר דיין האַנט... איך וועל דיך פירן אין אונזער גאָרטן און וועל דיר באַווייזן זייער אַ שיינעם אָרט...

גייען אַוועק

די אַלטע קומען אָן

עוזר

ווי נאָר עס ווערט נאַכט, הויבט אָן אַ טוי צו פאַלן... טאַפּט די גראָז און דערלאַנגט פייגינען די האַנט זעסטו, שוין נאַס די גראָז. ס'איז אומגעזונט איצטער דאָ אומצוגיין.

נחמה

לאָמיר שוין גיין אין שטוב אַריין.

פייגין

איך וועל שוין פאָרן צו זיך אַהיים. עס לייגט זיך דער נאַסער טוי, ברעכן די ביינער.

עוזר

אין שטוב איז וואַרעמער... כי, כי, מיין טרייע ווייב וועט מאַכן אַ וואַרעמען טרונק... דער אָוונט איז שוין גרעסער.

פירן אַוועק פייגינען צום שטוב צו

נחמה

רופט גייענדיק

סימע, קום אין שטוב אַריין!

פייגין

אָשר, וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

פאַרשווינדן פון אויג

סימע און אשר קומען אָן

ס י מ ע

טראָגט אויפן קאָפּ זיין הוט

אַז די פּאַרנאַכטן קומען אָן ווילט זיך מיר אין די פעלדער אַריין לויפן. ביזן האַלז מיט דעם טוי זיך נאַס מאַכן.

א ש ר

היינט ביינאַכט, — גוט?

ס י מ ע

האָ, היינט ביינאַכט וועט אַ שטאַרקער טוי זיין. זעסט די גראָז איז שוין נאַס. זעסט ווי די הענט זענען נאַס. גיב כ׳וועל זיי אין דיינע האָר טרוקן מאַכן. איידער מיר גייען אין שטוב אַריין, לאָמיר זיך אַביסל אַ יאָג טאָן — גוט?

לויפט. אשר יאָגט זי נאָך. ער קאָן זי נישט כאַפּן. זי קומט צולויפן א פּאַרסאַפּעטע און זעצט זיך אַנידער אויף דר׳ערד

א ש ר

קומט אויך צולויפן און פאַלט אַנידער נעבן איר

אוי בין איך פאַרמאַטערט!

ס י מ ע

לייג צו מיין האַנט צו מיין האַרצן. הערסט ווי ס׳קלאַפּט?...

א ש ר

הערסט, ווי מיין האַרץ קלאַפּט?

ס י מ ע

זעסט, מיין גאַנצע קלייד איז נאַס געוואָרן פון דעם טוי.

א ש ר

ביינאַכט וועלן מיר זיך אויסטאָן באָרוויס.

ס י מ ע

גלייך מיטן פעלד, הינטער דעם גאָרטן. הו — הו! הערסט ווי עס ענטפערט אָפּ... ס׳איז אַ ווידערקול... הו — הו —

א ש ר

וואו זענען זיי?

ס י מ ע

ווער?

א ש ר

די אַלטע...

ס י מ ע

אין שטוב, זעסט ס'איז שוין ליכטיק אין פענסטער, מען האָט אַ לאָמפּ אָנגעצונדן. זיי זענען שוין אין שטוב.

א ש ר

לאָמיר נאָכאַמאָל לויפן.

ס י מ ע

ווער פריער?

א ש ר

דו פריער!

ס י מ ע

לאָזט זיך לויפן

א ש ר

יאָגט זי נאָך. ס'הערט זיך נאָך פון וויטן איר שרייען — הו — הו! און שפּעטער אַן אַלגעמיינער געלעכטער.

אליהו הנביא

פערזאָנען:

חיים-דוד, אַ דאַרפס-מאַן

כאַשע-דאָבע, זיין ווייב

מאיר-פייוול, זיין אַלטער פאַטער

בעני-לייב }
ציפע-חנה } זיינע קינדער
העני-פייגל }

אורח

בײַ חיים דודן. װינטער. שבת נאָך שלש־סעודות. אַ װײַס, אױסגעקאַלכט שטיבל מיט צװײ פענסטערלעך אין דער װאַנט רעכטס. לינקס, אַ באַק־און קאַך־אױװנס. צװישן די אױװנס אַ טיר אין אַ צװײט קעמערל. אַביסל נידעריקער אַ טיר אױף דער גאַס. אין שטוב איז טונקלדיק. בלױז דורך די פענסטערלעך בלאַנקט דער שנײ. די מענער זיצן בײַם טיש, כּאַשע־דאָבע און ציפּע־חנה זיצן בײַם אױװן.

דער אורח

אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט זינגט אַ ניגון פון זמירות. אַלע הערן זיך אײַן

כּאַשע דאָבע

אין שטאָט זינגט מען זמירות, איז עס אַ חיות צו הערן.

חיים ד׳ד

אין שטאָט זינגט מען זומער מיט אַ זומערדיקן ניגון און װינ־טער — מיט אַ װינטערדיקן ניגון.

מאיר פײַװל

ס׳איז געװוּנדט, װי קאַרטאָפל געראָט בײַ אונז אין גאָרטן. װאָס פאַר אַ געפערטעניש אין דאָרף, אַזאַ ניגון אין שטאָט. כּי, כּי, כּאַ...

כּאַשע דאָבע

זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רײד, אַז כ׳קום אין שטאָט אַרײַן, דאַכט זיך מיר, אַז מענטשן גײען דאָרט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרױף. פוי זאָל עס װערן!

ציפּע חנה

כּי, כּי, כּי... די מײדן דאָרט גײען נישט װי מענטשן, נאָר דרײען זיך, װי מען װאָלט זײ נוֹיטן פון קהל.

בעני לײב

קוקן אױס חתנים.

חיים דוד

שטיק פויער! וואָס פלאַפלסטו? זיצט אַ פרעמדער מענטש און קאָן מיינען, ווייסט ווער זייער טאַטע איז.

ציפּע חנה

וואָרן ס׳איז נישט אַן אמת?

לאַכט גוטמוטיק

ס׳איז אַ דור אויפגעשטאַנען. לאָקשן פאַרזוכט עס נאָר ערב יום־כפור און דאָס אויך נישט קיין לעדערנע לאָקשן, כי, כי... דער רבי איז אַ טייג, כאַטש קנעט פון אים פאַרפל, וואַקסט אויס די צונג — נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

חיים דוד

וואָרן ער איז נישט גערעכט? וואָס זאָגט איר עפּעס, רב ייד, צו היינטיקער וועלט?

אורח

מיט אַ ניגון

צור משלו אכלנו, נו, נו, נו...

אַלע שווייגן און הערן דעם אורחס זינגען. ער ענדיקט מיט אַ גרויסן געגעץ דער גאַנצער עולם צעגענעצט זיך

חיים דוד

אין שטאָט קאָן מען נאָך כאַפּן אַמאָל אַ ניגון אויך.

כאַשע דאָבע

גענעצט

וואָרן, אַז מען זיצט אין דאָרף פאַרגעסט מען אַפילו אין גאָט, אין זיין הייליק געבאָט.

מאיר פייוול

צו בעני לייבן

האַלט זיך ווי אַ מענטש. וועט דער ייד פאַר דיר עפּעס אַ שידוך אויסזוכן...

בעני לייב

כ׳וועל מיר שוין אַליין אויסזוכן. כ׳פֿאָר מאָרגן אויף אַ יריד.

חיים דוד

עסט נישט שווייגן?!

בעני לייב

וואָס ווילסטו פֿון מיר? דער ייִד הערט אַפֿילו נישט וואָס כ׳רעד. זע נאָר אויף אים, ווי שבת ווערט ער אַ גאַנצער...

חיים דוד

עס נישט שווייגן, קאָנסט ביי מיר כאַפּן פּעטש אַפֿילו אום שבת.

כאַשע דאָבע

אַ חרפּה און אַ שאַנד. וואָס ווילסטו פֿון קינד? ער רעדט דאָך גאָרנישט.

מאיר פּייוול

האָסטו דיר אַ דור. אַז מען לאָזט עס לאַנג אומבריקעווען. מיך האָט מען געפּענטעט, אַז כ׳בין נאָך געווען אַ קינד. און טאַקע מיט דער בייטש געכוואַשטשעט.

ציפּע חנה

פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל מיטן פֿויסט און לויפֿט אַרויס אויף דער גאַס

חיים דוד

שפּרינגט אויף פֿון אָרט

איר גליק, וואָס זי איז אַרויסגעלאָפֿן. אַ שיינע טאָכטער אויסגעהאָדעוועט.

כאַשע דאָבע

אַזאַ יאָר מיר, וואָס פֿאַר אַ קינד עס איז. כ׳וועל נישט בייטן צען שטאָטישע אויף איר איינער.

חיים דוד

שוין באַלד ביז דער סטעליע גרויס.

כאַשע דאָבע

האָסטו געזען אַביסל, נאָך די מילך אויף די ליפּן. באשר קיין עין-הרע עס וואַקסט... איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, קאָן זיך נאָך חלילה פאַרקילן. גייט צום פענסטער דאַכט מיר, שטערן זענען שוין דאָ. מען קאָן שוין מעריב דאַווענען.

אורח

זינגט און פּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט. אַלע הערן זיך צו

חיים דוד

רעכטע קינדער וואָלטן איבערגענומען אַזאַ שיינעם ניגון.

אויפן באַק-אויוון ווערט אַ גערודער. העני פייגל קוויטשעט, שרייט: „אַ פּסיק!“ „אַ פּסיק“!

כאַשע דאָבע

וואָס איז דאָרט?

העני פייגל

זי לאָזט זיך נישט. אוי, זי גראַבלט זיך!

חיים דוד

איך וועל דיר באַלד געבן אַ קאַץ: איך וועל דיר באַלד געבן אַ זיצן אויפן אויוון.

כאַשע דאָבע

קריך אַראָפּ, מיין קינד, פון אויוון, וואָרן דער טאַטע גייט נעמען די בייטש.

חיים דוד

איך וועל דיר שוין באַלד געבן אַ שפּילן מיט אַ קאַץ.

ער געפינט די בייטש און הויבט אָן כוואַטשען דאָרט אין דער פינסטער

העני פייגל

געוואַלדעוועט אויפן אויוון

מאַמע, מאַמעלע, מאַמעלע...

אַ קאַץ שפּרינגט אַראָפּ פון אויוון און אַנטלויפט

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

וואָס ביסטו צוגעשטאַנען צום קינד. זע נאָר, אַ פרעמדער מענטש איז פאַראַנען, איז ער גאָר משוגע געוואָרן. וויל זיך איבערנעמען פאַר אַ פרעמדן יידן מיט זיין פרומקייט.

ח י י ם ד ו ד

שלעפט אראָפּ העני פייגלען פון אויוון

אַ מויד אַביסל! פופצען יאָר איז עס אַלט און ס'איז שוין גרעסער פון דער מאַמען.

ער וויל איר נאָכאַמאָל דערלאַנגען מיט דער בייטש

ה ע נ י פ י י ג ל

כאַפּט זיך אַרויף דער מוטער אויפן האַנט

מאַמע, מאַמעלע, לאָז אים נישט...

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

זאָלסט זיך נישט דערוועגן זי אָנצורירן — הערסט?

מ א י ר פ י י ו ו ל

כי, כי, כי, פיין אונטערגעשמיסן. האָסט דאָך כאָטש געקאָנט וואַרטן ביז נאָך הבדלה...

ח י י ם ד ו ד

איך קאָן נאָך הבדלה פאַרבעסערן.

א ו ר ח

גייט אַרויס אויף דער גאַס

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

עפּעס אַ מאָדנער ייד. אַ שווייגעדיקער. וואָס ווילסטו זיך אַזוי אויספּיינען פאַר אים?

ח י י ם ד ו ד

ווי דען? דאָס הייסט אַ ייד. שבת באַדאַרף מען קיין מיאוס וואָרט נישט רעדן, פלאַפּלען נישט געשטויגן און נישט גע-

פלויגן. וואָלטן מיינע קינדער געווען עפּעס רעכטס, וואָלט ער געפונען וואָס צו רעדן מיט דעם. כ׳האָב אַ זון אַ בורילע.

בעני לייב

טאָ פאַרוואָס רעדסטו מיט אים נישט?

חיים דוד

וואָס זאָגסטו?!

כאַשע דאָבע

וואָס ווילסטו, דער זון זאָל טאַקע זיין לייטישער פון טאַטן און פון זיידן. אַ מענטש זאָל זיך שטענדיק טשעפּען צו קינדער. דער אָרעמאַן שווייגט, ווייל ער האָט נישט פון וואָס צו רעדן. קיין עין־הרע אַ פיינער קייער. אַז מען איז זאַט, שווייגט מען.

חיים דוד

אָט, ווער ס׳פירט זיי פון וועג אַראָפּ. די מאַמע אַליין איז נישט בעסער.

בעני לייב

נו גוט, טאַטע, גיב מיר אַ כלה כאָטש מאָרגן.

כאַשע דאָבע

און ציפּע־חנהן קאָנסטו אויך כאָטש מאָרגן אונטער דער חופּה פירן. קריג נאָר אַ שיינעם נדן פון אירעטוועגן. וועט זיך נאָך אַ שטאָטישער בחור אויך קוואַפּען.

מאיר פייוול

וועסטו, חיים דוד, נאָך הבדלה איבערשמועסן מיטן יידן. אפשר האָט ער טאַקע עפּעס אַ בחור פאַרן מיידל.

חיים דוד

קוקט אין פענסטער

ער גייט אום הין און צוריק, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן.

אליהו הנביא

ס׳איז אים גאָרנישט קאַלט. שוין לאַנג אַזאַ יידן נישט געזען.

בעני לייב

מזל-טוב!

חיים דוד

גראָבער יינג. האָסט כאָטש געהערט זיינע זמירות? עס הערט זיך דרויסן אַ קו מעקען אָט האָסטו דיר!

כאַשע דאָבע

איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו דרייסט זיך אַרום. מען דאַוונט אָפּ מעריב. וועט מען די קו אויסמעלקן. כוועדאָרע איז היינט אינדערפרי נישט געקומען מעלקן.

מאיר פייוול

אַז מען מעלקט אַמאָל איבער אַמאָל ווערט ס׳מילך פאַרפאַלן.

חיים דוד

דאַוונט מעריב, ברומענדיק

כאַשע דאָבע

הויבט אָן מיט אַ ניגון הויך

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט און באַשירעם דיין כשר פאָלק ישראל אין זיינעם נויט. טוסט דאָך שפּייזן אויפן וואַנט די שוואַכע פליג, אַזוי זאָלסטו מיך נישט פאַרלאָזן. און אַזוי ווי דעם אַקער מאַכט מען דאָך פון אייזן. אַזוי זאָלסטו מיך מיט מיין מאַן און מיינע קינדערלעך שפּייזן...

אויף דער גאַס הערט זיך ווידער די קו שרייען. אַלע ווערן אויף אַ ווײַלע שטיל

ציפּע חנה

קומט אַריין

דער אורח דאַוונט מעריב אויף דער גאַס. דער בהמה

האָט ס׳מילך אָנגעשפּאַרט. אינדערפרי נישט געמאָלקן.

צינדט אָן אַ ליכט און שרייט

גוט-וואָך!

כאַשע דאָבע

גוט-וואָך, גוט-יאָר! געזען אַמאָל ווי ס׳האָט זיך איינגעקנוירעט. גיי, כ׳האָב דיך נישט קיין כח צו האַלטן אויפן האַנט.

העני פייגל

ס׳איז מיר אַזוי קאַלט.

חיים דוד

שטייט אויס שמונה-עשרה

צום ערשטן מאָל זע איך אַזאַ יידן. עפּעס געפעלט ער מיר נישט. אַ מענטש זאָל קיין וואָרט נישט רעדן. קוקט אויף דער לבנה...

העני פייגל

אַז איך האָב אים געזאָגט „גוט-שבת" האָט ער מיר געזאָגט „גוט-יאָר".

כאַשע דאָבע

ער האָט קיין עין-הרע פיין געגעסן, נאָך אויסגעווישט מיט חלה דעם טעלער.

חיים דוד

שווייג שוין בעסער.

אורח

קומט אַריין

גוט-וואָך, גוט-וואָך!...

אַלע ענטפערן אים „גוט-יאָר" און באַטראַכטן אים ווי זיי וואָלטן אים צום ערשטן מאָל געזען

העני פייגל

קריכט אַראָפּ פון דער מאַמעס האַנט

אורח

אַ מיידל טאָר זיך נישט שפּילן מיט אַ קאַץ.

אַלע הערן זיך צו ווי ער רעדט

חיים דוד

אָט אַזוי, ווי איר זעט, האָט עס נישט וואָס צו טאָן. ברענג אַריין מילך, וועט מען מאַכן הבדלה.

אורח

עס איז קיין בייז נישט אויף מילך צו מאַכן הבדלה, נאָר ביי מיר איז נאָך דאָ אין זעקל אַביסל ווייַן. וועט סטייען אויף הבדלה. וואו איז ער, מיין זעקל.

כאַשע דאָבע

גיי, ציפּע חנה, ברענג אַריין דעם יידנס זעקל?

הענע פייגל

שלעפּט אַריין פון קעמערל דעם יידנס אַ זאַק

דער אורח

זוכט אין זאַק. ער באַקומט דאָרט אַ פלעשל מיט ווייַן

אויף דעם קאָן מען מאַכן „בורא פּרי הגפן"...

מאיר פייוול

כי, כי, כאַ... אין וועג איז גוט אַ גלעזעלע ווייַן. הבדלה איז רעכט איבער מילך אויך... ער שמעקט פון פלעשל שוין אַביסעלע זויערלעך.

אורח

מאַכט הבדלה, מאַכט הבדלה. כ'וויל נאָך היינט פון דאַנען זיך ארויסקלייבן.

ער גייט אַריין אין קעמערל

כאַשע דאָבע

זע נאָר, ווי רעדעוודיק ער איז געוואָרן מיטאַמאָל.

צ י פ ע ח נ ה

אַלע פרומע יידן שווייגן שבת.

ה ע נ י פ י י ג ל

כ׳וועל אַ קוק טאָן, וואָס ער האָט אין זאַק.

ח י י ם ד ו ד

דו קריגסט באַלד איבער די הענט!

ב ע נ י ל י י ב

אַן עסק צו שלעפּן זיך מיט אַזאַ פּאַק אויף די פּלייצעס.

מ א י ר פ י י ו ו ל

הייסט אים, זאָל ער דאָ איבערנעכטיקן אויב ער וויל.

צ י פ ה ח נ ה

אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. איך האָב שוין פאַר אים מורא געהאַט.

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

אַ פרומער ייד. מיין זיידע, זאָל זיין אין גן־עדן, האָט אויך שבת געשוויגן.

א ו ר ח

קומט ארויס

כאַ־כאַ, כ׳האָב מיין טאַבאַק־פּושקעלע נישט געקאָנט געפינען. אַז איך שמעק פריער נישט קיין טאַבאַק, הער איך נישט דעם ריח פון בשמים.

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

ביי אונז איז גאָר קיין בשמים נישטאָ פאַר הבדלה.

א ו ר ח

באקומט פון זאק א הדס און א דיקע געפלאכטענע הבדלה. ער דערלאנגט העני פייגלען

צינד עס נאָר אָן, טאָכטער, וועט דער טאַטע מאַכן הבדלה.

צ י פ ע ח נ ז

האַלט די הבדלה איבערן קאָפּ, ווערסטו האָבן אַזאַ הויכן חתן!

ב ע נ י ל י י ב

פאַרגנבעט זיך און פּרוּווט מיטן פּיס אַ ריר טאָן דעם זאַק

א ו ר ח

נו, רב חיים דוד, מאַכט הבדלה.

ח י י ם ד ו ד

אפשר וועט דער אורח מאַכן הבדלה.

מ א י ר פ י י ו ו ל

אַנו, טאַקע, איבער דעם אייגענעם וויין.

א ו ר ח

דער בעל-הבית באַדאַרף הבדלה מאַכן.

מ א י ר פ י י ו ו ל

לאָמיר גאָר אין אַ נאָווינע הבדלה מאַכן.

ער מאַכט הבדלה איבערן וויין. העני פייגל האַלט הויך איבערן קאָפּ די הבדלה

ח י י ם ד ו ד

שמעקט פון הדס פאַרגאַפט. דער הדס גייט איבער פון האַנט צו האַנט. דער אַלטער גיט יעדן צו פאַרזוכן פון הבדלה-וויין, דער עולם לעקט די ליפּן און פּרוּווט דעם טעם פון וויין

א ו ר ח

און איצטער וועל איך מיר קלייבן אין ווע

ח י י ם ד ו ד

איר וועט וואַרטן ביז מאָרגן, פאָר איך אין אַ דאָרף אַריין, וועל איך אייך אונטערפירן

א ו ר ח

קיין בייז, קיין בייז. אַז מען גייט צופוס, קומט מען גיכער.

כאַשע דאָבע

איך וועל אָנלייגן אַ פייער און אָפּקאָכן עפּעס אַ זופּ צו טאָן.

אורח

קיין עין־הרע זאַט. אַזאַ שבת שוין לאַנג נישט געהאַט. כ׳בין מיטן מאָגן ביז מאָרגן פאַרזאָרגט.

ציפּע חנה

איך וועל אויסמעלקן די בחמה, וועט דער ייד אַ גלאָז מילך טרינקען.

אורח

ווער דאַרף עס נאָך מילך איצטער? ס׳וועט מיר שוין גענוג זיין.

בעני לייב

איך וועל גיין איינשפּאַנען דאָס פערד און דעם יידן אונטערפירן.

אורח

כאַ, כאַ, אויפן דאָרף זענען נאָך יידן פאַראַנען, כשרע ערלעכע קינדער פאַראַנען...

ער זוכט אין פּעקל

כאַשע דאָבע

איר וועט מוחל זיין די הבדלה מיט דעם ווייַן אַרייַנלייגן.

יי פאַרפראָפּט ס׳פלעשל און דערלאַנגט דעם אורח

אורח

ס׳פלעשל איז שוין ליידיק, טאָ צו וואָס זאָל איך נאָך עס טראָגן. די הבדלה לאָזט פאַר זיך. אין שטאָט קריג איך עס ביים שמש אין שול. זעט איר, ס׳הדסל וועל איך מיר נעמען... אַ שיינעם שבת געהאַט...

חיים דוד

האָט איר אפשר עפּעס אַ שידוך פאַר מ׳ין זון?

בעני לייב

איך האָב נאָך צייט, כ׳קאָן מיין אָרט פאַר ציפּע חנהן לאָזן.

ציפּע חנה

כ׳האָב נאָך צייט. כ׳בין ערשט אינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט.

כאַשע דאָבע

זאָל נאָר דער ייד עפּעס רעכטס געפינען, וואָלט שוין צייט געוועזן.

מאיר פייוול

כי, כי, כאַ, גרייט נאָר אַ נדן אָן פאַר איר.

אורח

גריבלט זיך אין פעקל

ס׳וועט שוין נדן אויך זיין. ווען מזל איז פאַראַן, ווען דער, וואָס אין הימל, וואַרפט נאָר אַן אויג, איז שוין מזל אויך פאַראַן.

חיים דוד

גיי, בעני לייב, שפּאַן איין ס׳פערד און לייג אין קעלנע אַריין געגנוג היי, זאָל דעם יידן זיין ווייך צו זיצן.

בעני לייב

גייט אַרויס

חיים דוד

אַ ליטישער בחור. אַביסל דאָרפיש. קיין דרך־ארץ נישט גע־האַט פאַרן מלמד.

כאַשע דאָבע

זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד — געווען אַ נאַר אַ גרויסער דער מלמד.

העני פייגל

ער האָט אַמאָל געוואָלט איינשפּאַנען דאָס פערד, האָט ער אים אַריינגעפירט מיטן קאָפּ אין וואָגן.

לאַכט

ציפּע חנה

אַז ער האָט מיט מיר געלערנט, האָט ער געהאַלטן אָפּן די טיר, טאָמער וועל איך אים עפּעס אָפּטאָן, האָט ער מורא געהאַט.

לאַכט

אורח

מען טאָר נישט אַזוי.

חיים דוד

לאַך נישט אַזוי; האָסט געזען ווי ס'האָט זיך צעלאַכט!

אורח

פון אַ מענטשן חוזק מאַכן איז נישט רעכט... פאַרנעמט דאָס פּעקל גו, האָט אייך אַ גוטע וואָך. דער רבונו של עולם וועט אייך ממלא זיין און איר וועט אייערע קינדער מגדל זיין לחופה ולמעשים טובים. אַ ייד באַדאַרף נאָר צופרידן זיין מיט דעם, וואָס ער האָט.

בעני לייב

קומט אַריין

עס קנאַקט דער פראָסט. לאָמיר נאָר אַ פּעלצל אָנטאָן... איר, רב ייד, וועט כאַפּן אַ פריר.

אורח

איך וועל מיר גיין צופוס. אַזאַ מנהג איז ביי מיר. שבת־צו־נאַכטס גיי איך צופוס.

מ א י ר   פ י י ו ו ל

וואָלט בעסער דער אורח געבליבן ; אַ הייסן קאַרטאָפל מיט אַ ציבעלע... כי, כי, כאַ...

א ו ר ח

גערזעגנט זיך

אַזוי איז מיין שטייגער ; זונטאָג באַדאַרף איך שוין אין אַן אַנדער שטאָט זיין. מיט דער בייער וואָך אַ נייע שטאָט און נייע יידן...

כ אַ ש ע   ד אָ ב ע

טאָ נעמט כאָטש מיט עפּעס אויפן וועג.

זי פּאַקט אום אַריין אַ גרויסע געפלאָכטענע חלה אין זאַק

א ו ר ח

כאַ־כאַ־כאַ ; וואָס וועלן אַנדערע יידן טאָן ? אַזוי קנאַפּ אורחים פאַראַן. קאָן דאָך איין אורח אַזויפיל גוטס נישט פאַרנעמען.

ב ע נ י   ל י י ב

נעמט דאָס פּעקל

אויב איר ווילט נישט פאָרן, טאָ וועל איך אייך ביז אויפן רעכטן וועג אַרויספירן. היינטערן דאָרף זענען צוויי וועגן פאַראַן.

צ י פּ ע   ח נ ה

דאָרט קאָן מען זייער גרינג פאַרבלאָנדזשען.

א ו ר ח

וואָס הייסט פאַר אַן אָרעמאַן בלאָנדזשען ? ער בלאָנדזשעט, בלאָנדזשעט און געפינט אַ יידן. אָט האָב איך דאָך אַהער אויך פאַרבלאָנדזשעט.

ער לאַכט גוטמוטיק, ער מונטערט אויף דעם גאַנצן עולם מיט זיין רעדן און פריילעכקייט

כאַשע דאָבע

צו חיים דודן

װי מען קאָן עס אַ מענטשן נישט דערקענען מיט אײן מאָל,

העני פײגל

נעם מיך אויך מיט, בעני לײב.

בעני לײב

ס׳איז קאַלט, בלײב אין שטוב.

אורח

ס׳קאַלט, קינד; ס׳איז װינטער אויף דער גאַס. בלײב אין שטוב און שפּיל זיך נישט מער מיט קײן קאַץ; װאָרן אַ קאַץ גראַבלט אײנמאָל, בלײבט אַ צײכן אויף צװײ מאָל. אַ גוטע װאָך.

ער גײט אַרויס. בעני טראָגט אים נאָך דאָס פּעקל. חיים דוד און מאיר פײװל באַגלײטן אים אַרויס

כאַשע דאָבע

איך װעל גײן אויסמעלקן די קו. צינד מיר נאָר, העני פײגעלע, די לאַמטערנע אָן.

העני פײגל

נעמט אַראָפּ פון װאַנט אַ לאַמטערנע מיט הילצערנע רעמלעך און צינדט דאָרט אָן אַ ליכט

כאַשע דאָבע

װי מען קען עס גאָרנישט אַ מענטשן. רעדט אַזעלכע קלוגע רײד.

ציפּע חנה

און דעם גאַנצן שבת האָט ער געשװיגן און געגעסן.

כאַשע דאָבע

איך האָב אים פאַרגינען מיטן גאַנצן האַרצן. װאָרן װאָס האָב איך דען צו זשאַלעװען אַ מענטשן ברויט?

ציפּע חנה

ווייסט פֿאַרוואָס כ'האָב זיך פֿריער אַזוי צעלאַכט?

כּאַשע דאָבּע

וויל ביסט אַ נאַר. גוט וואָס ער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. ווי לאַכט מען עס פֿון אַ פֿרעמדן מענטשן?! קום וועסט מיר צולייכטן.

גייען ביידע אַרויס

העני פּייגל

בלייבט אַליין אין שטוב. זי קוקט אין פֿענסטער. עס זעט זיך ווי מען גייט פֿאַרביי מיט דער לאַמטערנע. אַ פֿערד הירזשעט. זי גייט צו צום טיש און באַטראַכט דאָס ליידיקע פֿלעשל פֿון ווײַן, קוקט אַנטקעגן ליכט. פּרוווט אויסנייגן די פֿלאַש איבערן גלעזל, אפֿשר וועט זיך נאָך פֿון דאָרטן ווײַן באַקומען. פּאַמעלעך גיסט זיך דער ווײַן פֿון פֿלעשל ביז דאָס גלעזל ווערט פֿול. מיט ברייט־געעפֿנטע אויגן פֿאַר וואונדער קוקט זי אַמאָל אויפֿן ליידיקן פֿלעשל און אַמאָל אויפֿן גלעזל. גאַנץ פֿאָרזיכטיק פֿאַרזוכט זי פֿון ווײַן און ס'פּנים אירס לייכט אויף פֿאַר תּענוג. זי טרינקט אויס דאָס גלעזל ווײַן, נעמט זיך ווידער פֿאַרן פֿלאַש. זי נייגט איבערן גלעזל די ליידיקע פֿלאַש און באַלד איז דאָס גלעזל ווידער פֿול. טרינקט ווידער אויס. זי לויפֿט צום פֿענסטער און קוקט אויף דער גאַס. קיינעם נישט זעענדיק קומט זי ווידער צום טיש און גיסט דעם ווײַן פֿון פֿלאַש און טרינקט אָן אויפֿהער. דער ווײַן צענעמט זי און זי הייבט אָן פֿריילעך טאַנצן ווי אַ ציג איבערן שטוב. ס'דערהערן זיך טריט. זי קריכט אַרויף מיט גרויס מי אויף דעם באַק־אויוון, באַהאַלט זיך דאָרט

מאיר פּייוול

קומט אַריין. ס'איז אים קאַלט. ער קלאַפּט די הענט אַביסל זיך צו דערוואַרעמען. ער גייט צום טיש און באַטראַכט די פֿלאַש פֿון ווײַן. גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווײַן און טרינקט אויס. לאַבּט זיך. פּרוווט אָנגיסן נאָך אַ גלעזל

חיים דוד

קומט אַריין

צופֿוס איז ער נאָכגעגאַנגען דעם שליטן, האָט זיך נישט געוואָלט אויפֿזעצן. וואָס איז דאָס: ס'פֿלעשל איז דאָך ליידיק געוועזן.

מ א י ר פ י י ו ו ל

דערלאַנגט דעם זון אַ גלעזל וויין

מעגסט אים פאַרזוכן. אין פלעשל איז אליהו הנביא אַריינ־געקראָכן.

ח י י ם ד ו ד

טרינקט

וואָס הייסט? פיינער וויין. ס'האָט דאָך אויסגעזעצן, אַז דאָס פלעשל איז ליידיק.

ער גיסט אָן נאָך אַ גלעזל. באַטראַכט די פלאַש און בלייבט פאַרוואונדערט. דאָך טרינקט ער עס אויס און נעמט גיסן ווידער פון פלאַש אין גלעזל אַריין

צ י פ ע ח נ ה

קומט אַריין. טראָגט אין ביידע הענט פאָרזיכטיק אַ פולן שעפל. אַזש מיט אַ שוים איז די מילך פון אויבן

נעם עס, טאַטע, צו פון מיר. די בהמה האָט שוין לאַנג אַזוי־פיל מילך נישט געגעבן. די מאַמע האָט שוין באַלד נאָך אַ שעפל מילך אָנגעמאָלקן. אָט דער טאָפּ וועט שוין גענוג זיין.

זי נעמט אַרויס פון אַלמער אַ גרויסן טאָפּ און גייט מיט אים אַרויס

ח י י ם ד ו ד

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער

וואָס איז דאָס, טאַטע? כאַ, כאַ, כאַ. ס'ווערט אין פלעשל גאָרנישט ווינציקער. כאַ, כאַ, כאַ. די פיס הייבן זיך מיר אַליין. פשש... ס'אַראַ וויין!

ער טרינקט און ווערט אַלץ פריילעכער

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

קומט אַריין. טראָגט אַ פולן טאָפּ מילך

מאַמעלעך מיינע. איך קאָן דאָך אונזער קו נישט אויסמעלקן היינט. שוין דער דריטער טאָפּ פול און ס'איז נאָך קיין אָנ־הייב נישט!

חיים דוד

טראָגט איר צו אַ גלעזל ווײַן

נאַ, פּאַרזוך, מאַך אַ ברכה בורא פּרי הגפן. ס׳איז אמתער ווײַן.

זי האַלט מיט ביידע הענט דעם טאָפּ מילך און טרינקט פון זיין האַנט דעם ווײַן

מאיר פייוול

מחיה נפשות... וואָס זאָל עס באַדייטן?

כאַשע דאָבע

וואָס-זשע שטייַ איך מיט די מילך אין האַנט?

שטעלט דעם טאָפּ מילך אַוועק אויף דער ערד און זוכט אויס נאָך צוויי ליידיקע טעפּלעך און גייט אַרויס

ציפּע חנה

קומט אַריין, טראָגט אַ טאָפּ מילך

אוי, כ׳האָב שוין קיין כח נישט. די הענט טוען מיר שוין וויי. וואו זענען נאָך כלים?

מאיר פייוול

קום, טאָכטער, פּאַרזוך פון דעם ווײַן. נאַ, געפין דיר אַ גלעזל אויס. מען טאָר דאָס פלעשל נישט איינלאָזן...

ער גיסט איר אָן ווײַן

ציפּע חנה

טרינקט אויס אַ גלעזל ווײַן

ווי עס שמעקט. דער אייגענער ריח ווי פון די בשמים...

מאיר פייוול

ס׳איז דאָך אליהו הנביא געווען... כי, כי, כאַ...

חיים דוד

פּלוצלינג

וואו איז ער? מען טאָר אים נישט אָפּלאָזן... אוי-וויי, אוי-וויי...

כאַשע דאָבע

קומט אַריין און שלעפּט אַ גרויסן טאָפּ מילך

אוי, כ'האָב שוין קיין כח נישט... וואָס איז דאָ? מאַמעלעך! אליהו הנביא...

חיים דוד

אליהו הנביא דאָ געווען! אָ-וואָ... נישט געטאָרט אים אַזוי אַרויסלאָזן... יע, וואָס טוט מען מיט אַזויפיל מילך?

מאיר פייוול

לאָז מען בעסער דעם ווײַן אויסצאַפּן... ברענג אַריין ס'פּע-סעלע פון הויז, ס'פּעסעלע פון וואַסער, וועט מען דעם ווײַן אַרײַנצאַפּן.

ברענגט אַריין אַ פעסל פון הינטערן טיר. מען שטעלט עס אוועק נעבן טיש, דער אַלטער שפּאַרט אָן די פלאַש אויפן טיש און דער ווײַן גיסט זיך אָן אויפהער... אַלע שטייען אַרום דעם און קוקן פאַרגאַפּט...

בעני לייב

קומט אַריין. טראָגט דעם אָרעמאַנס פּאַק אויף די פּלייצעס. אַלע לויפן אים אַנטקעגן

כאַשע דאָבע

וואו איז דער ייד, מיין קינד? ס'אי דאָך אליהו הנביא געווען!

זי הויבט אָן וויינען אויפן הויכן קול

בעני לייב

וואָס, ער איז דען נישטאָ? כ'האָב געמיינט, אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

כאַשע דאָבע

וויינענדיק

וואו איז ער?

בעני לייב

מיטן פּעקל אויפן פּלייצע

איך בין געפאָרן פאָרויס און ער איז מיר הינטן נאָכגעגאַנגען.

איך קוק מיך אַרום — ער איז נישטאָ. געמיינט ער איז דאָ געבליבן...

צ י פּ ע ח נ ה

ס'איז דאָך אליהו הנביא געווען... זע ווי דער ווייַן גיסט זיך פֿון פֿלאַש!

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

זע, מיר קאָנען דאָך די קו נישט אויסמעלקן; זע וויפֿל מילך מיר האָבן שוין אָנגעמאָלקן...

חיים דוד און מאיר פּיוול קוקן צום ווייַן

ב ע נ י ל י י ב

אוי, אוי, אוי... דער פּעקל ווערט מיר אַלץ שווערער! רייַסט די פּלייצע אָפּ.

דאָס פּעקל פֿאַלט אים ווי אַ שווערע משא אַראָפּ פֿון פּלייצע. אַלע לאָזן זיך צו אים, זען וואָס איגעווייניק איז, ציפּע חנה שטעקט אַרייַן די האַנט און כאַפּט אַרויס צוריק מיט שרעק

ח י י ם ד ו ד

לאָז מיר. וואָס איז דאָרט אַזעלכעס?

ער שטעקט אַרייַן די האַנט אין זאַק און נעמט אַרויס אַ הויפֿן רענדלעך. ס'ווערט אַ געטומל. אַלע שטעקן די הענט אין זאַק און באַקומען פֿון דאָרט ליכטיקע רענדלעך

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

וויינט נאַריש

אוי, ווײ איז מיר, רענדלעך!

ח י י ם ד ו ד

שטיק פֿערד! כלים דערלאַנגט. כל זמן עס לאָזט זיך, באַדאַרף מען נעמען.

כ אַ ש ע ד אָ ב ע

דערלאַנגט טעלער, שיסלען, גלעזער, טעפּלעך, די כלים ווערן פֿול מיט רענד

לעך. זי זוכט אויס ווי נאָר עפּעס אַ כּלי און דערלאַנגט. און טון זעקל נעמט זיך אַלץ נישט אויס. אַלע כּלים זענען שוין פול

כ אַ ש ע   ד אָ ב ע

אוי, וויי איז מיר, מער קיין כּלים שוין נישטאָ.

ח י י ם   ד ו ד

שרייט

גיס אויס די מילך! ווער באַדאַרף איצטער מילך האָבן? אַזוי פיל טעפּ מיט מילך פאַרנומען — גיסט אויס!

צ י פּ ע   ח נ ה

טראָגט אַרויס איין טאָפּ מילך נאָך דעם אַנדערן און ברענגט אים צוריק אַ ליידיקן. ער ווערט באַלד מיט רענדלעך אָנגעפילט. ביז די גאַנצע מילך ווערט אויסגעגאָסן. ווי פאַרכּשופט אַרבעט דער עולם

ב ע נ י   ל י י ב

וואָס וועט איצטער זיין? שוין ווידער קיין כּלים נישטאָ.

ח י י ם   ד ו ד

גיסט דעם וויין אַרויס! ליידיק אויס די פאַס. איך באַדאַרף קיין וויין נישט. אַ פאַס איצטער פאַרנומען מיט וויין — גיסט אויס!

מ א י ר   פ י י ו ו ל

גיסט דעם וויין נישט אויס. גיסט נישט אויס אינגאַנצן. אַזאַ וויין קריגט מען נישט אַזוי גיך! אַזאַ וויין קריגט מען נישט פאַר געלט. איך הייס ס׳פּעסל נישט רירן. וויין איז וויין. פון אים הבדלה געמאַכט.

ח י י ם   ד ו ד

איך באַדאַרף קיין וויין נישט! קום, בעני, העלף מיר אַרויס-קאַטשען ס׳פּעסל אויף דרויסן.

כאַשע דאָבע

פאָלג מיר, חיים דוד, טשעפּע נישט דעם ווײַן. ס׳איז דאָך גאָטס מתנה.

חיים דוד

מאַטערט זיך אַרויסצוברענגען אויף דער גאַס די פּאַס. בעני לייב העלפט אים. אין אַ ווײַלע אַרום קומען זיי אַרײַן מיט דער ליידיקער פּאַס און נעמען זיך צום זעקל, אָבער דאָס זעקל ווערט מיטאַמאָל ליידיק. די לעצטע רענדלעך פאַלן פון אים אַרויס, ווי נאָר מען קערט דאָס זעקל אויס. דער עולם אַנטוישט. אַן אַלגעמייַנער אויסגעשריי: „נישטאָ מער״..

כאַשע דאָבע

געזאָגט, מען זאָל דעם ווײַן נישט אויסגיסן. אפשר האָט מען אים גאָר באַדאַרפט היטן. אוי - ווײ, פאַרזינדיקט.

מאיר פּייוול

ס׳איז אויף קידוש און אויף הבדלה ... ווײַן געווען. באַדאַרפט אים שאַנעווען.

חיים דוד

נעמט דאָס פלעשל און באַטראַכט עס

עס וועט זיך נאָך גיסן. ס׳איז דאָרט נאָך פאַראַן.

ער בויגט אויס דאָס פלעשל. עס טריפט נאָך אַ פּאָר טראָפּנס פון איר און הערט אויף

בעני לייב

קיין ווײַן אויך מער נישטאָ! איך וועל זיך זעצן רייטנדיק און איך וועל אים נאָכיאָגן.

חיים דוד

אַז מען האָט קינדער העלצער! האָט איר נישט געקאָנט נאָך פלים אַרײַנברענגען?... עס שטייט דאָך נאָך אויף דער גאַס אפשר צען טעפּלעך ליימענע... ער פאַרמעסט זיך צו ציפּע חנהן ווער

האָט דיך געבעטן דו זאָלסט גיין מעלקן די קו און די כּלים פאַרנעמען?!

מאיר פייוול

שריי נישט; בייזער זיך נישט. זיי צופרידן מיט דעם, וואָס דו האָסט. וועסט די קינדער קאָנען אויסגעבן צו לייטן. וועסט אין שטאָט אַריין קאָנען אַרויסציען. דעם ווייַן האָט מען נישט באַדאַרפט אויסגיסן... ס'איז געווען פאַר קידוש-וועגן.

בעני לייב

קום, טאַטע, מיר וועלן זיך אויפזעצן רייטנדיק. מיר וועלן אים דעריאָגן.

חיים דוד

דערלאַנגט אים אַ פּאַטש

ביסט קראַנק געווען דעם עמער אַריינברענגען?! ער הענגט אויפן ברונעם. אַ גאַנצער עמער רענדלעך האָט דאָך נאָך גע- קאָנט זיין.

בעני לייב

וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס בין איך שולדיק? ווען איך וואָלט דאָס זעקל נישט געבראַכט, וואָלט דאָך גאָרנישט געווען.

חיים דוד

וויטענד

איך וועל אייך אָלעמען די ביינער צעברעכן. האָרעווען אויף אייך — איך קאָן שוין מער נישט!

מאיר פייוול

וואָס איז מיט דיר, מיין זון? איך דערקען דאָך דיך נישט. בע- סער זע וואָס דו טוסט. קאָנסט נאָך חלילה דאָס אויך אָנ- ווערן.

כאַשע דאָבע

פּלוצלינג

וואו איז דאָס קינד? וואו איז העני פייגל?! ווי איז מיר, וואו איז דאָס קינד?

אַלע קוקן זיך ארום צעשראָקן

בעני לייב

איך ווייס נישט פאַר וואָס און פאַר ווען עס קומט מיר צו שלאָגן...

מאיר פייוול

זי איז דאָך נאָר־וואָס געווען.

ציפּע חנה

ועט, זי איז דאָך אויפן אויוון... שטיי אויף, פייגעלע... קום אַראָפּ פון אויוון. זע, וואָס מיר האָבן.

חיים דוד

איידער אַזעלכע קינדער, איז שוין בעסער גאָרנישט.

ציפּע חנה

קריך אַראָפּ פון אויוון; וועסטו זען וויפל רענדלעך מיר האָבן...

כאַשע דאָבע

זע נאָר, פּונקט ווי אַ שטיין וואָלט זי איינגעשלאָפן. קום אַראָפּ, קינד מיינס, קום אַראָפּ...

מאיר פייוול

צו חיים דודן

דו, קינד מיינס, זינדיקסט; אַ מענטש באַדאַרף זיין צופרידן.

בעני לייב

און איך בין נישט צופרידן. איך האָב קינדער העלצער און בין נישט צופרידן. איך וועל זיי פון שטוב אַרויסיאָגן!

כאַשע דאָבע

וועקט העני פייגלען

קינד מיינס, קום אַראָפּ פון אויוון...

חיים דוד

העלפט מיר עס אַריינשיטן צוריק אין זעקל אַריין. עמיצער קאָן נאָך אַריינקומען... גיי אַרויס, בעני לייב, און זע, אויב עמיצער גייט נישט אַהער, און איר העלפט מיר עס צוריק אין זעקל אַריינשיטן.

מיט ציטערנדע הענט הייבט ער אָן צו שיטן פון די פאַרשידענע כלים די רענדלעך צוריק אין זאַק אַריין

כאַשע דאָבע

וועקט העני פייגלען אויפן אויוון

וואָס איז מיט דעם קינד היינט?

בעני לייב

גייט אַרויס אויף דער גאַס

חיים דוד

קומט בעסער אַהער! גאָלד וואַלגערט זיך אויף דער ערד. עמיצער קאָן אַריינקומען, זענען מיר פאַרפאַלענע.

כאשע דאָבע און ציפּע חנה נעמען אַראָפּ פון אויוון העני פייגלען

מאיר פייוול

לייגט די רענדלעך אין זאַק אריין און זינגט

אליהו הנביא, אליהו התשבי... אליהו הגלעדי... כי, כי, כאַ...

בעני לייב

קומט אַריין

דאַכט זיך, עמיצער גייט אַהער!

חיים דוד

פאַרשפּאַרט די טיר און לעשט אויס די ליכט!

ער שפּרינגט אויף פון אָרט און לעשט אויס די ליכט

מ א י ר   פ י י ו ו ל

ווער גייט, האַ?

צ י פ ע   ח נ ה

איך הער ווי עס סקריפּעט דער שניי... עמיצער גייט אַהער...

ח י י ם   ד ו ד

שאַ, שווייגט... פאַרשפאַרט די טיר...

כ אַ ש ע   ד אָ ב ע

וועקט העני פייגלען

שטיי אויף, קינד מיינס... שטיי אויף, קינד מיינס...

ח י י ם   ד ו ד

איר וועט שווייגן צי ניין!... וואָרן איך...

מ א י ר   פ י י ו ו ל

ששש...

אלע שווייגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם

ב ע נ י   ל י י ב

איך הער קיינעם נישט.

כ אַ ש ע   ד אָ ב ע

איך הער אויך קיינעם נישט.

צ י פ ע   ח נ ה

איך הער אויך קיינעם נישט. קום, בעני, לאָמיר אַרויסגיין אויף דער גאַס.

כ אַ ש ע   ד אָ ב ע

זיצט אין שטוב. מען טאָר איצטער נישט אַרויסגיין... שטיי אויף, העני פייגל... שטיי אויף, קינד מיינס...

ח י י ם   ד ו ד

קיינער גייט נישט? איר הערט נישט?

בעני לייב

ס׳האָט זיך מיר אפשר נאָר אויסגעדאַכט.

כאַשע דאָבע

גאָט מיין גאָט, וואָס איז מיט איר? שטיי אויף!...

ציפּע חנה

לאָז, איך וועל איר געבן אַ קניפּ.

העני פייגל

לאַכט זיך פאַנאַנדער אויפן הויכן קול

חיים דוד

פאַרשטאָפּט איר ס׳מויל, זאָל זי נישט לאַכן אַזוי הויך.

כאַשע דאָבע

שמע ישראל! וואָס איז מיט דיר, מיין קינד?

ציפּע חנה

כ׳וועל איר געבן נאָך אַ קניפּ, וועט זי שוין באַלד אָנהייבן צו וויינען...

העני פייגל

לאַכט אויפן הויכן קול

כאַשע דאָבע

צינדט אָן ליכט, וואָרים כ׳האָב מורא צו זיצן אין דער פינסטער.

חיים דוד

שטילער זאָל זיין. איך וועל זי באַלד דערשטיקן דאָרט, טאָמער הערט זי נישט אויף צו לאַכן.

כאַשע דאָבע

כ׳בעט אייך, קינדער, צינדט אָן אַ ליכט. מען הערט דאָך קיינעם נישט. מען זעט דאָך קיינעם נישט.

בעני לייב

כ׳האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט... לאָמיר זען, וואָס זי לאַכט אַזוי.

מאַכט ליכטיק מיטאמאָל

חיים דוד

פון זינען קאָן מען אַראָפּ. וואָס איז דאָס?... וואו ס׳געלט...
וואו ס׳גאָלד? ס׳אי דאָך...

ער נעמט אָן אַ הויפן רענדלעך. עס לאָזט זיך גאָר אויס, אַז שוואַרצע שערבלעך ליגן אין די כלים... ער נעמט אָן אַ הויפן פון זאַק—דאָס אייגענע.

מאיר פייוול

כי, כי, כאַ, שערבלעך...

אַלע קוקן צו דעם ערשטווינט

העני פייגל

קומט אויף. קראַצט זיך אין קאָפּ

אוי, האָט זיך מיר געחלומט, אַז די קאַץ האָט קעצעלעך גע־
האַט, און די קליינע קעצעלעך האָבן נאָך קעצעלעך געהאַט.
אַ פולע שטוב איז געוואָרן מיט קליינע קעצעלעך. לאַכט

חיים דוד

זוכט נערוועז צווישן די שערבלעך, אפשר וועט ער כאַטש נאָך איין רענדל געפינען. נישטאָ

מאיר פייוול

כי, כי, כאַ. מען קאָן די שערבלעך אויף דרויסן אַרויסשיטן.

כאַשע דאָבע

אויסגעגאָסן דעם ווײַן, האָט מען גאָטס חסד אַרויסגעגאָסן...

חיים דוד

קוקט אין די ליידיקע כלים. קראַצט זיך אין קאָפּ און רעדט קיין וואָרט.

העני פייגל

האַלט זיך אָזש ביים בויך, לאַכנדיק.

אין דער פינסטער

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

פ י י ו ו ע, א גאַס־מענטש

פ ע ש ק ע, זיין טאָכטער

פ י י ג ע, פייוועס מוטער, בלינד

א ב ר ם ׳ ל, א יונגער קוימען־קערער

ב י י נ י ש, אַן אַלטער טרעגער

ווינטער-אָוונט. ביי פּיוועץ; צוויי שמאָל-לאַנגע חדרימלעך אין א טיפן קעלער. ווען עס ווערט ליכטיק זעט מען אין פאָדער-גרונט-צימער, רעכטס, א באַק-אויוון און א קיך. פענסטער, טיף אין דער וואַנט פארגראָבן. שטיקלעך צעבראָכענע מעבל. אין הינטער-גרונט א צווייטער צימער. פון אַן אייזערנעם אייוועלע ציען זיך שווארצע רערן ביז צום קוימען אין דעם פאָדערשטן צימער. פון צווייטן צימער הייבן זיך אָן צו הערן דער אַלטער פייגעס טריט, באַגלייט מיט קרעכצן און זיפצן.

פ י י ג ע

טאַפּט און זוכט

אַרויס, ווייַנט אויס, פון שטוב. נאָר אַנדרעמלט געוואָרן און דאָס איז שוין אַרויס... קאַלט דער אויוון. נישט דערלעבט זיך אָנצוואַרעמען... פינסטער. נישט צו מערקן, מ'זאָל וואָס ברע-נען. פלאָנטערט זיך אַרום אין דער פינסטער פּעשקע! האַ?... אַרויס. האָט זי נישט געלאָזט אָפן די טיר? ס'אַלעבן, ס'אַלעבן! הו-הו-הו... אבי נישט אינגאַנצן אין דער ערד. די טיר עפנט זיך, עמיצער קומט אַריין ווער גייט? האַ, ווער גייט? ביינִיש?

ב י י נ י ש

גוט ב'אָוונט! דאָס בין איך.

פ י י ג ע

ביינִיש?

ב י י נ י ש

איך בין עס. גאָר אין דער פינסטער?

פ י י ג ע

באַדאַרף איך דען ליכט? איך זוך, פּעשקע איז נאָר וואָס געוועזן אין שטוב. אַנדרעמלט געוואָרן. שטאַרק פינסטער, וואָס?

ב י י נ י ש

שטאַרק פינסטער. סע באַנ׳אייך קאַלט. געמיינט די ביינער אַביסל אָנוואַרעמען.

פ י י ג ע

אַ שטאַרקע קעלט. וואָס זאָגסטו?

ב י י נ י ש

אַ מוראדיקע קעלט: גאָרנישט איינצוּשטיין.

פ י י ג ע

פאַרדינט וואָס?

ב י י נ י ש

אפילו דעם שטריק פון זיך נישט אָפּגעבונדן... קאַלט. מסתמא נישט געהייצט היינט?

פ י י ג ע

געהייצט, ווי דען?

ב י י נ י ש

מיט שפּענער מסתמא?

פ י י ג ע

מיט גראָבע שייטער האָלץ. אַליין זיי מיט מיינע הענט געזעגן.

ב י י נ י ש

גאָר אַ מוראדיקער פראָסט!

פ י י ג ע

איז נישט פינסטער?

ב י י נ י ש

פינסטער, חושך!

פ י י ג ע

דאָרט אויפן טיש דאַרף שטיין אַ לאָמפּ.

זיי גייען ביידע אין צווייטן צימער

ב י י נ י ש

אויפן קוימען?

פ י י ג ע

דאָרטן ליגען זיי אַמאָל... ס׳וויל אין שטוב נישט איינזיצן. אפשר שלאָפט זי ערגעץ — זיי מוחל, טו אַ קוק.

ב י י נ י ש

ווער?

פ י י ג ע

פּעשקע. זי זיצט אין שטוב. גייט אָן שיך.

ב י י נ י ש

קיינעם נישט צו זען, פינסטער — אַ טורמע.

פ י י ג ע

בין איך, הייסט עס, לאַנג געשלאָפן. ס׳שלאָפט זיך שוין. די ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ באַצייטן. נישט געפונען?

ב י י נ י ש

כ׳ווייס נישט, וואו צו זוכן. אַ מוראדיקער פראָסט געווען. אַז זי פאַרדינט נישט. כאַפּט שוין גאָר פאַרן האַרצן.

פ י י ג ע

נישטאָ. קאָן אין שטוב נישט זיצן. בייטאָג איז דאָ געווען ווער אין שטוב. מען האָס זיך געשושקעט... זאָל עס אברהמ־טשיק זיין? נישט צו דערגיין געווען.

ב י י נ י ש

אַי, וואָלט איך ביי איר דערגאַנגען! וואָס זאָגט פייווע? און די שטריק? וואָס זשאַלעוועט מען די שטריק?

פ י י ג ע

אויף אַ יונג לייב די שטריק איינדרייען, טוט וויי. צו יונג

איר לײב פֿאַרן שטריק. ס׳װיל דעם יאָך אויף זיך נישט שלעפּן. זאָל איך איר דעם יאָך אָנהענגען? נישט צו זען, װאָס אויף דער װײסער װעלט טוט זיך. באַלד דרײסיק יאָר. אפשר זעט שוין אפילו די גאַס אַנדערש אויס...

ב ײ נ י ש

אָבער װי לאָזט עס אַ מויד די באָבן אין דער פֿינסטער? פײװען דאַרף מען אַביסל אונטערטרײבן. כ׳װעל אים באָרגן מײן שטריק.

פ ײ ג ע

ער האָט זײן אײגענע שטריק. הו־הו־הו... אָט אַזוי זיצט מען אין דער פֿינסטער. בלינד און עס גלוסט זיך, פֿײער זאָל ברענען. הו־הו־הו עלטערע קינדער שלאָגן; ס׳הײסט זיך אַלײן מיט די פֿויסטן. געקענט אַ מאַמען, האָט אָנגעהויבן שלאָגן אירע קינדער נאָך אין די געדערעם. זיך איבערן בויך מיט די פֿויסטן. דאָס ביטער לעבן נישט פֿאַרטראָגן. דער מאַן האָט גענאָגט. נישט געװען, צו װעמען אויסצולאָזן דעם כּעס... אַ גאַל פּלאַצט. װאָס איז אַ קינד שולדיק? אַ יונג קינד? ס׳װיל שטיפֿן, ס׳װיל זיך קערן קאָזשאָלקעס.

ב ײ נ י ש

אַי, װאָלט איך פֿאַר דעם מיטן שטריק פּאַסן געריסן.

פ ײ ג ע

און װער האָט פּײװען דאָס לײב געריסן? אַ שטיפֿער געבוירן געװאָרן. נאָך װי אַ שטיפֿער! אַ שװער טראָגן געהאַט מיט אים. געװאָלט פֿאַר דער צײט פֿון די געדערעם אַרויסשפּרינגען. אויפֿן קאָפּ זיך געשטעלט און מיט די פּיסלעך אין האַרצן געטראַסקעט. גאָר אַ שװער טראָגן! געבוירן געװאָרן — און מיט זיך דעם יאָך מיטגעשלעפּט. אין מײנע געדערעם אַלײן דעם יאָך געכאָװעט.

אין צװײטן צימער װערט מיטאַמאָל ליכטיק

פּעשקע

קומט מיט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע

ביינִיש

גאָר! דאָ איז זי, גאָרנישט געוואוסט.

פּעשקע

באַווייזט מיר נאָר, ביינִיש, אייער שטריק, אין וויפל איז זי געדרייט? איר ווילט באָרגן דעם טאַטן אייער שטריק — איר קאָנט דאָך אים אפילו פון זיך נישט אָפּבינדן.

פייגע

כ'האָב געמיינט, ביסט ערגעץ-וואו געגאַנגען. מאַך פייער, מיין קינד.

פּעשקע

וואוהין זאָל איך גיין באָרוועס אין אַ פראָסט?

ביינִיש

אונטערן טיש האָט זי זיך באַהאַלטן מסתמא. אומעטום געזוכט. האַ—האַ—האַ, אַלץ האָט זי געהערט. אַבי אַן אמת גערעדט. דער טאַטע זשאַלעוועט אַביסל.

פּעשקע

ער זשאַלעוועט, ער זשאַלעוועט.

ביינִיש

איז ער אַ נאַר. קינדער מוז מען שלאָגן. נאָר געפּאַסעוועט אויפן הוילן לייב.

פּעשקע

ווי גוט איז אייך, ביינִיש!

ביינִיש

נו, נו, איך האָב חוזק געמאַכט. גלויב מיר, איך האָב חוזק געמאַכט.

פייגע

האָסט גאָרנישט חוזק געמאַכט, ביינישׁ, ס׳רעדט זיך אַמאָל אַרויס און מען מיינט אַליין, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט.

ביינישׁ

אויף אַ טאַטן דאַרף מען זיך נישט אָנלייגן, אַ טאַטע דאַרף שלאָגן, אַז אַ קינד לייגט זיך אָן אויף זיינע פּלייצעס.

פּעשקע

כ׳ווייס נישט, מיינט איר, אַז איר האָט גערעדט מיטן טאַטן? ביינישׁ מיינט, אַז מיט זיינע שטריק וועט ער קאָנען העלפן דעם טאַטן מיך צובינדן.

פייגע

צינד בעסער אָן אַ ליכט.

פּעשקע

כ׳קאָן אין דער פינסטער אויך זיצן. *זי צינדט אָן א שוועבעלע* איר וואָלט האָבן אייגענע קינדער, וואָלט איר שוין גאָר אַנדערש גערעדט. איז אין כעס און ווייסט אפילו נישט, וואָס אַ קינד איז.

ביינישׁ

איך וואָלט זיי נישט געשאַנעוועט. פאַר צינדן שוועבעלעך אומזיסט, וואָלט איך די פינגער געבראָכן... איך לאַך, נאַר!

פּעשקע

ס׳איז מיר אַלץ איינס: יאָ געלאַכט, נישט געלאַכט. מיינע קליידער זענען אויפן וואַנט צעפוילט געוואָרן פון שימל. ווי לאַנג נאָך וועל איך דאָ זיצן? ביז מיינע זייטן וועלן אָנהייבן צו פוילן? לעבעדיקערהייט פוילן וויל איך נישט, און — כ׳וועל נישט!

זי רייבט אָן א שוועבעלע

פ י י ג ע

נישט צינד אומזיסט, נישט צינד... איז עס יונג, איז עס אָן שכל; ס'וויל קלוג זיין. נאַריש קינד! וואו מען ווערט געבוירן, דאָרט ווערט מען פאַרלוירן. אין קעלער האָט דיך דיין מאַמע געבוירן, וואָס נישט? נאָך נאַסער ווי אין דעם געוועזן. די ווענט מיט שימל באַדעקט. פאַרן בעט מיט זעק פאַרהאָנגען. די זעק צעפוילט געוואָרן. דו האָסט געלאַכט, געקלאַפּט מיט די פיסלעך און געלאַכט. אַנדערע קינדער הייבן גאָר פרי אָן צו לאַכן; אויף דער אַנדערער וואָך; נאָך גאָר אין קינד־בעט... הייבט עס נאָר אָן צו רעדן, לאַכט עס שוין נישט מער, וויינט עס...

פ ע ש ק ע

איך וועל איצטער מער נישט וויינען... וויינען — מער נישט!

ב י י נ י ש

וועסט נאָך וויינען אין די פּויסטן; באַגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און וויינען... ביי מיר איז וואַרעמער — אַ גוטע נאַכט!

גייט אַרויס

פ ע ש ק ע

ער האָט אפילו קיין שכל נישט אַ געלעכטער צו מאַכן. בונ־טעוועט דעם טאַטן.

פ י י ג ע

דער טאַטע איז איצטער אויך נישט שלעכט. צרות, מיין קינד, מאַכן שלעכט. מען ווערט בייז אויף זיך אַליין — שילט מען זיך אַליין. אַ קינד איז דען נישט אַ שטיק פונם אייגן לייב?

פ ע ש ק ע

ער קאָן דאָך נישט זען אפילו, אַז איך הייב אויף דעם קאָפּ.

פייגע

אַז זיין קאָפּ, מיין קינד, ליגט אים צען איילן אין דער ערד. צי לאַכט ער אַמאָל,—כ׳הער נישט. קיינמאָל נישט. צרות נאָגן. מען לעבט אין קבר. דאַכט זיך, כ׳זע נישט, אין די אויגן פינסטער; איז דען אַ חילוק וואו כ׳זיץ, אויבן, צי אונטן? אַלץ איינס, דאַכט זיך — ניין! אָבער ניין. שפּיר איך מיט מיינע בלינדע אויגן, אַז כ׳ליג אין גרוב. קאָנסט זיך נישט אויפהייבן, יואָס קומט פון דעם אַרויס?... הו־הו־הו — ביסט געדעכט, מיין קינד, ביסט געדעכט. מיט מיינע בלינדע אויגן שפּיר איך, אַז דו ביסט געדעכט; כ׳וועל דיך מיט מיינע הענט באַשיר־מען. דער טאַטע וועט דיך נישט טשעפּען. כ׳וועל אים נישט לאָזן שלאָגן. כ׳וועל אים זאָגן —

פּעשקע

וואָס האָסטו דען אים צו זאָגן? כ׳ווייס נישט, צי ער שלאָגט מיך פאַר ליבשאַפט, צי פאַר יסורים.

פייגע

כ׳וועל אים זאָגן, מיין קינד, אַן עלטער קינד באַדאַרף מען שאַנעווען, מען דאַרף פאַר דעם דרך־ארץ האָבן. ער קאָן נישט זען, מיין לעבן, אַז דו גייסט אום ליידיק. אַ מענטש, אַז ער טרינקט זיך, אפילו אַ שטרויעלע איז אים שווער אויף זיך צו האַלטן. וואו ביסטו, מיין קינד?

פּעשקע

אָט בין איך.

זי צינדט אָן אַ שוועבעלע

פייגע

אַז דו מאַכסט פייער, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע דעם גאַנצן קעלער.

פעשקע

זעסט נישט, באָבע, אַז קיינער פון אונזערע זעט אים נישט.

ס׳ווערט ווידער פינסטער

פייגע

אָט, זעסטו, האָב איך געמערקט, אַז עס איז ווידער פינסטער געוואָרן.

פעשקע

כ׳וועל דיר מאַכן באַלד ווידער ליכטיק.

רייבט א שוועבעלע

פייגע

אַ שאָד, אַ שאָד. געוויס מערק איך. אַלץ מערק איך. אפילו דיך מערק איך אויך. אין א ווייסע צרוס די שטוב ליידיק. כאָטש וואַרעמע וואַסער; ער וועט קומען פון גאַס אַ צעפרוירענער...

פעשקע

וואָס וועט פונם ביסל וואַסער אַרויסקומען? זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל. איך האָב נישט געקאָנט. באָבע, איך האָב מער נישט געקאָנט! פון הונגער שטאַרבן, אָבי נישט לעבעדיק פאַר־פוילט ווערן. אַך, באָבע, באָבע, באָבע!

זי וואַרפט זיך צו דער אַלטער אויפן האַלז

פייגע

דו ביסט שוין אַזוי לאַנג פון פאַבריק און דער טוטין האָט נאָכנישט אויסגעוועפט.

פעשקע

דאָס ביטערניש וועט זיך שוין הערן פון מיר, צייט איך וועל לעבן. זאָג מיר, באָבע, פאַרוואָס איז אַזאַ יונג בלוט, ווי איך, אַזוי אומעטיק?... באָבע, מיר איז אַזוי אומעטיק, מיך דריקט! כ׳וועל אפשר אויסגיין פאַר אומעט? זאָל דער טאַטע קומען

און מ׳יר דאָס לייב צעפּאַסעווען, ווען מיר אפשר גרינגער ווערן.

פ י י ג ע

ביסט, מיין קינד, זיבעצן יאָר אַלט — און איך זיבעציק. שווער איז צו פאַרמאַכן די אויגן. פאַרמאַכט מען זיי שוין יאָ — פאַלט פון הארצן אַ שטיין אַראָפּ. דיר איז אומעטיק, און מיר איז פינסטער.

פ ע ש ק ע

מיינסט, באָבע, כ׳פויל זיך צו אַרבעטן. כ׳בין נישט פויל, באָבע! אַלץ אין דער וועלט וואָלט איך געטאָן, אַבי מיר זאָל גרינגער ווערן.

פ י י ג ע

מאַך זיך מיין קינד, אַ וועג, ווי אַזוי פון דאַנען אַרויסצוגיין. כ׳האָב פריער געזינדיקט. מיר האָט זיך געדאַכט, מען רעדט, מען שושקעט זיך... מסתמא אַברהמטשיק געווען. אפשר וועט ער דיך פון דאַנען אַרויספירן. כ׳האָב פאַר ביינישן גערעדט, כ׳האָב עס נישט געטאָרט...

פ ע ש ק ע

אַך, באָבע! ווען דו זאָלסט וויסן, ווי אָט דאָ אין הארצן קלעמט מיר; עס רייסט מיך מיט אייזערנע קאַמען. דאָס גאַנצע לייב ווערט מיר קאַלט און ווידער הייס. אין די אויגן ווערט מיטאַמאָל נאָך פינסטערער, ווי דיר איז... די מאַמע פלעגט מיך פאַר די האָר רייסן. איך בין קליין געווען. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס. און זי האָט מיך פאַר די האָר געריסן. זאָג, צי איז איר דען גרינגער געוואָרן, אַז מיר האָט וויי געטאָן?

פ י י ג ע

זי האָט זיך אַליין ס׳האַרץ געריסן. כ׳וויס, מיין קינד, ווי זי

האָט דיך ליב געהאַט, נאָך די יסורים. דיין מאַמע איז פון הונגער געשטאָרבן. דיך האָט זי מיט קאַרטאָפל געקאָרמעט, און אַליין די שפּייעכץ געשלונגען, די טרערן געשלונגען...
שווייגט א ווײַלע באַלד וועט דער טאַטע קומען הונגעריק און דו האָסט פאַר אים גאָרנישט צוגעגרייט, מיט וואָס זיך צו קוויקן, וועט ער באַלד זיין אין כעס... אַ מאַמע קאָן אַלץ, אַ טאַטע — נישט. אַ מאַמע קאָן פאַר דער צייט אין דער ערד אַריינגיין — אפילו לעבעדיקערהייט, און ווען דיין מאַמע האָט געוויינט איבער דיר, ווען דו האָסט, נישט היינט געדאַכט, געפּאָקט און געמאָזלט און ווען די צרה האָט זיך אין האַלז אַריינגעקליבן, האָסטו שוין נישט געהערט... דאָס, מיין קינד, האָב איך געהערט... מיט מיינע בלינדע אויגן, און מיין לייב האָט געברענט; טרערן האָבן געשרפהט. אַ בלינדער קאָן נישט וויינען. ניין, ער קאָן נישט. איז דען דיין מאַמע מיין טאָכטער נישט געווען?... איין שטיק ליכט. און מיט מיינע בלינדע אויגן האָב איך געשפּירט, ווי עס גייט איין, גייט אויס ווי אַ ליכט... הו־הו־הו — דיר איז אומעטיק, פאַרוואָס דען נישט? איך זע נישט. וואָלטן זיך מיר מיינע אויגן געעפנט — ווי אַ קליין קינד וואָלט איך געכליפּעט. כ׳וואָלט דיין טאַטן דערזען — און נישט דערקענט. דאָס פּנים מוז זיין פאַרענדערט... אַז מען שלאָגט אַן עלטער קינד, באַדאַרף שוין דאָס פּנים זיין שוואַרץ פאַר יסורים. אַז מען רייסט אַ בת־יחידה פאַר די האָר. מיין קינד, פאַר יסורים טוט ער דאָס.

שטיל

פּ ע ש ק ע

כ׳בין אין פאַבריק געגאַנגען און געפוילט אין דער ביטערניש, און פון אַלע זייטן זיצן: פאַרגעלטע, פאַרגרינטע פּנימער אין שווייגן; שווייגן און פוילן. און איך שוויייג אויך. און אין

מיר רייסט עס, ווערט אומעטיק. אוי, ווי אומעטיק! אַז אַ ליכט גייט אויס און שמעלצט זיך. און אַז מענטשן שמעלצן זיך, גיי־ען אויס; בויגן זיך און פאַלן איינגאַנצן אום — פאַלט אַן אימה אָן. זאָג, זוך, פּלאַצט דאָס האַרץ, ס׳איז אויף מיר אַ פּחד אָנגעפאַלן. באָבע! באָבע! צי בין איך אומגערעכט, אַז איך אַנטלויף פון פייער, איך זאָל זיך ווי אַ ליכט נישט צעשמעלצן?... אַז איך זע, ווי אַ פּנים ווערט געל, ווי אַ בלעטל אין האַרבסט, האָב איך מורא. ווערט מיר ביז צום שטאַרבן. מיר דאַכט, אַז מיט איינמאָל איז מיין פּנים צע־קנייטשט געוואָרן. און די אויגן... אוי, באָבע, כ׳האָב עס גאָר מורא אַרויסצורעדן פון מיין מויל. און דאָ איז נאָך ערגער... זאָג, באָבע, צי פילסטו גאָרנישט, זיצנדיק אין קעלער, אַז דער גרויסער מויער ליגט אויף דיר, אויפן קאָפּ, ליגט און דריקט דעם שאַרבן מיטן מאַרך איבערנעם?

פ י י ג ע

קושט פעשקען

אַך, די יוגנט! ווי זי פּילט, ווי זי שפּירט דעם ווייטאָק! בין איך יונג געווען, מיין קינד, מיט אויגן, אין דיינע יאָרן, האָט מיין לייב אַלץ געשפּירט. ווי האָט געטאָן — אומדערבאַ־רעמדיקע יסורים, מען האָט מיר מיינע גלידער געבראָכן. כ׳האָב די ליפּן פאַרביסן — ביז בלוט, פאַר יסורים פאַרביסן און געשוויגן. כח איז געווען מער, צום שווייגן — גבורה גע־ווען. די גבורה איז ביי הייַנטיקע קינדער נישטאָ... הו־הו־הו — יסורים, יסורים און קיין גבורה איז נישטאָ.

א ב ר ה מ ט ש י ק

קומט אריין

גאָר אין דער פינסטער זיצט איר. איז ווער דאָ?

פ ע ש ק ע

קום אַהער, אברהמטשיק.

פ י י ג ע

מיר האָבן זיך פאַררעדט און קיין פייער נישט אָנגעצונדן.

א ב ר ה מ ט ש י ק

אין דער פינסטער זעט מען נישט, ווי מיין פנים איז אין כּאַזשע פאַרשמירט.

פ ע ש ק ע

ס׳איז קאַלט אויף דער גאַס?

א ב ר ה מ ט ש י ק

אַ פראָסט אַ שטאַרקער. שטייענדיק אין דער הויך אויף די קוי־מענס, איז נאָך קעלטער. דער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטן.

פ ע ש ק ע

מען קאָן נאָך אַמאָל פון אויבן אַראָפּפאַלן אויך. דער ווינט קאָן אַ טרייב טאָן.

פ י י ג ע

אויפן גלייכן וועג ווערט מען נאָך גיכער געשטראָפט.

א ב ר ה מ ט ש י ק

ס׳איז גוט צו שטיין אויפן שפּיץ דאַך און קוקן אין גאַס אַראָפּ, זען, ווי די מענטשן קנאָרען זיך. זיי דרייען זיך איין אין דרייען און לויפן פונקט, ווי עמיצער וואָלט מיט אַ לאַנגער בייטש טרייבן.

פ ע ש ק ע

אָט צינד אָן דאָס לעמפּל. אויפן טיש שטייט עס. מיר איז קאַלט אין די פיס, כ׳גיי באָרוועס.

אברהמטשיק

ער צינדט אָן אַ קליין לעמפּל און לאָזט עס שטיין אויפן טיש. דעם קעלער הילן שאָטנס איין

פייגע

שוין ליכטיק?

אברהמטשיק

וואָס האָט איר זיך אַזוי איינגעקנאָרעט איבעינעם?

פעשקע

באַפרייט זיך פון דער אַלטער; איר געזיכט איז בלאַס אָן אַ שפּור פון פריילעכקייט

מיר האָבן זיך געוואַרעמט. אוי, ביסטו שוואַרץ! וואַש אָפּ דאָס פּנים ביי אונז.

זי דריקט זיין האַנט

אברהמטשיק

ער קוקט זי אַ צייט אָן אין די אויגן. וואַשט זיך

פייגע

פונדעסטוועגן, מיין קינד, מאַך פייער. אפשר וועט ער וואָס ברענגען פון גאַס, וועט מען פאַרקאָכן.

אברהמטשיק

נו, איצטער בין איך שוין ווייס?

פעשקע

ביסט נאָך אַלץ אין סאַזשע פאַרשמירט.

זי פאַלט אים אויפן האַלז. אַ ווײַלע שטיל

פייגע

מאַכסטו פייער?

פעשקע

טודעט אים וואָס אויפן אויער. זי קוקט אויף דער אַלטער. רעדט הויך

איז אַ שטאַרקער פראָסט, זאָגסטו?

א ב ר ה מ ט ש י ק

אַ פראָסט און אַ ווינט.

פ י י ג ע

שטעלסטו וואָס צום פייער. דער טאַטע וועט קומען. זאָל ער נישט זיין אין כעס.

פ ע ש ק ע

זי זאָגט אברהמטשיקן וואָס. ער ציטערט אויף, זי באַפרייט זיך פון אים און בלייבט שטיין צעשטרייט

אַ ליידיקע שטוב. אַ ליידיקע שטוב...

א ב ר ה מ ט ש י ק

ער גייט צו צו פעשקען, נעמט איר האַנט

פ י י ג ע

אברהמטשיק איז שוין אַוועקגעגאַנגען?

א ב ר ה מ ט ש י ק

איך בין דאָ.

ער רעדט איר וואָס אויפן אויער

פ ע ש ק ע

שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ צייכן אויף ניין, רעדט הויך אויף דער אַלטערס זייט

ווי ליכט האָבן זיי זיך געשמאָלצן אַנטקעגן פייער, און פון טאָג צו טאָג איינגעגאַנגען... כ'האָב נישט געוואָלט פאַר דער צייט אין דער ערד אַריינגיין. מיין יונג בלוט וויל נאָך לעבן, מיין יונג האַרץ וויל נאָך בליען. בין איך אויפגעשטאַנען פון שלאָף און דערזען, אַז מיינע קליידער זענען צעפוילט געוואָרן, אויפן וואַנד הענגענדיק.

זי באַגראָבט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, און איר קערפּער ציטערט פון געוויין

פ י י ג ע

קינדער, דער טאַטע וועט קומען.

פ ע ש ק ע

איידער דאָס אויג זאָל נאָך דער צייט אָנהויבן צו זען אַלץ, וואָס אַרום טוט זיך, איז שוין גלייכער...

פ י י ג ע

שלאָגט זי איבער

שילט זיך נישט, מיין קינד! ביסט נאָך יונג. מיר וועט שוין קיינמאָל גוט נישט זיין. כ'האָב נאָר מורא, פייווע וועט קומען.

פ ע ש ק ע

זאָל ער קומען, זאָל ער קומען, זאָל ער מיין לייב מיט זיינע פיס טרעטן.

א ב ר ה מ ט ש י ק

קיין מענטש אין דער וועלט דאַרף זיך נישט לאָזן מיט די פיס טרעטן. אפילו קעגן אַן אייגענעם טאַטן וואָלט איך אויפגעשטאַנען.

פ ע ש ק ע

דריקט אים און קושט אים שטיל

ניין, ניין, ביסט נישט גערעכט, מיין מאַמע האָט מיך געלאָזן. גאַנץ רויק איבערגעלאָזן. זי האָט געדאַרפט שוין מיט די שאַרבנס אויף די אויגן פון קבר צוריק אַרויסשפּרינגען און מיך נישט פאַרלאָזן.

וויינט. בלייבן ביידע געאָרעמט

א ב ר ה מ ט ש י ק

ווישט די טרערן

פ י י ג ע

וויינט נישט, וויינט נישט. מענטשן, וואָס האָבן ליכטיקע אויגן, טאָרן נישט וויינען. געזען מאַמעס, די באַקן געל גע-

וואָרן פון צופיל וויינען אין דער יוגנט. געבליבן פלעקן.
שוין אויפן גאַנצן לעבן געבליבן...

פ ע ש ק ע

ביי מיר, באָבע, וועלן קיין געלע פלעקן נישט בלייבן אויף
די באַקן...

פ י י ג ע

אברהמטשיק! ביסט מפרנס דיין מאַמען. דיין מאַמע האָט דיך
ליב. אַז מען האָט אַ מאַמען, וואָס זאָל ליב האָבן, איז שוין
גענוג. אַז מען שפּאַרט אָן דעם קאָפּ ביי אַ מאַמען אויפן
האַרצן איז שוין גענוג. ביידן ווערט גרינגער. אפילו אין דער
ערד ליגנדיק, ליידן די מאַמעס, האָבן קיין רו נישט, ס׳טוט
זיי וויי...

פ ע ש ק ע

קושט און האַלזט אַברהמטשיקן. זי מאַכט אים אַ צייכן. ער זאָל אויסקניין.
רעדט הויך

דער טאַטע וועט באַלד קומען!

פ י י ג ע

ווער וויינט עס אין דער שטיל? ווער וויינט?

א ב ר ה מ ט ש י ק

ווינקט וואָס צו פעשקען

אַ גוטע נאַכט! כ׳וועל נאָך היינט אפשר נאָכאַמאָל קומען.

בלייבט נאָך אַ ווײַלע ביים טיר

פ י י ג ע

גיי געזונט, מיין קינד!

פ ע ש ק ע

שטייט נעבן אויוון צעטראָגן

אברהמטשיק

גייט ארויס, נישט אראָפּנעמענדיק די אויגן פון פעשקען
שטיל

פייגע

הו־הו. — די יוגנט, די יוגנט, די שיינע, ליכטיקע יוגנט!
אין א ווײַלע ארום מיין קינד, דו ביסט הונגעריק, מאַך פייער
אין אויוון.

פעשקע

ניין, באָבע, איך בין נישט הונגעריק.

פייגע

אין דיין קול ליגט עס, מיין קינד: עס ציטערט.

פעשקע

ניין, באָבע, כ'בין נישט הונגעריק.

פייגע

שיינע, ליכטיקע יוגנט...

א שווערע שטילקייט

פייווע

קומט אריין. ער איז אויפגעדרייט פון קעלט. לייגט אויפן טיש א קליינעם
טייל פון א לאבן שוואַרץ ברויט. דרייט זיך ארום אין שטוב

פייגע

פייווע?

פייווע

שווייגט. ער זעצט זיך ביים טיש, אנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויפן האַנט

פעשקע

קוקט אים אָן, שטייענדיק ביים אויוון

פייגע

הויבט זיך אויף פון איר אָרט

פייווע, דו ביסט דאָך געקומען, האַ? פעשע, דער טאטע איז
געקומען?

פעשקע

יאָ.

פייגע

לייג אָן אַ פייער, פעשע. האָסט וואָס געבראַכט, פייווע? ביסט אַודאי הונגעריק. זי זיצט אויך אומגעגעסן.

פייווע

ברויט ליגט אויפן טיש.

פייגע

דער ברויט, דער ברויט. איז דען אַ פעולה, אַז דו ביסט... ברויט קאָן גענוג זיין, אָבער...

פייווע

לאָז, מאַמע, צורו.

פייגע

דער מאַמעס בלינדע אויגן טוען וויי. דער מאַמעס אַלט האַרץ טוט וויי. דאָס יונגע בלוט גיסט זיך; ס'גייט איין.

פעשקע

פאַר מיר דאגה נישט, באָבע.

פייגע

האָסט געבראַכט ברויט, האָסטו, — אַ פרייליכן פנים צו אים וואָלסטו געבראַכט. אַ פּאָר ווערטער גוט-האַרציקע וואָלסטו געבראַכט. ברויט אָן דעם — סם איז עס.

פייווע

סם מיר נישט מיין בלוט, מאַמע!

פייגע

עס ליגט דער ברויט אויפן טיש — פאַרוואָס עסט מען אים נישט? זי גייט צו צו פייווען און פירט אירע הענט איבער זיינע אַקסל

שווייגסט, פאַר דעם האָב איך שוין גאָר מורא. וואָס שווייגט

איר? אַ שטוב מיט מענטשן, און עס איז שטיל... וואו מענטשן זענען, דאָרט איז שווער די שטילקייט צו פאַרטראָגן. מאַך אַ פרייליכן פנים, זיי נישט מביש דעם ברויט. אַ טיש איז אַ מזבח און דער ברויט — זיין הייליקער קרבן, זיי אים נישט מביש.

פייווע

קוקט אָן די אַלטע מיט אויפגערעגטע אויגן

פייגע

שווייגסטו גאָר; ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס צו רעדן צו דיר. ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס ביי דיר אויפן האַרצן איז. שרייסטו, ווייס איך; שלאָגסטו, פיל איך; אָבער דיין שווייגן... נאָר אויף דיין קינדס קאָפּ זאָלסטו דיינע יסורים נישט אויסגיסן... ס'איז איר גענוג. פּעשקע! וואו ביסטו? אויף מיר גיס דיין צאָרן אויס, דיין ביטער האַרץ, אויף מיר.

פייווע

באהאַלט זיין קאָפּ אויפן אָרעם

איצטער איז מער, ווי שטענדיק, פאַרביטערט דיין האַרץ — שוין דיין קינד. זאָל זי גיין איר וועג... פייווע, רעד זיך אויס פאַר מיר. כ'בין דאָך דיינע אַ מאַמע, געדענקסט, דו ביסט אַ קינד געווען, כ'האָב דיך אויף מיין שויס געכאָוועט, כ'האָב דיך אין מיינע טרערן געבאָדן. האָסט געוויינט און געלאַכט, אַלץ ביי מיר אויפן שויס. רעד איצטער אויך פאַר מיר — כ'וועל נאָך הערן, און אויב איך וועל קאנען, וועלן נאָך מיינע בלינדע אויגן וויינען.

פייווע

שטעלט זיך פּלוצלינג, שרייט אויס מיט גרויסע שמערצן אויפן געזיכט

מאַ־מע! מאַ־מע!

פ י י ג ע

רעד נאָך, רעד נאָך...

פ י י ו ו ע

ב־ניין. כ׳קאן נישט...

ער גייט אַרויס פון שטוב

פ י י ג ע

וואוהין טראָגסטו דיין ביטער האַרץ, מיין קינד!?

בלייבט שטיין אין מיטן שטוב

פ ע ש ק ע

גייט אַרויס אויף דער גאַס און קומט שנעל אַריין צוריק

פ י י ג ע

ווער איז עס?

פ ע ש ק ע

דאָס בין איך.

שטיל

פ ע ש ק ע

געפינט אַ שטריק, אין דער צייט וואָס די אַלטע רעדט, ציט זי אים דורך איבערן רער פון אויוון, נעבן טיר פון צווייטן צימער. מאַכט אַ שלייף, אַ שלייף. די הענט אירע ציטערן

פ י י ג ע

דער ברויט ליגט אויפן טיש פאַריתומט. אויף אים האָט זיך אויסגעגאָסן דער דם יסורים. ווער קאן אים צום מויל נעמען? ווער זאָל אַ מויל עפענען? כ׳שפּיר, ווי דער באַלקן בויגט זיך נידעריקער אַראָפּ איבער מיין קאָפּ... וואָס טוסטו, פעשקע?

פ ע ש ק ע

מיר חלומט, באָבע.

פ י י ג ע

וואָס, מיין קינד?

פ ע ש ק ע

אַז דאָס לעבען ווערט גרינגער און ליכטיקער.

ווארפט זיך דער אַלטער אויפן האַלז

פ י י ג ע

דו ציטערסט, מיין קינד.

פ ע ש ק ע

קושט די אַלטע

מיר חלומט זיך, באָבע.

פ י י ג ע

קושט פעשקען

וואָס, מיין קינד?

פ ע ש ק ע

אַז נישט אייביק וועט זיך די יוגנט אַזוי פּלאָגן.

בלייבן ביידע שטיין ארומגענומען

ש ט י ל

פ י י ג ע

פאַרוואָס קלאַפּט אַזוי שטאַרק דיין האַרץ, מיין קינד?...
שטאַרק, אָבער אומרויק.

פ ע ש ק ע

פאַר שמחה, באָבע... שטיל

פ ע ש ק ע

באפרייט זיך פון דער אַלטער. זי גייט צו שטיל צום טיש און הויבט אָן לאַנגזאַם אַראָפּלאָזן דעם פייער פון לאָמפּ, באמיענדיק זיך, די אַלטע זאָל נישט מערקן

פ י י ג ע

שטייענדיק אין מיטן שטוב, רעדט, ווי צו זיך אַליין

דאָס ליכט לעשט זיך... דאָס ליכט לעשט זיך...

פ ו נ ק ע ן

פערזאָנען:

פערל

מאָטעלע, איר קינד

גדליה, איר געשטאָרבענעם מאַנס פאָטער

סענדער, וואוינט די צווייטע טיר, אויף דעם אייגענעם בוידעם

מלכה, זיין ווייב

אַ בוידעם-שטיבל. די סטעליע אין הינטערגרונט צו די פענ-סטער אַראָפּגעבויגן. צווישן די פענסטער אַ ניי-מאַשין, איבערגעדעקט. רעכטס און לינקס געלעגערס. זומער פאַרנאַכט. אויף איין געלעגער ליגט דער אַלטער גדליה, שלאָפט. קעגנאיבער, אויף אַ געלעגער זיצט פערל. נעבן איר ליגט איר דריי-יאָריקער מאָטעלע; זיין קעפל אויף איר שויס.

פון איר אויסגעמאַטערט, אויסגעווייינט געזיכט קוקט אַרויס שיינקייט און יו-גנט, זי ענדיקט פלעכטן אירע לאַנגע גאָלדיק-בלאָנדע האָר. פון צייט צו צייט בויגט זי זיך איבערן קינד און קושט אים אויפן קעפּעלע. זי רעדט מער פאַר זיך, ווי צום קינד

קינד מיינס, ליכט מיינס... ווען דער טאַטע דיינער זאָל איצ-טער לעבן! קינד מיינס, ליכט מיינס!

קושט אים לאַנג און שטיל

מאָטעלע

דער טאַטע ט'היינט ניש'קומען?

פערל

גיין, מיין קינד.

מאָטעלע

דו ס'ניש' גיין צו אים?

פערל

דיין מאַמע דאַרף איר שוועלבעלע היטן. אויף דיין מאַמען וועט גאָט רחמנות האָבן. צוליב דיר, מיין ליכט, וועט ער דיין מאַמען אויף דער ערד לאָזן.

מאָטעלע

הויבט זיך אונטער און קושט די מוטער

האָב איך דיך טאַקע ליב.

פערל

ווי ט'מען גערופן דיין טאַטן?

מ אָ ט ע ל ע

מיין טאַטן רופט מען עוזר.

פ ע ר ל

ווײַנט אין דער שטיל

עוזר האָט מען גערופן דיין טאַטן. איצטער... וואָס איז מיין לעבן ווערט אָן דיר?

מ אָ ט ע ל ע

פאַרדעקט זיין געזיכט

וויינסט אויף מיין פנים, מאַמע.

פ ע ר ל

קינד מיינס, ליכט מיינס... נו, שאַ — דיין מאַמע וועט שוין מער נישט וויינען. נאַרעלע, דו וויין נישט. דיין מאַמע וועט דאָך פאַר דיר איר גאַנץ לעבן אָפּגעבן. זי וויינט, אַז דער וואָס אין הימל זאָל זי נעבן איר שוועלבעלע לאָזן.

מ אָ ט ע ל ע

איך נאָר געלאַכט. איך טאַקע ניש׳ געוואָלט וויינען. גיב, איך דיר קעמען דיין קאָפּ.

פ ע ר ל

קינד מיינס, ליכט מיינס, ס׳איז שוין באַלד נישטאָ וואָס צו קעמען. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך.

מ אָ ט ע ל ע

איך וויל עסן.

פ ע ר ל

ווילסט עסן?... ווילסט עסן — באַלד וועט די מאַמע קאָכן פאַר איר קינד צום עסן.

מ אָ ט ע ל ע

וואָס דו קאָכן?

פ ע ר ל

וואָס איך קאָכן?... קום, מיין קינד, לאָמיר זען, וואָס אין קופערט איז פאַראַנען... וואָס איך וועל קאָכן, מיין קינד...

זי עפנט אויף א קופערט, וואָס שטייט נישט ווייט פון איר געלעגער

מ אָ ט ע ל ע

איך באַלד אַריינקריכן אין קופערט, און דו פאַרמאַך.

פ ע ר ל

זעסט, מיין קינד? ס'איז דיין טאַטנס נייער אַנצוג. קיינמאָל וועט ער עס שוין נישט אָנטאָן.

מ אָ ט ע ל ע

איך ווערן גרויס, איך אָנטאָן.

פ ע ר ל

גאָט ווייס, גאָט ווייס. זי בינדט עס איין אין לוולעך פאַר דעם וועט די מאַמע עסן קריגן פאַר איר קינד.

זי נעמט ארויס פון קופערט א לאנגן דאמען-מאנטל פון שווארצן שטאף נישט פארענדיקט, נאך מיט די ווייסע פארסטריגעס

מ אָ ט ע ל ע

וואָס אי'דאָס, מאַמע?

פ ע ר ל

דיין טאַטע פאַר דער מאַמען אַ מאַנטל גענייט אַליין מיט זיי-נע הענט שפּעט אין דער נאַכט, פון שלאָף געפאַלן, און פאַר דער מאַמען אַ מאַנטל גענייט. באַקוקט די ווייסע פאַרסטריגעס זיינע גילדענע הענט... איצטער פוילן זיי ערגעץ. זי מעסט אָן דעם מאַנטל, ער גרייכט ביז צו אירע טריט. זי באַקומט פאַרוויקלט סאמעט, וואָס אין געווען אויף א קראַגן גרייט, און מעסט אָן אויף אירע אַקסלען. נעמט אַרויס פון קופערט שוואַרצע געשטיקטע באַפוצונג און שפּילעט צו אויף די אַרבל מאַנזשעטן. זי באַפוצט מיט א טייל סון דעם די ברוסט. א ווײַלע בלייבט זי אַזוי שטיין אין

מיטן שטוב **זעסט, מיין קינד? אַזוי האָט געוואָלט דיין טאַטע די מאַמען אויספוצן און שבת מיט איר גיין שפּאַצירן, און איצטער...**

ס ע נ ד ע ר

קומט אַריין

פ ע ר ל

בלייבט אין פאַרלעגנהייט

מ אָ ט ע ל ע

לויפט אים אַנטקעגן

טאַקע דער טאַטע געגייט.

ס ע נ ד ע ר

וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי פאַרוואונדערט?... ווי איר וואָלט מיך צום ערשטן מאָל זען.

פ ע ר ל

גייט צום פענסטער, ווענדט אָפּ איר געזיכט. שווייגט

ס ע נ ד ע ר

נעמט מאָטעלען אויפן האַנט

דו האָסט עס געמאַכט, דיין מאַמע זאָל וויינען, יינגאַטש איינער?

ער קושט אים

מ אָ ט ע ל ע

איך ניש׳ געמאַכט די מאַמע וויינען.

ס ע נ ד ע ר

ווער דען?

מ אָ ט ע ל ע

זי וויינט, דער טאַטע געשטאָרבן טאַקע.

מאָטעלע
פּערל...

פּערל
איר האָט נישט געטאָרט קומען אַהער.

סענדער
מיר זענען שכנים. איר ווייסט עס. איך וויל אַ לעבעדיקן מענטשן זען. וואָס קומט מיר דערפֿאַר?

פּערל
און אויף יענער זייט וואַנט... — האָט גאָט אין האַרצן!

סענדער
זעט, וואָס איר מאַכט פֿון זיך! ווי אַ שאָטן זעט איר דאָך אויס.

פּערל
איך ווייס אַליין נישט וואָס מיט מיר איז. ערשט איצטער האָב איך דערפֿילט, אַז איך בין נאָך עלנטער ווי מאָטעלע איך בין דאָך נאָך אפֿילו קיין צוויי און צוואַנציק יאָר נישט־אַלט.

סענדער
טוט אויס פֿון זיך דעם מאַנטל. איך וועל אָפּגעבן צו אַ שניידער, ער זאָל עס ענדיקן.

פּערל
ניין, ניין!

סענדער
וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן?

פּערל
צו־פֿרי. ער שטייט נאָך פֿאַר מיינע אויגן. צי קאָן איך גאָר פֿון אַזעלכעס טראַכטן? איך וועל עס היינט אַוועקטראָגן פֿאַר־זעצן.

ס ע נ ד ע ר

איך פאַרשטייט....

פ ע ר ל

רעדט נישט, רעדט נישט. איך זע אַלץ, וואָס אויף יענער זייט וואַנט טוט זיך. איר זענט פריער קיינמאָל אַזוי נישט געקומען.

ס ע נ ד ע ר

יאָ, טאַקע אמת, אָבער...

פ ע ר ל

שווייגט אַ ווײַלע. מאַכט אויף אַ רגע צו די אויגן, ווען איר נאָך דאָ הערן זיין קול... דאָ אין שטוב איז נאָך זיין קול געבליבן. און איר האָט גאָט אין האַרצן! איר האָט אויף אַ רגע מיין שוועל נישט געדאַרפט אַריבערטרעטן.

ס ע נ ד ע ר

איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז איר באַדאַרפט פון דער שטוב אַרויס. איר זאָלט וואוינען ערגעץ אַנדערש.

פ ע ר ל

זי נעמט מאַטלען אויפן האַנט, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַשיצן

ס ע נ ד ע ר

וואָס קוקט איר מיך אַזוי דערשראָקן אָן? איך בין פריער צו אייך נישט געגאַנגען, ווײַל... אָבער צוליב וואָס זאָל איך עס זאָגן? איר זענט דאָך קיין קינד נישט...

פ ע ר ל

האָט גאָט אין האַרצן! אייער ווייב ליגט אויפן טויטן בעט. עס קערט זיך מיר דער מח אין קאָפּ איבער, וואָס ט'איר געטאָן? ווי ט'איר גאָר מיין שוועל איבערגעטרעטן?

מאָטעלע

הויבט אָן וויינען ביי דער מוטער אויפן האַנט

פערל

איר זעט, ס׳קינד פאַרשטייט אויך וואָס איר האָט געטאָן.

סענדער

איך פאַרלאַנג פון אייך גאָרנישט.

פערל

איך בעט אייך, גייט איצט אַרויס פון דאַנען.

סענדער

איך וועל עס נישט טאָן.

פערל

פאַרלירט זיך

קינד מיינס, נעם שטאַרקער אַרום דיין מאַמען... איך וועל אפשר פון זינען אַראָפּ!

סענדער

גייט צו איר. רעדט מיט א ציטערדיקער שטים

הערט מיך אויס, איך...

פערל

אין שרעק

אייער ווייב לעבט נאָך...

סענדער

איר באַדאַרפט עס נישט זאָגן. איר ווילט אַזוי לעבן, גלייך ווי איך. פונקט ווי עוזר האָט געוואָלט לעבן.

פערל

ביין, ביין...

סענדער

איר ווייסט אַליין, אַז איך בין אין איר קרענק נישט שולדיק.

פערל

זי לעבט דאָך אָבער. און אפשר גייט זי איצטער אויס, און קיינער שטייט ביי איר בעט נישט... לאָמיר בעסער ביידע צו איר גיין... איך וועל בעסער צו איר גיין...

סענדער

איר וועט עס נישט טאָן, פערל!... איך וויל נישט, איר זאָלט זי זען... גיין, איר וועט נישט גיין. שוין באַלד אַ יאָר, אַז איך שטיי נעבן איר טויטן בעט. אויף מיר איז אַ שרעק אָנגעפאַלן. איך ווייס שוין אַליין נישט, ווער עס באַדאַרף שטאַרבן, אויף וועמען דער טויט וואַרט.

פערל

איר האָט דאָך זי ליב געהאַט.

סענדער

איר ווייסט דאָך, פערל, אַז איך האָב זי ווי ס'לעבן ליב געהאַט. אָבער איך קאָן שוין נישט מער... איך קאָן דאָך איר געזונט צוריק נישט אומקערן. אָט ווי איר קאָנט עוזרן פון דער ערד צוריק נישט ברענגען אַ לעבעדיקן... וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי מיט חשד?... איך וויל האָרעווען פאַר אַ געזונטן מענטשן. איך פאַרלאַנג פון אייך גאָרנישט. לאָזט מיך פאַר אייך מיט אייער קינד פראַצעווען... איר הונגערט דאָ אַלע: איך בין דאָך אַ מענטש מיט אַ האַרץ. ווען איך קאָן מאַכן, איר זאָלט נישט הונגערן...

פערל

דאָס וועט נישט זיין. פאַרדעקט דאָס געזיכט איך טאָר נישט, איך טאָר נישט. איז מיר באַשערט אויסצוגיין מיט מיין קינד פון הונגער — וועל איך. גייט אַהיים... אייער ווייב איז אַליין. צום קינד. וואָס איז איינגעשלאָפן אויף איר האַנט שלאָפסט און ווילסט גאָר

נישט וויסן, ווי דיין מאַמע פּלאָגט זיך. נו, סענדער, איר זענט נאָך אַלץ דאָ? אויב נישט אויף זיך — טאָ האָט אויף איר מיט מיין קינד רחמנות.

לייגט דאָס קינד אויפן בעט

ס ע נ ד ע ר

גייט צו איר, נעמט איר האַנט

פ ע ר ל

טוט עס נישט.

ס ע נ ד ע ר

מיר זענען דאָך דערוואַקסענע מענטשן.

פ ע ר ל

שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין

ס ע נ ד ע ר

מיר זענען שכנים. אפשר האָט עס באַדאַרפט אַזוי זיין, אפשר איז אונזער ביידנס מזל אַזוי געווען, אַז עוזר זאָל שטאַרבן. אָט, טוט אויס דעם מאַנטל מיט די פּאַרסטריגעס. רעדט איין וואָרט! איך וויל, אַז איר זאָלט מיר כאָטש איין צייכן געבן, אַז איר וועט וואַרטן אויף מיר. איך וועל מער נישט רעדן פון דעם. איך וויל מער נישט, אַז ווען איך אַרבעט, זאָל איך וויסן, אַז פאַר אַ לעבעדיקן מענטשן טו איך עס. וועל איך כח האָבן אַזאַ יאָך אויף מיינע פּלייצעס צו טראָגן. פּערל, איך בעט אייך.

פ ע ר ל

גייט איבער צום קינד און באַהאַלט געבן אים איר קאָפּ

ס ע נ ד ע ר

איר פאַרשטייט דאָך מיך. איר ווייסט אַלץ. און אויב איך באַגיי אַ זינד — ווייסט גאָט אין הימל, אַז איך בין נישט שולדיק.

פּ ע ר ל

הייבט אויף איר קאָפּ און קוקט אים שטום אָן

ס ע נ ד ע ר

זעצט זיך נעבן איר

איך בין געזונט און שטאַרק. איר זענט געזונט און שיין. אָט באַקוקט מיינע הענט. שטאַרקע הענט, און אַזוי עלנט בין איך. דורך טרערן איך בין עלנט, ווי איר, ווי אייער קינד. האָט אויף אים רחמנות און...

זיין קאָפּ פאַלט אויף איר ברוסט

פּ ע ר ל

הילפלאָז. ווערט זיך נישט. קוקט זיך אַרום פאַרווירט, ווי פון די שטומע ווענט וואָלט זי הילף זוכן. זי הויבט אָן פלוצלינג וויינען אויפן הויכן קול

ס ע נ ד ע ר

ניין, טוט עס נישט. כ׳בעט אייך, פּערל, הערט אויף. ס׳איז איבער מיינע כחות.

ער קושט איר אויפן קאָפּ. זי ווערט זיך נישט

פּ ע ר ל

כליפּעט

עלנט און פון גאָט פאַרשאָלטן...

ס ע נ ד ע ר

ניין, איר זענט נישט פאַרשאָלטן. איך בין עלנט, אָבער נישט איר.

ער קושט לאַנג אירע הענט. זי ווערט זיך נישט

אין דער צייט הויבן זיך אָן צו הערן שוואַכע טריט הינטער דער טיר. ביידע גלייכן זיך אויס, אויפן בעט זיצנדיק, און קוקן צום טיר, ווי עפּעס אומהיימלעכעס וואָלטן זיי דערוואַרטן. די טיר עפנט זיך, און ס׳באַווייזט זיך מלכּה. איר יונג פּנים איז האַלב טויט. די האָר אין אומאָרדנונג, אַ טוך אויף די אַקסלען, און אויף די פיס שטעק־שיך. זי בלייבט אויפן שוועל מיד, אָנגעשפּאַרט אָן בײַשטידל. זי קוקט שטום צו סענדערן און פּערלען, וועלכע בלייבן אַ ווײַלע איינגאַנצן ערשטוינט

פ ע ר ל

לויפט פלוצלינג צום געלעגער, וואו דער אַלטער גדליה שלאָפט, און הויבט אים אָן וועקן

שטייט אויף, שווער, איך האָב מורא!

ג ד ל י ה

האַ, וואָס?

מ ל כ ה

קוים וואָס זי רעדט

האָב קיין מורא נישט, פערל...

ג ד ל י ה

זעצט זיך

וואָס איז דאָ?

פ ע ר ל

גאָטעניו, איך האָב מורא! וועקט מאַטלען מאָטעלע, שטיי אויף...

ס ע נ ד ע ר

מלכה, ווי קומסטו אַהער?...

מ ל כ ה

ביסט נישט שולדיק, פערל... כ׳ווייס.

ס ע נ ד ע ר

איך בין שולדיק, איך.

מ ל כ ה

דו אויך נישט. איר מעגט. כ׳ווייס, איר ווילט לעבן... איר מעגט...

ג ד ל י ה

קריכט אַראָפּ פון געלעגער, רייבט די אויגן

ווער איז עס? מלכה? ביסט שוין געזונט געוואָרן?

פ ער ל

זייט מיר מוחל, מלכה. איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז איך

בין נישט שולדיק. אָט, זעט, אויף מיר איז דער מאַנטל, וואָס עוזר האָט נאָך געניײט. מײן האַרץ איז רײן.

מלכה

כ׳ווײס... כ׳ווײס... נישט ווײן, כ׳ווײס...

סענדער

גײט צו מלכהן, ער נעמט זי אַרום און דריקט איר קאָפּ צו זײן ברוסט. ווײל זי פון שוועל צוגעמען

מלכה

שטרעקט אויס אירע הענט, ווי זי וואָלט אים וועלן פעסט אַרומנעמען. אירע כוחות פאַרלאָזן זי אָבער. אירע פיס ברעכן זיך אונטער, און זי הויבט זיך אָן אַראָפּלאָזן אויף דער ערד

סענדער

מלכה...

פּערל

פאַלט צו אירע פיס

זײט מיר מוחל!... מאַטעלע, קום צו מיר... האָט רחמנות אויף מײן קינד!

סענדער

לײגט מלכהן אויפן געלעגער

גדליה

גײט צו, באַטראַכט זי

איך וועל גײן מענטשן רופן.

סענדדער

נעמט מאַטעלען אויפן האַנט און הויבט אָן ווײנען אויפן הויכן קול

פּערל

גראָבט אײן איר קאָפּ אויפן טויטנס געלעגער. איר גאַנצער קערפּער ציטערט פון געוויין.

קברים בלומען

פערזאָנען:

אלחנן

נעמי

בעלאַ, עלטערע טאָכטער

רבקה, יונגערע טאָכטער

נחמיה

אַ גרויסער צימער, שיין געמעבלירט. לינקס צוויי פענסטער, קוקן אַריין אין אַ גאָרטן. נעבן זיי אַ זאָפע. אַנטקעגן אַ טיר אין אַ צווייטן צימער.

פארנאכט

באַלאַ

ליגט אויף דער זאָפע, קוקט זיך אום יעדער ווײַלע אומרויק

נעמי

עפנט די טיר, קומט אַריין

באַלאַ

שפרינגט אויף דערשראָקן

ווער איז עס?! דאָס ביסטו מאַמע?

נעמי

ווידער אַליין: וואָס בלײַבסטו רק אַליין אין שטוב?...

באַלאַ

כ׳האָב זיך אַזוי דערשראָקן.

נעמי

אָבער וואָס בלײַבסטו רק אַליין? וואו איז רבקה?

באַלאַ

איך בין נישט אַליין: איך בין נישט אַליין. באַווייזט צו דער טיר אַנטקעגן איך הער זיך צו צו יעדער טריט אין יענעם צי-מער... ווען איך הער נאָר זײַנע טריט, שפּיר איך זיך שוין נישט אַליין.

נעמי

פאַרזאָרגט

דער זיידע איז דאָרט?

באַלאַ

דער זיידע איז דאָרט. איך הער, ווי זיכער און שטאָלץ איז

זיין טריט, ער שפּירט גאָרנישט, וואָס אַרום אים איז.

נ ע מ י

טאָכטער מיינע, נישט מאַך מיר גרעסער דעם טרויער מיינעם. געווג האָט מיך שוין דער, וואָס אין הימל, באַשטראָפט. איך האָב שוין נישט קיין טרערן צו באַוויינען דאָס אומגליק.

ב ע ל אַ

וואו איז רבקה? וואָס זעט מען זי נישט דעם גאַנצן טאָג? זי גייט אום אַליין הינטערן שטאָט. ס'איז שוין באַלד נאַכט — און זי איז נאָך נישטאָ.

נ ע מ י

פאַר איר שרעקט מיר גאָר דאָס האַרץ. ביינאַכט האָב איך געהערט, ווי זי האָט געלאַכט פון שלאָף — אָבער שטאַרק געלאַכט, כ'האָב זיך דערשראָקן.

ב ע ל אַ

קוקט זיך ארום צעשטרייט

ביינאַכט האָט זי געלאַכט. זי לאַכט שטענדיק. איר פּנים לאַכט אַליין. אירע אויגן לאַכן אויך.

נ ע מ י

קום, טאָכטער מיינע, אין גאָרטן. וועסט זיך אַביסל אָפּפרישן.

ב ע ל אַ

נחמיה איז גאָר היינט נישט געווען? האָסט אים גאָרנישט... נחמיה איז... זעץ זיך נעבנטער צו מיר, מאַמע, כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט קומען. עס שוועבט וואָס אַרום אין אַלע ווינקעלעך. ווען איך גיי אַרום, ווען איך ליג און האַלט אַפילו פעסט פאַרמאַכט די אויגן, זע איך שטענדיק איינס. דער זיידע גייט זיכער אום, און נאָך אים שפּאַצירט נאָך עפּעס איינער מיט טויזנ־טער אויגן, און זיינע גלידער קנאַקן אַ ביין אין אַ ביין.

נ ע מ י

וואָס איז מיט דיר, טאָכטער מיינע?! וואָס זעסטו

ב ע ל אַ

מיר דאַכט זיך, אַז יעדע נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אַ גרויסער, שוואַרצער פֿליגל איבער אונזער שטוב... איך זע יעדע נאַכט... מאַמע! וואו איז מיין שוועסטער? פֿאַרוואָס האָסטו מיין שוועסטער רויקייט געשענקט?

נ ע מ י

אונטער איין האַרצן האָב איך אייך ביידן אויסגעטראָגן: פֿון איין מילך האָט איר ביידע געזויגן... קום, מיין קינד.

ב ע ל אַ

איך קאָן דעם זיידן אַליין נישט לאָזן.

נ ע מ י

קום מיט מיר.

גייען אַרויס

נ ח מ י ה

קומט אַריין. קלאַפּט אין טיר אַנטקעגן

א ל ח נ ן

עפֿנט די טיר

ווער קלאַפּט עס? אַך, נחמיה! איר זענט עס. כ׳האָב שוין היינט געטראַכט וועגן אייך. איז גאָר קיינער אין שטוב נישט געוועזן? איך האָב געמיינט, אַז רבקה איז אין שטוב. כ׳האָב געמיינט, אַז זי שטייט הינטער דער טיר און הערט זיך צו... אַלץ גייט איבער בירושה: קינדווייז פֿלעג איך האַלטן האָבן שטיין הינטער דער טיר און צוהערן זיך וואָס מען רעדט... איז גאָר קיינער נישטאָ?

נ ח מ י ה

פון וויטן, דאַכט מיר, האָב איך געזען בעלאַן מיט איר מוּ-טער. זיי זענען אין גאָרטן געגאַנגען.

א ל ח נ ן

זייער גוט. איך היט זיך פון זיי. ווייבער מאַכן דעם טרויער נאָך גרעסער. זיי האָבן מיר מיין קאָפּ מיט טרערן נאַס גע-מאַכט. — וואו איז רבקה?

נ ח מ י ה

איך האָב זי נישט געזען.

א ל ח נ ן

דאָס איז נאָך דער איינציקער קוואַל פון אונזער לעבן. קלאַפּט נחמיהן איבערן פּלייצע נו, דערציילט מיר וואָס!

נ ח מ י ה

וואָס קאָן איך אַזוינס דערציילן, אַז ס׳זאָל זיין פּאַסנד פאַר אייך?

א ל ח נ ן

אַלץ איז פּאַסנד פאַר מיר... כ׳האָב אַלץ אין מיין לעבן איבערגעלעבט. נאָר שווער איז צו טראָגן יוגנט אין קבר אַריין... זעצט זיך אויפן דיוואַן, קלערט א ווײַלע יאָ, איר זענט נאָך יונג — זאָגט מיר, וואָס פילט אַ יונג האַרץ?

נ ח מ י ה

עס האָפט, עס לעבט — אויב האָפנונג און לעבן איז אין דעם פאַראַן.

א ל ח נ ן

אויב לעבן איז אין דעם פאַראַן. מהום... אין מיין שטוּב איז געשען אַ גאַנץ געווײנלעכע זאַך: מיין זון איז ביי מיר געשטאָרבן. ס׳האָט געמוזט אַזוי זיין: נאָר הינטער אַרום האָט

זיך ווער אין מיין שטוב אַריינגעגנבעט. נישט גאַנץ רויק איז דאָ אַרום. יאָ, נחמיה, שווער צו טראָגן מיט זיך סודות אין קבר אַריין.

נחמיה

רבקה איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען?

אלחנן

די פעלדער זענען שוין אָפּגעשניטן, יאָ? די גאַרבן אויך אַראָפּגעפירט? עס גיסן רעגנס, און די פעלדער מוזן שוין געוויס זיין שוואַרץ. שוואַרץ געוואָרן. געוויס האָבן געמוזט בלייבן גאַרבן אונטערן רעגן. שטייען שוואַרץ. וועלן שוין צעפוילט ווערן.

נחמיה

עס גייט גאָר קיין רעגן נישט. היינט איז זייער שיין.

אלחנן

צווישן די שוואַרצע פעלדער קריכן אַרום שוואַרצע קראָען און שרייען.

נחמיה

איך האָב ליב צו זיין אין פעלד אין אַ הייסן זומערטאָג. די שניטער און שניטערינס קלויבן זיך צונויף אין איין בינטל און זינגען, און שטיפן.

אלחנן

ווער קלאַפּט עס אין מיין וואַנט!? מען קלאַפּט... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, נחמיה?

נחמיה

איך קוק, ווי עס שפּילט נאָך די יוגנט אין אייערע אויגן.

אלחנן

זיין קול ציטערט

שטיל און רויק בין איך ביי מיין מאַמען אין שויס געזעסן: געלייגט מיין קאָפּ אויף איר האַרץ. פון אָפענעם פענסטער האָט אַ ווינט געטראָגן און געגלעט מיין געזיכט. יאָ, דאָס האָט דער שטורם-ווינט זיין יונגערן ברודער צו מיר געשיקט. דאָס האַרץ מיינס האָט געציטערט. שטאַרק געציטערט. יאָ, נחמיה. איך האָב געהערט, אַז איר רעכנט אין וועג אַריין זיך לאָזן?

נחמיה

ס'ווילט זיך נישט שלאָפן דעם גאַנצן לעבן אויף דעם אָרט, וואו מיין קבר דאַרף זיין. אַ מענטש דאַרף יעדן טאָג אויף דאָס ביי געבוירן ווערן?

אלחנן

אַ שטורם האָט זיך אין מיין שטוב אַריינגעריסן. ס'ברעכט זיך, ס'ברעכט זיך אַלץ, וואָס ס'איז פאַרפלאַנצט געוועז... — ס'קלייבט זיך נישט אויף אַ רעגן?

נחמיה

די זון שיינט.

אלחנן

וואָס, דו זאָגסט עפּעס?

נחמיה

איך זאָג, אַז איר זענט נאָך מונטער און פריש, ווי אין דער יוגנט.

אלחנן

מערקווירדיק! מיינע מיטעלע יאָרן זענען פון מיר אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן און קינדערשע נאַרישקייטן שווימען פאַר מיר אַרויס. איך בין קינדווייז אַ בעל-פּחדן געוועזן. אונזער שטוב איז אויף אַ הויכן אָרט געשטאַנען, ס'פלעגט זיך זען

די גאַנצע געגנט אַרום. דער טייך, וואָס איז נישט ווייט דורכגעגאַנגען, האָט זיך יעדע וויעסנע צעגאָסן, און די גאַנצע געגנט איז געשטאַנען אין וואַסער. און שוואַרצע, אָן בלעטער, פלעגן שטיין די ביימער ביז העלפט אין וואַסער, און פאָכען מיט די נאַקעטע צווייגן... האָב איך מורא געהאַט ביינאַכט אַליין צו שלאָפן. מיר פלעגט זיך אויסדאַכטן, אַז די ביימער הויבן זיך אָן ביינאַכט צו באַוועגן און וואַנדערן אום איבער די בלאָטעס... ס׳ווערט פינסטער. כ׳וועל מיינע קינדער גיין זוכן. קינדער מיינע, קינדער מיינע! וואָס האָט איר מיך אי־בערגעלאָזן?

נחמיה

איר זענט נישט אַליין.

אלחנן

כ׳האָב זיך גאָר פאַרפלוידערט. כ׳האָב זיך גאָר פאַרפלוידערט. איך וועל גיין צו מיינע קינדער.

גייט אַרויס פון שטוב

נחמיה

בלייבט אַליין זיצן אויפן זאָפע

רבקה

קומט אַריין, וואַרפט זיך נחמיהן אויפן האַלז

ביסט דאָ! זאָג, וואָס האָסטו זיך אַזוי געשפעטיקט? כ׳האָב שוין קיין כּח נישט געהאַט צו וואַרטן אויף דיר, איך וויל לעבן — און דאָ — אמתע טויט־שרעק. קיינער נישטאָ?

נחמיה

כ׳האָב מיטן אַלטן פאַרבראַכט. זיינע אויגן בלאָנדזשען אַרום דערשראָקן.

רבקה

בעלאַ איז אויך נישטאָ?

נחמיה

נישטאָ.

רבקה

זי ווייס גאָרנישט, אַז דו ביסט דאָ?

נחמיה

זיי מוזן אַלע אין גאָרטן זיין.

רבקה

דער זיידע איז אויך נישטאָ?

נחמיה

נישטאָ.

רבקה

און די מוטער?

נחמיה

זי מוז היטן בעלאַן, זי זאָל זיך נישט שרעקן.

רבקה

שיט אויס פון שירץ אַ באַרג פאַרשידענע בלומען

זע, וואָס בלומען איך האָב געבראַכט! איך בין הינטערן שטאָט געווען. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט שוין דאָ. כ'האָב זיי אַלע פאַר דיר געריסן. די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט אַן אויג פאַרמאַכן. כ'האָב זיך קוים ביז פרימאָרגן דערוואַרט. איך זאָל קאָנען פאַר דיר פרישע בלומען קלייבן. די מוטער האָט מיך נישט געלאָזט גיין, איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט — זע, ווי שיין דאָס איז!

נחמיה

וויִז, איך וועל דיר זיי אין דיינע לאָקן איינפלעכטן.

רבקה

כ'האָב מורא פאַר דער שוועסטער. זי וועט זען ביי מיר בלו-

מען אויפן קאָפּ. זי וועט פֿאַרשטיין, אַז כ׳האָב זיי אויפן בית-עולם צווישן די קברים געריסן... הערסט, נחמיה, וואָס ביינאַכט איז געווען? די מאַמע האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פֿון שלאָף. איך האָב געדרעמלט, נאָר די אויגן זענען בײַ מיר געווען אָפֿן. אײַנגאַנצן אָפֿן. און איך הער: עס עפֿנט זיך די טיר, און דערנאָך שטילע, גאָר שטילע טריט, קינדערשע טריט. און איך זע, מײַן פּופּע, וואָס כ׳פֿלעג זיך מיט איר שטענדיק שפּילן, גייט אום איבערן שטוב. אָבער אַזוי שיין! די בלאָנדע לאָקן אירע צעוואָרפֿן אויפֿן שטערן. כ׳האָב זיך שטאַרק צעלאַכט, — אָבער שטאַרק צעלאַכט!

ר ב ק ה

וואָס האָסטו געלאַכט?

ר ב ק ה

ס׳האָט ווי אַ קליין מלאך אויסגעזען. כ׳האָב אויסגעצויגן די הענט און געוואָלט עס אַ כאַפּ טאָן און אויפן געלעגער אַרויפֿנעמען. און כ׳האָב זיך פֿאַר מײַן אייגענער נאָז געכאַפּט, כ׳האָב אַזוי־פֿיל געלאַכט, אַז כ׳האָב שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, איצטער ביסטו דאָ — אָט האָסטו דיר!

שיט אים אָן מיט בלומען

נ ח מ י ה

וואו האָסטו זיי געריסן?

ר ב ק ה

כ׳זאָג דאָך דיר, אַז כ׳האָב זיי אויפן בית עולם געריסן. כ׳האָב מורא: זיי קאָנען זיך נאָך אין שטוב דערוויסן, אַז כ׳האָב זיי אויפן בית-עולם געריסן.

נ ח מ י ה

גייסט אויך אויפן בית-עולם?

רבקה

נאַרעלע! איך קלייב דאָרט נאָר די בלומען. די שענסטע בלומען וואַקסן אויפן בית-עולם. זאָג מיר, נחמיה, ווער פאַרזייט עס דאָרט אַזויפיל בלומען?

נחמיה

דאָס זענען שיינע געדאַנקען, וואָס מען האָט דאָרט לעבעדיקערהייט באַגראָבן — איז פון זיי שיינע בלומען אויסגעוואַקסן.

רבקה

אָך, ווי וואונדערלעך! כ'האָב עס גאָר קיינמאָל נישט געוואוסט. קושט אים אַלץ דערציילסטו מיר, אַלץ דערציילסטו מיר...
רויזן רויטע וואַקסן דאָרט אויך.

נחמיה

און גאַנצע בלומען-שטרויסן האָסטו געזען?

רבקה

ניין.

נחמיה

אויף אַן אַנדער אָרט וואַקסט אויס אַ גרויסער שטרויס מיט אַלערליי בלומען.

רבקה

כ'האָב עס יאָ געזען — און אפשר האָב איך עס נישט געזען — וואָס באַדייט עס?

נחמיה

דאָס איז אַ צייכן, אַז אויף יענעם אָרט האָט מען באַגראָבן אַ האַרץ, וואָס איז פול מיט ליבע געווען, מיט לעבן געשאָסן — איז אויף דעם אָרט אַ שטרויס בלומען אויסגעוואַקסן.

ר ב ק ה

פאַרוואונדערט

קאָן מען אַ לעבעדיק האַרץ אויך באַגראָבן?

נ ח מ י ה

יאָ, עס טרעפט.

ר ב ק ה

פאַרטראַכט זיך

אַך, מיין שוועסטער מוז אויך קיין האַרץ נישט האָבן. גע-שטאָרבן איר האַרץ. שוואַרצע פליגל — זאָגט זי, הענגען איבערן שטוב.

נ ח מ י ה

דו פלוידערסט אויך?

ר ב ק ה

ווען איך וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ געדאַנק עס ליגט אין יעדן בלימעלע. זאָג, נחמיה, וואָס קאָן איצטער טראַכטן אָט דאָס בלויע בלימל? שיט נחמיהן אָפּ מיט בלומען אָט האָב איך דיך מיט שיינע געדאַנקען אָפּגעשאָטן.

נ ח מ י ה

גיב, איך וועל אין דיינע אויגן קוקן און דיר אַ מעשה דער-ציילן.

ר ב ק ה

וועסט עס פון מיינע אויגן לעזן?

נ ח מ י ה

איך וועל זי פון דיין האַרץ שעפּן.

ר ב ק ה

קיינער איז נישטאָ?

נחמיה

קיינער איז נישטאָ!

רבקה

און טאָמער וועט ווער קומען?

נחמיה

ווער קאן קומען?

רבקה

נו, איך וועל שוין מער נישט פרעגן.

ס'ווערט פינסטערער

נחמיה

לייגט זיין קאָפּ אויף איר אקסל

רבקה

זע, מיר זיצן אין בלומען.

נחמיה

דו האָסט עס זיי געבראַכט.

רבקה

אויפן בית־עולם געריסן.

נחמיה

געדאַנקען געריסן. הייליק איז דאָס, וואָס ווערט אומשולדיק געטאָן.

רבקה

וועסט מיר דערציילן?

נחמיה

עפן ברייט דיינע אויגן.

רבקה

גיב מיר דיין קאָפּ.

נחמיה

איז דיר ווייניק מיין האַרץ?

רבקה

לאַכסט?

נחמיה

ווייט, גאָר ווייט — דאָרט, וואו דער הימל לאָזט זיך איינגאַנצן אַראָפּ, דאָרט, וואו די שטראַלן פון אונזער זון קומען גאָרנישט צו, איז פאַראַן דאָס לאַנד פון ליבע און גלויבן.

רבקה

איז דאָרט פינסטער?

נחמיה

און דאָ איז פינסטער?

רבקה

ביי אונז אין שטוב?

נחמיה

יאָ.

רבקה

נו, כ'וועל שוין מער נישט פרעגן.

נחמיה

און יענע מענטשן האָט גאָר אַן אַנדער גאָט באַשאַפן — ליבע און גלויבן זענען דאָרט די מושלים. אָנשטאָט אַ האַרץ האָט דאָרט יענער גאָט די מענטשן אַ זון געגעבן, וואָס שיט ליבע, גלויבן אויף אַלע וועגן, אויף אַלע שטעגן, וואו נאָר דער מענטש זאָל אַ פוס נישט שטעלן. יענער גאָט האָט דאָרט ביי די מענטשן אין די אויגן איינגעפאַסט פלאַמען הייסע, ווי די ליבע אַליין. און די זונענהערצער בלאָנדזשען אום אין דעם שיינעם לאַנד. און ווען דורך ליבע און הייסן גלויבן פרעסן,

שליסן זיך ברוסט צו ברוסט און האַרץ צו האַרץ, ווערט ערשט דאָרטן דאָפּלט ליכטיק. עס שימערט, עס פינקלט דער גאַנצער געגנט אַרום. שטראַלן שיסן אויף טויזנטער מייַלן. און די מענטשן פאַרשטייען דאַמאָלסט דאָרט, אַז דאָס האָט אַ האַרץ אַ האַרץ געפונען. און עס טרעפט, אַז די שטראַלן שלאָגן דורך דעם האַרטן הימל, זיי רייסן דורך די שווערע וואָלקן און טראָגן זיך אין דער לופטן, ווי הייסע פייַלן...

ר ב ק ה

פאַלן זיי אַמאָל צו אונז אויף דער ערד אויך אַראָפּ?

נ ח מ י ה

עס טרעפט.

שטיל

ר ב ק ה

איך וויל אין דיינע אויגן קוקן.

נ ח מ י ה

ווילסט וואָס פון מיין האַרץ שעפּן?

ר ב ק ה

איך וויל דיר וואָס דערציילן.

נ ח מ י ה

פון ליבע און גלויבן?

ר ב ק ה

אָט וועל איך באַלד באַטראַכטן... — גוט? אַמאָל איז געווען אַ שטאָט. ניין — אַ דאָרף איז עס גאָר געווען! און נעבן דאָרף אַ הויכער באַרג, און נעבן באַרג אַ טיפער טאָל — גאָר אַ טיפער טאָל! נישט קיין מענטש און נישט קיין פויגל האָבן געוואוסט פון יענעם טאָל... ניין, פייגל האָבן יאָ געוואוסט! און פון הויכן באַרג האָט אַ קוואַל געשאָסן און פלעגט אין

טאָל זיך אַראָפּקלױבן. און פֿון טאָל פֿלעגט זיך דאָס טײַכל שטיל אַרױסשלענגלען און לױפֿן װײַט װײַט, אַזש ביז דעם װעג אין דאָרף אַרײַן. אַמאָל, בײַנאַכט, איז דורכגעפֿלױגן אַ מלאך אין לופֿטן, און ער איז געװען באַהאָנגען מיט קלײנע רײנע נשמהלעך פֿון קלײנע רײנע קינדערלעך. דאָס האָט ער זײ אױפֿגעקליבן פֿון אַלע, אַלע װיגעלעך. געטראָגן האָט ער זײ אין בלױען הימל אַרײַן אױף איבערנאַכט. און װען דער מלאך איז געװען איבער יענעם שטילן טאָל, זענען צװײ קלײנינקע פֿאַרשלאָפֿענע נשמהלעך פֿון דעם מלאכס פֿליגעלעך אַראָפּגעפֿאַלן גלײַך, גלײַך אין טאָל אַרײַן. און דער מלאך האָט עס גאָרנישט געשפּירט: ער איז גלײַך צום הימל אַװעקגעפֿלױגן און אין טאָל בײַם טײַכל זענען געװאַקסן צװײ װײַסע, שנײ־װײַסע, שלאַנקע ליליען. זענען די צװײ נשמהלעך אין די בעכער פֿון די צװײ ליליען אַרײַנגעפֿאַלן. די נאַכט האָט זײ פֿאַרשלעפֿערט. באַגינען, װען די זון איז אױפֿגעגאַנגען, איז אױף זײ שטראַלן־ליכט געפֿאַלן און זײ האָבן אױפֿגעװאַכט. און אײן נשמה האָט נישט װײַט פֿון זיך אַ צװײטע דערשפּירט. און װען ס׳איז געװאָרן אַ װינטל האָט זיך געבױגן אײן ליליע צו דער צװײטער און אײן נשמה האָט די צװײטע געקושט.

שטיל

נחמיה

גיב מיר דײַנע אױגן.

רבקה

װעסט מיר װאָס דערצײלן?

נחמיה

איך װיל אין זײ יענעם טאָל געפֿינען.

ר ב ק ה
אָ'ן די צוויי נשמהלעך?
נ ח מ י ה
יענעם פרישן קוואַל.
ר ב ק ה
גיב מיר דײנע אויגן.
נ ח מ י ה
דו ווילסט וואָס דערציילן?
ר ב ק ה
איך וויל יענץ לאַנד געפינען.
נ ח מ י ה
ווילסט דאָרט יענע מענטשן זען?
ר ב ק ה
איך וויל דאָרט יענע הערצער געפינען... ש־ש־ש! מען גייט!
נ ח מ י ה
זיי לאָזן זיך שוין מיטן טרויער זייערן.
ר ב ק ה
בעלאַס קול הער איך, דאָס איז זי.
נ ח מ י ה
לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען.
נ ח מ י ה
לאָמיר דורכן פענסטער אַרויסקריכן.
ר ב ק ה
לאָמיר אַרויסגיין דורכן פענסטער, אין גאָרטן אַרײן. מיר וועלן זיך צווישן די געדיכטע עפּלביימער באַהאַלטן. נעם די בלומען מיט.

נ ח מ י ה

קום, מיר וועלן דאָרט פרישע בלומען רייסן.

קריכן אַרויס דורכן פענסטער

א ל ח נ ן

קומט אַריין

נחמיה! נחמיה! ער איז נישטאָ?

ב ע ל אַ

קומט אַריין. וואַרפט זיך דעם אַלטן אין די אָרעמס

זיידע! זיידע! באַשיץ מיך. שוואַרצע פליגל לאָזן זיך אַראָפּ איבער אונזער שטוב. איך האָב אים געזען נעבן אונזער שטוב... ער גייט אום און זיינע גלידער קנאַקן אַ ביין אין אַ ביין. זיידע, וואָס שווייגסטו? זאָג כאָטש איין וואָרט. איך שטאַרב פון שרעק.

א ל ח נ ן

שעפּטשעט

מען קלאַפּט.

ב ע ל אַ

רבקה! וואו איז רבקה? ווער האָט דאָ בלומען געבראַכט?

א ל ח נ ן

ס׳ברעכט זיך מיין האַרץ, אַלץ ברעכט זיך דאָרטן. דער שטורם האָט יך אַהין אַריינגעריסן. ווער קלאַפּט עס אין מיינע ווענט?

ב ע ל אַ

טוליעט זיך צום אַלטן אין שרעק

אָט גייט ער... אָט גייט ער...

ס׳ווערט פינסטער. זיי בלייבן ביידע שטיין געאָרעמט. ציטערן פון שרעק

דורכן אָפּענעם פענסטער טראָגט זיך פון גאָרטן נחמיהס און רבקהס געזאַנג, זיי זינ־
גען אין צוויי שטימען:

עס שלאָגט פון באַרג אַ זילבער־קוואַל
פאַר—פלייצט דעם טאָל, פאַר—פלייצט דעם טאָל,
פאַר—פלייצט דעם טאָל!
וועלטן שיינע באַ—גראָבט דער מענטש
מיט זיי—נע הענט, מיט זיי—נע הענט,
מיט זיי—נע הענט!...

פראָסט-בלומען

שלום-עליכם ז״ל

זיין ליכטיקן אָנדענק

פּערזאָנען:

מאיר חיים,

חנה

עטל, זייער טאָכטער

באָבע פּערל, מאיר חיימס מאַמע

ווינטער אַ שטוב. אַליין ביים וועג. שבת-צונאַכטס. יידישלעך,
דאָרפיש שיין אויפגערוימט.

עטיל

האַלט הויך די אָנגעצונדענע הבדלה. שפּיגלט זיך אין דעם הבדלה-פלאַם

מאיר חיים

דערלאַנגט דעם אָפּגעטרונקענעם הבדלה-כּוס צו הנהן, וואָס האָט מיט אַ פרום
פּנים זיך צוגעהערט צו דער הבדלה

חנה

טרינקט אָפּ אַביסעלע און דערלאַנגט דעם כּוס דער אַלטער. די אַלטע איז
כּמעט בלינד. דערלאַנגט זי איר דעם כּוס צום סאַמע מויל, זאָגנדיק דערביי:

זייט-זשע מוחל, שוויגער, פּאַמעלעך, איר וועט אויסגיסן.

פּערל

דער ווייַן איז געשטאַנען אין קעמערל. גאָר קאַלט.

עטל

אַ פראָסט און שניי דרויסן.

מאיר חיים

מירן זען, וואָס דער ווינטער וועט זאָגן.

חנה

גאָט האָט געהאָלפן פאַראַיאָרן און ער וועט אונז דאָס מאָל
נישט פאַרלאָזן.

מאיר חיים

דו ברענסט אומזיסט אויס די הבדלה, עטעלע.

עטל

ס'פלאַקערט אַזוי שיין.

פּערל

אוי ווי איז מיר...

עטל

וואָס זיפצסטו, באָבע?

פערל

חלילה, ווער זיפצט?

מאיר חיים

זיי־זשע מוחל, מאַמע, דו האָסט אָנגעטראָטן אויף שמות; הייב אויף די פיס, זיי־זשע מוחל.

פערל

אָט אַזוי, אַז מען זעט נישט, ווי צו די זינדיקע טעג און יאָרן. מסתמא פון סידור אַ בלעטל אַרויסגעפאַלן.

חנה

זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט, ווי דער שבת איז אַוועק.

עטל

וואָס ט'מען איצטער טאָן?

חנה

זיך נעמען פאַר דער וואָך, מיין קינד. מען באַדאַרף אָנלייגן אַ פייער און עפּעס צושטעלן, מיין קינד.

פערל

גייט אַ שניי דרויסן?

חנה

וואָס איז דער חילוק? ווינטער. ווער, מאיר חיים, אָנצינדן די לאמטערנע און גיין מיט מיר אין שטאַל אַריין, אפשר וועט זיך נאָך אָנטשירקען אַביסל מילך.

פערל

געדאַרפט שוין פאַרלאָזן די בהמה. מען וועט שוין איבערקו־מען ווי ס'איז ביזן קעלבן.

חנה

כ׳וועל זען, אפשר. מען באַדאַרף גלאַט אַזוי אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך אין שטאַל.

מאיר חיים

צינדט אן א לאמטערנע

עטל

נעם מיט, מאַמע, אַביסל זאַלץ, וועסטו איר אַריינשיטן אין צעבער אַריין. כ׳האָב פאַרנאַכט געזען, אַז זי האָט איבערגעלאָזן.

מאיר חיים און חנה גייען ארויס

עטל

אָט וועל איך טאַקע איינהייצן אין אויוון און וועל עס צו-שטעלן אַ טאָפּ וואַסער און דער פראָסט וועט עס באַלד נעמען קריכן פון פענסטער.

פערל

קריכט דער פראָסט אויפן פענסטער?

עטל

זיצט ווי אַ געשמידטער.

פערל

און איך, נאַר, האָב מיר די אויגן בלינד געמאַכט. אַז דער פראָסט פלעגט נעמען קלעטערן אויף די שויבן, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּקוקן פון זיינע קווייטן. פונקט אַזעלכע קווייטן האָב איך אויסגענייט אויף מיינע חתונה-ציכלעך און אויף די האַנטוכער.

עטל

צעבלאָזנדיק דאס פייער אין אויוון

נו, זענען זיי אַרויסגעקומען פונקט?

פּערל

זאָל עס פאַרפעלן אַ האָר. אפשר צוליב דעם בלינד געוואָרן. דער זיידע מיינער, זאָל זיין אין גן עדן, האָט זיך געבייזערט, געזאָגט, אַז מען טאָר עס נישט טאָן. געזאָגט, אַז כ'וועל נאך בלינד ווערן — האָב איך מיך פון אים אויסבאַהאַלטן... ווער ווייסט, אפשר איז ער טאַקע געווען גערעכט.

עטל

אַז מען באַדאַרף ווערן בלינד, ווערט מען. אפשר אין דיינע יאָרן וועל איך אויך ווערן בלינד.

פּערל

זאָל שוין גאָט בעסער אויסהיטן.

עטל

באַלד וועט עס ווערן וואַרעם אין שטוב!

פּערל

פאַראַיאָרן, דאַכט זיך, האָב איך יאָ עפּעס געזען און איצטער ווי אַ וואַנט האָט זיך פאַר די אויגן אַראָפּגעלאָזן.

עטל

אַ שוואַרצע וואַנט?

פּערל

אַ פינסטערע... פאַראַיאָרן איז נאָך גאָר אַזוי די קעלט נישט צוגעקומען צום לייב, און איצטער איז מיר נאָר די וואַרעמקייט נישט גיחא.

עטל

באָבע, אַז דו ביסט געווען אַ מיידל האָסטו אויך געגאַנגען ווינטער באָרוועס אויפן שניי?

פּערל

גאַנצע טעג.

עטל

רוק זיך צו נענטער צום פייער, אָט אַזוי. אַ שאָד, באָבע, וואָס דו זעסט נישט. וואָלסט זען ווי גרויס איך בין אויסגעוואַקסן פאַרן יאָר. אָט שטעל זיך, וועסטו זען.

די אַלטע שטעלט זיך אויף, מעסטן זיך צו. די אַלטע טאַפּט עטלס קאָפּ

פערל

אַזוי איז דער ווילן פון דעם, וואָס לעבט אייביק... שוין אפשר מיט אַ קאָפּ העכער פון דער באָבען. געראָטן געוועזן אין דיר, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

עטל

נעכטן שטיי איך אַזוי ביים שטוב באַרוועסערהייט, איז דורכגעפאָרן אַ גוי אין אַ שליטן; קוקט ער זיך אַזוי איין אויף מיר און לאַכט זיך פאַנאַנדער. פרעג איך אים וואָס ער לאַכט? זאָגט ער מיר, אַז שוין צייט פאַר מיר חתונה צו האָבן. פרעג איך אים, פון וואַנען ווייסט ער עס? זאָגט ער: ער זעט, ווי דער שניי צעגייט אונטער מיינע פיס... כי-כאַ-כאַ...

פערל

בויג זיך אַראָפּ וועל איך דיך אָפּבלאָזן.

בלאָזט אָפּ עטלען און קושט זי איןביידע באַקן

עטל

אָנוואַרעמען דיר עפּעס צו עסן?

פערל

שטעל צו וואַסער, אפשר וועט מען פאַרשיטן אַ גרויפּ.

עטל

איך וועל גאָר אַריינשטעלן אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל.

פאַרנעמט זיך מיט דער אַרבעט

פ ע ר ל

זיי זאַמען זיך אַזוי לאַנג אין שטאַל? אפשר וואָלסטו גיין אַ קוק טאָן?

ע ט ל

אָט באַלד גיי איך, באָבע.

פ ע ר ל

וועסט מיר העלפן אַרויפקריכן אויפן אויוון, דאָרט איז וואַרעמער.

ע ט ל

בעסער זיץ דאָ. אפשר וועט די מאַמע אַריינברענגען מילך; די קו וועט צולאָזן, וועל איך פאַר דיר אָפּבריען.

פ ע ר ל

ס'ציט מיך אַזוי דער שלאָף... כ'וועל גיין אויפן אויוון.

לאָזט זיך צום אַנדערן חדר

ע ט ל

דרויסן מוז זיין גאָר קאַלט איצטער.

פ ע ר ל

זאָלסט זיך אַרומוויקלען מיט דער פאַטשיילע.

ע ט ל

פירט די אַלטע ביים האַנט אין אַנדערן חדר אַריין. פון דאָרטן הערט זיך איר שטימע: „אָט אַזוי, באָבע, שטעל אַ פוס אויפן בענקל... האַלט זיך אָן אין מיר... אָט אַזוי, רוק זיך אַרויף ווייטער, דאָרט איז וואַרעמער..." זי קומט אַרויס אַנגעטאָן אין אַ מאַנסבילשן פעלצל, וויקלט זיך נאָך אַרום מיט אַ פאַטשיילע. גייט אַרויס. אין אויוון קנאַקן די העלצער. אַ רויטער שיין קומט אַרויס און צעשפּרייט זיך אויף דר'ערד. עמיצער קלאַפּט שטיל אין פענסטער

פ ע ר ל

מען הערט איר שטימע פון אויוון אַראָפּ, פרעגט:

ווער קלאַפּט עס דאָרט? עטעלע? מאיר חיים?

שטיל. פון אַנדערן חדר קומט אַריין אַ יונג מיידל אויפן דאָרפישן אופן

אויסגעפוצט; טראָגט אַ ליכטיקן לאָמפּ אין האַנט. מיט איר אַריינקומען ווערט ליכ־טיקער אין שטוב. זי איז אַזוי געראָטן אין עטלען; גאַר עפּעס ליכטיקער איז איר פּנים און אויסזען. הענגט אויף דעם לעמפּל אויפן וואַנט. נעמט אַרויס פון איר ראָז און־בלוי געבלומטן שירץ קאַנווע און רויטע גאַרן. זעצט זיך נאָנט צום פענסטער, חויבט אָן אויסצוניִיען און פאַרגלייכט איר אַרבעט צו די בלומען, וואָס דער פראָסט האָט אויסגעהאָפטן אויף די שויבן. זינגט שטיל און זיס:

שנירעלע פּערל, גילדערנע פּאָן,
משיח בן דוד זיצט אויבן־אָן.
אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן.
האָט ער אַ בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַכט ער אַ ברכה איבער גאָר דעם לאַנד.
אמן ואמן, דאָס איז וואָר,
משיח וועט קומען נאָך היינטיקן יאָר...

פון אַנדערן חדר קומט אַרויס אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, זעט אויס ווי איר מוטער. גייט צו און נעמט זי אַרום, און לאַנג און שטיל, אָן ווערטער, באַדעקט זי איר קאָפּ און באַקן מיט הייסע קושן, שעפּטשעט אין דער שטיל מיט אַ ציטע־ריקער שטימע:

קינד מיינס, נחת מיינער... מיך זאָלסטו איבערלעבן... פּערעלע, מיין גאָלד, וואָס באַדאַרפסטו זיך איצטער בלענדן די אויגן?

פּ ע ר ל

כ׳וויל זיי זאָלן זען, ווי שיין איך קען אויסהעפטן

מ ו ט ע ר

ווערסט זיך נאָך, חלילה, פאַרקילן, מיין קינד.

פּ ע ר ל

אפשר איז טאַקע בעסער אַזוי.

מ ו ט ע ר

זאָל שוין גאָט אויסהיטן.

פּ ע ר ל

זאָל איך אפשר אַריינברענגען דעם ווייַן פון קעמערל?

מוטער

מיר גייט נישט אַרויס פון קאָפּ, וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט.

פּערל

וואָס האָב איך געזאָגט? גאָרנישט, איך טראַכט, אַז זיי וועלן אפשר גאָרנישט טרעפן דעם וועג.

מוטער

דער טאַטע איז געפאָרן אַנטקעגן. אונזערע פערד ווייסן שוין דעם וועג... מען באַדאַרף פאַרשפּרייטן אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש.

פּערל

אָט וועל איך עס טאָן.

מוטער

דאַכט מיר, זיי פאָרן.

פּערל

אוי וויי. מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן? מאַמע, גיכער, זאָג מיר, אפשר איז נישט שיין אַזוי: אפשר זאָל איך גאָר אַריינגיין אין קאַמער אַריין? ס'קלאַפּט מיר אַזוי ס'האַרץ... ניין, מען הערט זיי נאָכנישט. אוי, האָב איך זיך עס דערשראָקן?

מוטער

זאָל נאָר דער ווינט נישט פאַרטראָגן דעם וועג. דאַכט מיר, אַז אַ שניי האָט אָנגעהויבן צו שיטן.

פּערל

אודאי וועט עס פאַרטראָגן דעם וועג. איך זאָג דיר, אַז זיי וועלן נישט טרעפן אַהער.

מוטער

אַז איך בין געווען כלה-מיידל, באַדאַרפט דיין טאַטן צום ערשטן מאָל באַגעגענען, איז געווען דרויסן זומער. מען איז

זיי אַרויסגעגאַנגען צופוס באַגעגענען, און אַז זיי האָבן אונז דערזען פון ווייטן, זענען זיי אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן און געגאַנגען צופוס.

פ ע ר ל

פאַרוואָס וואַרטן מיר נישט ביזן זומער?

מ ו ט ע ר

אַז איך בין געווען אַ מיידל האָב איך אַליין נישט געוואוסט, וואָס איך וויל און וואָס מיר פעלט. ווי נאָר כ׳האָב חתונה געהאַט, האָב איך שוין אַלצדינג געהאַט: מזל און ברכה און נחת און קלאָג מיט צרות אַ פולע שיסל.

פ ע ר ל

וועל איך אויך האָבן קלאָג מיט צרות?

מ ו ט ע ר

זאָל שוין בעסער דער וואָס אין הימל אויסהיטן.

פ ע ר ל

שאַ, מען איז געקומען!

מ ו ט ע ר

איך הער אויך, מען איז געקומען...

ס׳קומען אַריין צוויי מענער. איינער אין די מיטעלע יאָרן און דער אַנדערער יונג

פ ע ר ל

אוי, מאַמעלע, זיי זענען דאָך געקומען גאָר אַליין.

מ ו ט ע ר

וואָס איז דער מער, פנחס?

פ נ ח ס

אָט זעסטו, מיין ווייב, אומזיסט געווען דאָס פאָרן... דער וועג פאַרטראָגן איבער די פלויטן, נישט רעכטס און נישט

לינקס. צום יונגערן ווּעסט, חיים, אויסשפּאַנען דעם פערד און פיר אים אין שטאַל אַריין.

חיים

אפשר זאָל מען נאָך פּרווון ווידער אַ פּאָר טאָג?

פּנחס

וואוּ ט׳מען שוין איצטער פאָרן?

חיים

גייט אַרויס

פּנחס

צוּ דער מוטער

ווייסט, שרה, וואָס איך וואָלט דיר זאָגן...

שרה

מיר רעדן זיך און גאָט ווייסט וואָס מיט זיי איז דאָרטן. פּערעלע, מיין קינד, גיי אַוועק פון פענסטער, וועסט זיך נאָך חלילה פאַרקילן.

פּנחס

קאָן זיין מען איז גאָרנישט אַרויסגעפאָרן; ס׳האָט אָנגעהויבן צוּ שנייען, זענען זיי געבליבן אין דער היים. וואָרים מיט זיינע פערד האָט ער שוין דאָ געדאַרפט לאַנג אָנשפּאַרן... שאַ, מען איז געקומען!...

די טיר עפנט זיך און ס׳לאָזן זיך אַריין יידן, יידענעס, אַרומגעוויקלט אין פּאַטשיילעס און אין בגדים ממש אַ נאָז נישט אַרויסצוזען; טופּען מיט די פיס, אַראָפּקלאַפּנדיק דעם שניי פון די שיך. מען גיט אָפּ דעם גרויסן „גוט-וואָך — גוט-יאָר". פון די פּאַטשיילעס וויקלען זיך אַרויס אַ מוטער מיט אַ טאָכטער. די מוטער פאַלט צו צו שרהן, קושן זיך. דאָס מיידל וואַרפט זיך פּערלען אויפן האַלז. די מענער, נאָך אַלץ פאַרנומען מיטן אָפּקלאַפּן דעם שניי פון זיך, הוסטן, ניסן, שנייצן די נעז

שרה

אָט ערשט איצטער קומט ער דאך אַריין. פנחס מיטן בחור געפאַרן אַנטקעגן.

פנחס

וועסט גלויבן, יוסל בער, אַז כ'האָב געמוזט זיין ערגעץ הינ-טער דיין דאָרף.

יוסל בער

אַזוי גאָר! כאַ־כאַ־כאַ, הערסט, מיין ווייב? איך בין נישט געפאָרן מיטן וועג, געלאָזט די פערד, זאָלן זיי ציען מ'ט די פעלדער. געוואוסט, זיי וועלן שוין ברענגען וואוהין מען באַ-דאַרף. מיין יידענע איז שיער נישט געפרוירן געוואָרן. גיי צום אויוון, מאַכלע, וואַרעם זיך אָן.

מאַכלע

אַבי, דאַנקען גאָט, אָנגעקומען. כ'האָב מיר שוין געהאַט גע-שראָקן. מאַלע, כ'ווייס, לאָזן זיך שבת-צו-נאַכטס אין אַזאַ וועג אַריין. וואַרעם אין שטוב, אַ מחיה... וואָס טוסטו, פּערעלע? זעט נאָר, זי נייט גאָר אויס. גיב, איך וועל דיר דיינע באַקן אָנקושן... מום... וואַרעמע שמעקעדיקע באַקן. ווי שבתדיקע קיכלעך, אַזוי שמעקן זיי.

שרה

און מיר האָט שוין מיין האַרץ געשראָקן.

פנחס

איך האָב געוואוסט, אַז מען וועט קומען. אָפּגערעדט איז אָפּ-גערעדט. און ר' נחמן איז אויך געקומען?

מאַכלע

האָט מורא געהאַט שדכנות אָנצוווערן.

נ ח מ ן

כאַ־כאַ־כאַ, טאַקע אַזוי!

פּ נ ח ס

צוּם יוּנגערן

נוּ, שמחה, וואָס מאַכסטוּ? מיינסט, אַז מען ווערט אַ חתן באַ־
דאַרף מען זיך האַלטן געפּגרט? וואס מאַכסטוּ?

ש מ ח ה

וואָס זאָל איך מאַכן? אַ קנאַקעדיקער פּראָסט דרויסן.

מ אַ כ ל ע

ער איז אין דער מאַמען זיינער געראָטן. אַז מען האט מיר
אָנגעזאָגט, אַז איך ווער אַ כּלה, בין איך געווען אַזוי צעטוּמלט,
ווי כ׳וואלט מיך אָנגעגעסן מיט משוּגענעם פּאַסטערנאַק...
וואס זאָגט איר שרהשי, צוּ מיין סאָסיעלן? ווי זיי שיינען
ביידע, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, וואָלט זיך נאָר מאַכן
עפּעס רעכטס, וואָלט, מיינט איר, שוין קיין צייט נישט געווען?

פּ ע ר ל

הערסט, סאָסיעלע, וואס די מאַמע רעדט?

ס אָ ס י ע

איך? כ׳האָב נישט געהערט.

ש מ ח ה

האָסט שוין יאָ געהערט.

נ ח מ ן

אַלע מיידלעך ווילן חתנים. וואַרט, לאָמיר נאָר אָקאָרשט פּרי־
ער איינס אָפּפּטרן.

אַ י י ז

איז מקנא איר ברוּדער, כאַ־כאַ־כאַ.

דער עולם לאַכט גוּטהאַרציק

יוסף בער

איצטער, נחמן, לאַכסטו, האָסט אויסגעפּירט. מיינסט אודאי אָן דיר וואָלט מען זיך נישט געקאָנט באַגיין. מען וואָלט שוין געטראָפן דעם וועג אַליין, — וואָס זאָגסטו, פּנחס?

נחמן

און דו האָסט טאַקע געמיינט, אַז כ'וועל דיר פּאַרן קעלבל באַצאָלן? כאַ-כאַ-כאַ, אַ שיינע מעשה! כ'וואָלט גאָר אַליין אויף דעם נישט געפּאַלן, דעם אמת זאָגנדיק, מאַכט צו מיר מיין יידענע: שאַ, וואָס באַדאַרפסטו זאָרגן? פיר אויס דעם שידוך מיט פּנחסעס מיידל — האָסטו דיר שדכנות.

אַלע לאַכן

יוסף בער

פריער שדכנות אָפּגענומען און דערנאָך ערשט זיך גענומען פּאַרן שידוך. — וואָס זאָגסטו, פּנחס?

מאַכלע

איר, ר' נחמן, האָט טאַקע אין אמתן שוין געמעגט בלייבן אין דער היים.

נחמן

יידענע, וואָס איר זענט, און ביי מיר, מיינט איר, איז עס גאָר קיין שמחה נישט, וואָס יוסף בער און פּנחס וועלן ווערן מהותּנים?

אַ ייד

וואָס דען, אויף נחמנען קאָן מען זיך פּאַרלאָזן, שוין לאַנג געזאָגט.

נחמן

וואָס איז די פּעולה פון רעדן, זאָל מען עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

אַ ייד

קלאַפּט זיך פאַנאַנדער מיט די הענט ווי מיט אַ פּאָר פליגל זיך צו דערוואַרעמען

אָ־אָ, ס׳וואָלט טאַקע נישט שאַדן עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין.

מ אַ כ ל ע

מיין שוואָגער איז שיער נישט דערפרוירן געוואָרן. כ׳האָב אים אומישנע פאַרהאַלטן איבער שבת. זאָל ער אויך נחת האָבן.

ד ע ר י י ד

מיין יידענע וועט נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן.

פּ נ ח ס

טאָ גיי טאַקע, מיין ווייב, און דערלאַנג צום טיש.

פּ ע ר ל

העלף מיר, סאָסיעלע, גרייטן צום טיש. קום מיט מיר אין קעמערל.

מ אַ כ ל ע

נעמט זי איבער אין טיר, קושט זי

בלייב איצטער אין שטוב, מיין קינד. די מאַמע וועט גיין, אָדער איך אַליין וועל גיין, און אַז מען האָט נאָכנישט מקבל־קנין געווען, איז וואָס? ביי מיר איז זי שוין פאַררעכנט פאַר מיינס אַ קינד.

ס אָ ס י ע

כי־כי־כי, מיך, מאַמע, האָסטו גאָרנישט אַזוי ליב. אָט וועלן מיר גאָר, פּערעלע, דעם טיש אַרויסנעמען אויפן מיטן שטוב, וועלן אַלע זיך קאָנען אַרומזעצן.

נ ח מ ן

נו, שמחה, יינגאַטש איינער, איצטער שווייגסטו. זאָג, איז נחמן — אַ לאַכמען? אָדער... איצטער שווייגט ער; קאָן גאָר ס׳מויל נישט עפענען. וועסט שוין אָנלייגן היי אין וואָגן אַריין,

ווען נחמן וועט דורכפאָרן? יינגאַטש איינער, וועסט שוין זשאַלעוועון היי, שייגעץ איינער? כ'בעט אים אַנומלט, ער זאָל מיר אָנלייגן אַ קעלניע היי, מאַכט ער צו מיר: שוין לאַנג, רב נחמן, אַז אייער פערדל איז איידל געוואָרן? אַי, דו שייגעץ איינער, גיב מיר נאָר אַן אויער, וועל איך דיר אים אַזוי אָנדרייען... ע, ער לאָזט זיך נישט דער יינגאַטש.

דער עולם לאַכט גוטמוטיק

שרה

ברענגט אריין פון צווייטן חדר משקה און פארבייסעכץ

פערל

וואַרט, וואַרט, מאַמע, איך וועל אַראָפּנעמען פון טאַץ.

פנחס

זאָל מען זיך זעצן צום טיש.

נחמן

פארקוקט אין אויוון

עפּעס זע איך דאָרט אין אויוון. דאַכט מיר, קאַרטאָפל זאָל עס זיין.

יוסל בער

ווי ער האָט דערשמעקט! כאַ־כאַ־כאַ.

נחמן

דערלאַנגט עס צום טיש, וועט צוניץ קומען.

פנחס

דערלאַנג טאַקע צום טיש.

שרה

וואָס דו רעדסט? און אָן דעם איז חלילה נישטאָ וואָס אין מויל אַריין צו נעמען?

יוסל בער

יידענע, דערלאַנג עס אַהער. ס'וועט גאָר פריילעכער ווערן, אַז די פּאַרע וועט אַ זעץ טאָן צום פּולאַפּ.

שרה

איר מיינט, כ'האָב זיך נישט גערעכט? אָנגעבאַקן פון אַל־דאָס־גוטס. אַ פולע שאַפּע, קיין עין הרע, מיט קיכלעך און מיט פלאָדן. פּערעלע איז מיט מיר אַ גאַנצע נאַכט געזעסן.

מאַכלע

הלואי אויף אַלע מיינע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן.

מען זעצט זיך צום טיש. מען גיסט אָן און מען טרינקט לחיים

מאַכלע

וויל אַרויסנעמען דעם טאָפּ פון אויוון

שרה

זאָל איך צער האָבן, מאַכלעשי, אויב איך וועל עס אייך לאָזן.

פּערל

לאָזט מיר, איך וועל עס.

סאָסיע

לאָזט גאָר מיר, דו ביסט דאָך אַ כלה, באַדאַרף מען דאָך אַלץ טאָן פון דיינעטוועגן.

שמחה

עך, לאָזט מיר נאָר צו צום אויוון. אַוועק, מיידלעך! מיט אייערע הענט...

דער עולם לאַכט צופרידן, ווי דער חתן שלעפּט אַרויס פון אויוון אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל. עס שלאָגט פון טאָפּ אַ פּאַרע און צעגייט זיך איבערן גאַנצן שטוב

פּערל

לאָזט מיר אָפּזייען דאָס וואַסער.

ש מ ח ה

כ׳קאָן אַליין. לאָזט, מיידלעך, איר וועט זיך אָפּבריִען די הענט. כ׳קאָן אַליין, אָט אַזוי. אַך, ווי די פּאַרע זעצט אין פּנים אַריין. נו, איצטער שוין, קאָנט עס דערלאַנגען צום טיש. כאַ־כאַ־כאַ.

נ ח מ ן

קום אַהער שמחה צום טיש. זיך מיט די מאַנסבילן, לחיים, לחיים, יידן. פּנחס און דו, יוסל־בער, לחיים! מיין יידענע וועט נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן, וואָס כ׳בין אויף שבת נישט געקומען. נאָר אַז כ׳וועל איר דערציילן, אַז איך האָב דעם שידוך אויסגעפירט, וועט עס איר הנאה טאָן. זאָל זיין מיט מזל. לחיים!

מ אַ כ ל ע

הלואי, רבונו של עולם. וואָס באַדאַרף איך נאָך מער?

ש ר ה

איר, ר׳ נחמן, וועט אייך גאָט געבן און איר וועט נחת האָבן פון אייערע קינדער.

נ ח מ ן

וואָס דערלייג איך צום רבונו של עולם? האָב איך אפשר אַ שלעכטן שידוך געטאָן מיט מיין טאָכטער? האָט קיין עין הרע פיינע קינדערלעך — לחיים!

פ נ ח ס

לחיים! לחיים, יוסל־בער! אָט זעסטו, וויפיל מאָל בין איך דורכגעפאָרן מיטן וועג פאַרביי דיינע פענסטער? און וויפיל מאָל האָב איך דעם פערד אָנגעהאָנגען די טאָרבע הינטער דיינע פענסטער — און ס׳איז מיר גאָר אין קאָפּ נישט אַריין אַזאַ זאַך — כאַ־כאַ־כאַ...

נחמן

אָבער נחמן האָט עס נאָך פריער געוואוסט.

מאַכלע

וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, ווי זאָגט מען עפּעס? די וועלט איז זיך גרויס און איך קען מיר זיך אַליין. כ׳האָב געטראַכט: זאָל זי מיר נאָר אויסוואַקסן... געדענקסט, פּערעלע, פאַראַ-יאָרן, ווען דו ביסט ביי אונז געבליבן איבער שבת? זונטאָג האָט מען געשלאָגן פּוטער, איז עפּעס האָט מיר עמיצער דער בהמה אַ גוט אויג געגעבן און די פּוטער האָט זיך נישט געוואָלט אויסשלאָגן; געוואָרן שרויטעלעך און נישט געקאָנט צונויפנעמען אין דער קאָלטושקע, כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה, מיינע שונאים. זאָגט זי צו מיר: לאָזט נאָר מיר, מאַכלעשי, אירט זען ווי ביי מיר וועט זיך עס אויסשלאָגן איינס און צוויי. און וואָס מיינט איר? די פּוטער אַרויסגעקומען, גאָר אַ מחיה געווען צו קוקן.

זי ציט צו זיך פּערלען, קושט זי און בלאָזט זי אָפּ

פּערל

געדענקסט, סאָסיעלע, ווען ס׳איז געווען?

שרה

ווען נישט ר׳ נחמן טאַקע... כ׳האָב געמיינט נאָך וואַרטן ביז די בהמה וועט זיך קעלבן, אפשר וועט גאָט געבן ט׳זיין אַ יאַלעשקעלע, וואָלט מען עס געהאָדעוועט.

פּערל

און איצטער אויב ס׳וועט זיין אַ יאַלעשקעלע וועט מען עס טאַקע אויך האָדעווען.

יוסל בער

לחיים! ווייס איך דאָרט וואָס. איך זאָג מיר מיינס, אַז איך

באַדאַרף נישט האָדעווען קיין קעלבער, וואַרטן דריי יאָר, אַז איך גיי מיר אַוועק אין דאָרף אַריין און כ׳קלויב מיר דאָרט אויס אַ בהמה וואָס מיר געפעלט. באַצאָלט און פיר צו זיך אין שטאַל אַריין.

ש מ ח ה

אַבי נאָר אַ שטריקל — כאָ־כאָ־כאָ.

ס אָ ס י ע

איך האָב געזאָגט דער מאַמען פאַראַיאָרן, ווען פערל איז געווען ביי אונז. מיר האָבן יעמאָלט שוין אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט נעמען שמחהן און טאַקע וואוינען ביי אונז און איך וועל ניאַנטשען אירע קינדער.

מ אַ כ ל ע

מאַמעלעך מיינע, איר הערט שרהשי?

אַלע לאַכן

פ ע ר ל

גיי, וואָס האָסטו עס דערציילט?

י ו ס ל ב ע ר

כ׳האָב מיר אַביסל אָנגעוואַרעמט. לחיים! מילא, געלעכטער אָן אַ זייט. ביי יידן איז ווי ביי יידן, וואָס זאָגסטו, פּנחס? אַ קינד איז אַ קינד — וואָס, נישט? מען ט׳חתונה מאַכן פריער דעם ייִנגל; דערנאָך ט׳מען חתונה מאַכן די טאָכטער אויך. ווי זאָגט מען עפּעס? אַז מען קאָשעט באַגינען מיט דער ראָסע, גייט גאָר גרינגער די קאָסע. האַ, וואָס, נישט? ביי יידן איז ווי ביי יידן.

פ נ ח ס

מען וועט זיך נאָך באַדאַרפן אַביסל מישב זיין.

יוסל בער

וואָס איז דער חילוק? אַז איך רעד נישט, טאָ וואָס האָסטו צו רעדן? מען ט'קאָנען רעדן נאָך דער חתונה, אַז גאָט וועט געבן, דו וועסט געבן צושטייער; איך וועל געבן צושטייער. ווילסטו זיי האָבן ביי זיך, טאָ האַלט זיך זיי געזונטערהייט; ווילן זיי זיין ביי מיר — איז ד'י שטוב, קיין עין הרע, גע-נוג גרויס. אלא ס'וועט זיי נישט אָנשטיין צו וואוינען מיט טאַטע-מאַמע, וועלן האָבן חשק זיך אָפּצוטיילן — וועט מען איינשפּאַנען דיינע פערד, מיינע פערד, מען ט'פאָרן אין וואַלד אריין, מען ט'אַראָפּלאָזן עטלעכע ביימער, אַנידערשטעלן טראַט-שעס — אָנשניידן ברעטער, קלעצער, און — כאַ־כאַ־כאַ, וואָס, נישט?

נחמן

וואָס האָב איך געזאָגט, פּנחס? ער האָט מיר נישט געוואָלט געטרויען, אַז איך זאָג עס צו אים. ניין, זאָגט ער, יוסל-בער וועט זיך ברעקלען, וועט וועלן נדן פאַרן יינגל. זאָג איך צו אים: דו קענסט נישט יוסל בערן. יוסל בער, זאָג איך צו אים, האָט אַ ברייט הארץ. יוסל בער, זאָג איך צו אים, זוכט דעם קרן, און דאָס איז אַלץ. לחיים!

יוסל בער

איך ווייס מיר מיינס. איר טאַטע האָט נ״ע אויך גאָרנישט געגעבן און דער וואָס אין הימל האָט נישט פאַרלאָזן. כ'האָב געזאָגט צו נחמענען: כאַפּ זיך אַריבער, רעד איבער מיט פּנחסן, זאָג אים... וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן — לחיים!...

שמחה

פון אייער גאָרטן אַזעלכע מעליקע קאַרטאָפל?

פערל

אַוודאי פון אונזער גאָרטן.

פ נ ח ס

גאַנצע זעקס גריבער הינטערן שטאַל באַגראָבן. קריגסט דיר צוויי גריבער קאַרטאָפל אַ מתנה, אויב זיי געפעלן דיר.

פ ע ר ל

שאַט נאַר, וואו איז חיים?

ש ר ה

וואו איז טאַקע חיים? ער איז דאָך גאָר געגאַנגען אַריינפירן דעם פערד אין שטאַל אַריין.

ש מ ח ה

איך וועל גיין זען וואו ער איז.

ש ר ה

וואו ס'טו שוין איצטער גיין, מיין קינד.

נ ח מ ן

זאָל מען מקבל קנין זיין. דערנאָך וועט מען גיין זען, וועט נישט פאַרפאַלן ווערן.

דערלאַנגט זיין טיכל צו יוסל בערן און צו פנחסן. מען איז מקבל קנין. די ווייבער נעמען זיך אַרום און קושן זיך און ווישן די טרערן און דערנאָך, אָן ווערטער, קושט שרה שמחהן און מאַכלע האַלזט לאַנג פערלען. סאָסיע נעמט אויך אַרום פערלען און זיי קושן זיך. די מענער זענען אַביסל בגילופנדיק, ערנסט, כאָטש דעם גלייכגעוויכט פאַרלוירן

י ו ס ל ב ע ר

אָט אַזוי, פנחס, גיב מיר נאָכאַמאָל אַ האַנט... און דו, מיין זון, וועסטו וויסן ווי אַזוי זי צו שאַנעווען?

ש ר ה

איך פאַרהאָף צו גאָט.

ח י י ם

קומט אַריין אַ פאַרשנייטער

פּנחס

אָט איז ער!

פּערל

וואו ביסטו געװען אַזױ לאַנג?

חײם

כ'האָב אױסגעשפּאַנט די פערד און פאַרפירט זײ אין שטאַל אַרײן. כ'האָב זײ געגעבן אַ טרונק; זענען זײ געװען פאַר־שװיצט, האָב איך זיך מיט זײ אַביסל דורכגעלאָפן.

פּנחס

קום צום טיש און מאַך אַ ברכה.

שרה

קאָנסט אונז אָפּגעבן מזל־טוב.

חײם

מזל־טוב, לחיים! אײער קאַשטאַנעװאַטער, ר' יוסל בער, האָט אַביסל אַ גראָבלעכן קאַרק. איר באַדאַרפט האָבן פאַר אים אַ גרעסערן כאָמוט אָדער אפשר גאר שפּאַנען אין דער שלײע.

יוסל בער

ער איז גערעכט, װי איך בין אַ ייד. כ'האָב עס אַלײן שױן געטראַכט.

אַ ייד

דאס איז שױן אײנמאל אַן אױג. בײנאַכט אין דער פינסטער צו דערקענען — כאַ־כאַ־כאַ.

שרה

ער איז שױן אײנמאל אַ בעל הבית. געראָטן אין זײן עלטערן ברודער, װי צװײ טראָפּנס װאַסער.

חײם

װאס לױבט איר מיך אַזױ, מומע? איר װײסט, אַז װען איר

זייט מײַנע אַ מומע און נישט קיין עלטער-מומע, וואלט איך נאך אפשר געווען גערעטן אין פערלען אויך... לחיים, לחיים!

יוסל בער

ער קערט אַריין גאר נישקשהדיק.

נחמן

וועסט אים אָפּלאזן, פנחס, אַז כ׳וועל וועלן?

חיים

דער פֿאָטער האַלט מיך נישט צו. איך גיי אַליין נישט.

שמחה

כאַ־כאַ־כאַ, ער איז טאַקע אַ חכם.

יוסל בער

זאָל נחמן פֿאַר אים עפּעס אַ שידוך אויסזוכן. נאָך פאַראַן יידן אויפֿן דאָרף.

חיים

איצטער איז מיר וואַרעמער, לחיים, שמחה, דיר איז גוט... האַ... לחיים, יידן! לחיים, סאָסיע. ביסט טאַקע נאָכגעלאָפן דיין ברודער, האַ?

ווישט דעם פארשוויצטן שטערן. שטאַרק אויפגערעגט, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס וויכטיקעס זאָגן און קאָן נישט

יוסל בער

האַלט זיך שווערלעך אויף די פיס

קום נאָר אַהער. חיים. וואָס זאָגסטו, פנחס? האַ, פיו... דער קאָפּ דרייט זיך מיר אַביסל און כ׳ווייס גאָרנישט וואו כ׳בין אין דער וועלט. פיו... אַביסל צו שטאַרק די משקה דיינע. פנחס... וואָס זאָגסטו, פנחס? שאַ, וואו איז זי?...

מאַכלע

וועמען זוכסטו?

יאָסל בער

דיך זוך איך טאַקע. קום נאָר אַהער. ביסט דאָך די מאַמע, זאָל עס גיין אַ גאַנג, אַז עס גייט שוין, האַ? וואס זאגט איר, ר׳ נחמן? איר ט׳קריגן נאך אַ קעלבל; און צווײ קעלבלעך אויך.

מאַכלע

וואס מיינסטו, יאָסל בער?

יאָסל בער

פנחס, ביסט דאך זיינער אַ פעטער! קיין טאַטע נישטא, טאָ קאָן מען דאך מיט דיר רעדן. זאָל עס גיין אַ גאַנג, אויב עס גייט שוין אַזוי. האסט אין דער פינסטער דערזען אַז דער קאַשטאַנעוואַטער האט אַ גראבן קאַרק און באַדאַרף גיין אויף דער שלייע — ביסטו אַ כוואַט. האב איך דיך דערפאַר האָלד... מיינסטו, כ׳ווייס נישט, אַז דו האסט אויף סאָסיען אַן אויג געווארפן? כ׳ווייס. טא וויל איך דיר פרעגן: וועסטו נעמען מיין טאכטער אָן נדן?

שרה

מאַמעלעך מיינע!

חיים

האַ?

פערל

קושט סאָסיען. סאָסיע באַהאַלט דעם פנים

יאָסל בער

הערסט דאך, וואס מען רעדט צו דיר. וואס מאַכסטו זיך געפּגרט? ביסט דאך געקומען יעמאלט שבת, טאָ ענטפער

אויך וואס איך פרעג דיך: וועסט נעמען מיין טאכטער אָן נדן — האַ?

פּנחס

כאַ־כאַ־כאַ! — —

נחמן

און איך, שוטה, מיר איז עס גאָרנישט איינגעפאַלן.

יוסל בער

וואס, דו קווענקלסט זיך? ווילסט טאַקע נדן!

חיים

זאָל די מאַמע אויך- זאָגן אויב איך געפעל איר.

נחמן

אָבער סאָסיע געפעלט דיר, יינגאַטש איינער?

חיים

אַודאי געפעלט זי מיר, און כ׳בין אייך מוחל אייער נדן, קאָן נאך מיין שטעטל באַשטיין.

יוסל בער

אַ דו שייגעץ איינער, מיינסטו אָבער דאָ אין שטוב וועט מען שוין מקבל קנין זיין? ביידע שמחות ביי פּנחסן אין שטוב! גיי, זיי־זשע מוחל, און שפּאַן איין די פערד און צו מיר וועט מען איצטער פאָרן. איידאַ, צו מיר אַלע!

נחמן

אָט וועל איך מיט דיר מיטגיין, דו יינגאַטש איינער.

חיים

קום סאָסיע, אויך.

לויפט ארויס

מ אַ כ ל ע

מאַמעלעך מיינע! זיי אין שטוב. וואָס זאָגט איר דערצו, שרהשי? מיין האַרץ ווערט מיר צעשמאָלצן.

פ נ ח ס

אָט וועל איך אַרויסגיין העלפן איינשפּאַנען.

גייט אַרויס

י ו ס ל ב ע ר

פּאַקט זיך איין, ווייבער!

ש ר ה

כ׳וועל טאַקע אַלצדינק איינפּאַקן, מיטנעמען.

י ו ס ל ב ע ר

משקה פאַראַן ביי מיר אויך, נאָר פאַרבייסעכץ פאַרכאַפּט.

פ ע ר ל

קום, סאָסיעלע, העלף מיר אָפּרוימען פון טיש.:. האַ, דיר גלויבט זיך עס גאָרנישט? לאָז, וועל איך דיר געבן אַ קוש. אוי, דיינע באַקן זענען ווי פייער, סאָסיעלע... לאָמיר די אַלע פאַרבייסעכצן פאַרבינדן אין טישטוך און אַריינלייגן אין וואָגן אַריין.

י ו ס ל ב ע ר

שפּעטער ט׳איר אויך אַזוי לעבן בשלום? כ׳וועל אייך נישט אַרויסלאָזן פון שטוב. איר הערט, מחותנתטע, כ׳וועל זי נישט אָפּלאָזן פון זיך.

ס אָ ס י ע

לאָמיר שוין די כּלים אויך אַראָפּנעמען פון טיש.

מ אַ כ ל ע

זע נאָר ס׳אַראַ בריות.

יוסל בער

טוט זיך אָן, וויקלט זיך גוט אַרום.

שרה

פּאַקט איין די פלעשלעך מיט די גלעזלעך, זאָל נישט צע-בראָכן ווערן.

חיים

קומט אריין

פּאַרטיק? איינגעשפּאַנט.

פּנחס און נחמן קומען אַריין

פּנחס

דרויסן שטילער געוואָרן. דער ווינט שטעלט זיך.

יוסל בער

לאָמיר נעמען נאָך צו ביסעלעך. שוין פּאַרפּאַקט. אָט וועל איך נאָך נעמען אַביסל... לחיים! לחיים! אַ שמחה, — ביי דיר אין שטוב. אַ שמחה ביי מיר אין שטוב. נישט מבזה זיין מיין שטוב אויך.

שרה

וויקלט זיך אַרום, קינדערלעך.

דער עולם קלויבט זיך אַריין צוריק אין די ווינטערדיקע קליידער

חיים

לאָז, סאָסיע, וועל איך דיר פאַרבונדן די פּאַטשיילע פון הינטן.

סאָסיע

ציי נישט אַזוי שטאַרק, וועסט מיך דערשטיקן!

שרה

דרייט אָראָפּ דעם לעמפּל און טראָגט אים אין אַנדערן חדר אריין. קומט באַלד אַרויס צוריק. דער עולם גייט צוביסלעך אַרויס שטיל. דער רויטער שיין שלאָגט פון אויוון און צעגיסט זיך אין אַ ראָד אויף דער פּאָדלאָגע

מאיר חיים, חנה און עטל קומען אַריין

חנה

וואַרעם אין שטוב, אַ מחיה. וואו איז די באָבע?

עטל

זי האָט געוואָלט אויפן אויוון, געווען שלעפעריק. זעסט ווי שיין דער פייער שלאָגט זיך אָפּ אויף דער פּאָדלאָגע?

מאיר חיים

אַ שאָד, וואָס זי איז איינגעשלאָפן. געקאָנט איר אָנוואַרעמען אַ זופּ מילך.

חנה

זינט זי האָט אויפגעהערט צו זען איז זי אויף נאָכאַמאָל אַזוי פיל געעלטערט געוואָרן.

עטל

אָבער זע נאָר, ווי ס׳האָט זיך אין אויוון צעפלאַקערט!

חנה

שאַ נאָר, דאַכט זיך מיר, זי שרייט פון שלאָף.

עטל

מזל-טוב שרייט זי... הערסט? אָט וועל איך זי אויפוועקן. באָבע, שטיי אויף! די בהמה האָט צוגעלאָזן, קום אַראָפּ, וועסטו טרינקען מילך!

גייט אינם אַנדערן חדר

חנה

אָט לאָז איר בעסער שלאָפן.

מאיר חיים

זאָל זי אַראָפּ פון אויוון עפּעס איבערכאַפּן.

עטל

איר שטימע פון אַנדערן חדר

קום אַראָפּ, באָבע, פון אויוון. כ׳האָב אפשר צוויי גלעזער

מילך אָנגעמאָלקן. כ׳וועל פאַר דיר פאַרבריען חלה. אָט אַזוי, קום אַראָפּ. שטעל אַ פוס, אָט דאָ...

חנה

ס׳אַראַ גילדערנע האַרץ זי האָט.

מאיר חיים

די באָבע האָט זי טאַקע דערפאַר אַזוי האָלד.

די אַלטע קומט אַריין, געפירט פון עטלען

חנה

וואָס האָט איר געשריען פון שלאָף, שוויגער?

עטל

מזל-טוב האָט זי געשריען. אמת, מזל-טוב האָסטו געשריען, באָבע?

די אַלטע

וואָס עס קאָן זיך עס אָנפּלעטשען אין קאָפּ. ט׳זיך מיר געחלומט, אַז כ׳בין נאָך אַ מיידל... אוי וויי, וואָס עס קאָן זיך אָנדראָליען. דער גאַנצער תנאים האָט זיך מיר געחלומט. חיים, זאָל זיין אין גן עדן, איז דאָך מיר געקומען צו חלום. אוי, וויי איז מיר, סאָסיעלע איז דאָך אויך מיר געקומען צו חלום...

חנה

מסתמא וועט עס זיין צום גוטן. קומט, שוויגער, צום אויוון, וועט איר זיך אָנוואַרעמען.

די אַלטע

וואו ביסטו, עטעלע... אַז איך ניי אויס די פראָסט-קווייטן פון די פענסטער מיט רויטע גאַרן אויף קאַנווע, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, און אַז איך זינג יענץ לידעלע, וואָס כ׳האָב דיר געלערנט... ווייסט דאָך זינגט

שני—רע—לע פערל, גיל—דער—נע פּאָן,
משיח בן דוד זיצט אוי—בן אָן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —